STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01925

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ.

אַלט און ניי.

(נייע פאָלקסטימליכע און אנדערע געשיכטען.)

אַלע ווערק.

נײַנטער באַנד.

פערלאג אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק-קאָמפּ.

ווארשא — נויארק.

ВАРШАВА 1912 г.
Типографія Левинъ-Эпштейнъ, Павлиная 38.

אינהאַלט
פון נייַנטען באַנד

די ירושה.

(אַנשטאָט דער פאָררעדע.)

ערשטע אָבטיילונג:

פאָלקסטימליך

1) ענטפלעקט.
2) דער אַרענדאַר.
3) דער עונש.
4) אויף דער פרישער לופט.
5) דער קרבן.
6) כּרת.
7) שמחה שבשמחה.
8) בעריל דער שניידער.
9) דער שבת־גוי.
10) נישט פער'משפט.

צווייטע אָבטיילונג:

משלים.

1) קין און הבל.
2) דער מלאך.

3) פון אייביגען פריעדען אין ערגיץ-לאנד.
4) צוויי ברידער.
5) דאָס גלעזיל.
6) דער בילדהויער.
7) דער פיער-פארביגער לאַמטערן.
8) די היטערין פון היילינגען פייער.
9) דער קאָלאָניסט.

דריטע אָבטיילונג:

פערשיעדענס.

1) קינדער (א סופות-ערצעהלונג).
2) צוריקגעקומען.
3) איין אומבעקאנטע.
4) א חנוכה-לעמפעל.
5) משופע.
6) פון וואנען נעמט זיך:
„ער שפיעלט פאַר'ן טייוועל".
7) וואָס מתים פערצעהלען.
8) א קברות-נאַכט.

I. Gorelick
to the J.C.R.S.' Library
Nov. 1922.

די יְרוּשָׁה.

(אַנשטאַט דער פאָררעדע.)

מען האָט צו וויסען געטהון דעם גערטנער, אַז די שענסטע, די ווייסעסטע ליליע, וואָס ער האָט געפלאַנצט און ערצויגען, די שענסטע פון זיין גאָרטען, זיין שטאָלץ און זיין פרייד, איז איבער נאַכט פערשוואונדען —

דורכגעפלויגען איז אַ ווינד און האָט זי אַרויסגעוואָרצעלט, מיטגעריסען, אַוועקגעטראָגען, און אין ווילדען טרייב געווים ערגיץ אויפ'ן וועג פערלוירען — —

עס האָט איהם וועה געטהון, דעם גערטנער.

עס איז זיין ליעבסטע בלום געוועזען — זיין שטאָלץ, זיין טרייסט; האָט איהם וועה געטהון דאָס הארץ.

ביי'ם ברעג פון ים ליעגט אַ שיפער און שלאָפט .. ער האָט זיך אין מילדען אָבענד געלעגט... אויף דער קייט האָט זיך שטיל זיין שיפעל געוויעגט, און שטילע זיסע חלומות האָבען איינגעוויגט דעם שיפערס הארץ-רייסענדיגע בענקשאַפט...

אַריבער וועט די נאַכט... אָנהייבען בליהען וועט דער טאָג... אויף די וועלען-רוקען וועקען זיך גלאַנצען, אָבגלאַנצען פון מאָרגען-רויט אין מזרח — בעפרייען וועט ער דאָס שיפעל! און פון נאַכט און פינסטערקייט ערלעזט, וועט ער

אריינגעשפרונגען מיט לוסטיגער קראפט, רידערן — די רעשט־לעך שאָטען און שלאָף פון די וועלען־רוקען פעריאָנען — פעריל וועלען אויפשווימען און ארומרינגלען זיין שיפעל —

העי! העי! אין דער וויט, אין דער ברייט — איבער וועלען, איבער גלאנצען, העט! העט! צו נייע ברעגען, צו נייע וועלטען — —

און עמיץ נעהט דורך, ריהרט׳ם אן ביים אקסעל:

— שיפער — דיר חלומט, און דער ווינד האָט זיינם געטהון, ער האָט אָבגעריסען די קייט! די צאָרניג אויפגע־ברויזטע פאַליע האָט דיין שיפעל פערחאפט און פערטראָגען — און דער הימעל, דער הימעל צירנט, און דער ים צורודערט זיך — רוק דיך אָב פון ברעג —

דער שיפער ערוואַכט.

און זיין הארץ־וועה ערוואַכט און זיין אייביגע בענקשאפט...

די זון נעהט־אונטער, און דער פאסטוך אין וואלד קען זיך זיינע שאָף נישט דערצעהלען. איינם פעהלט, איינם האָט זיך פעראירט... איינם — דאָס ווייסעסטע, דאָס יונגסטע און דאָס בעסטע...

ער רופט עס מיט די ליעבסטע נעמען, מיט איין אונרוהיגער פערבענקטער שטימע. פיער־פאַליג ווארפט איהם דער וואלד זיין שטימע צוריק — דאָס שעפיל ענטפערט נישט. פון איהם קיין קלאַנג...

און די זון זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער, דיקער און דיקער לעגען זיך די שאָטען, אין נעפעל פערוויקלען זיך די ביימער...

נעשווינד טרייבט ער אהיים די הערט, פערשפארט זיי, און חאפט א לאמטערן, צינדט׳ן אָן, און לויפט מיט הארץ־קלאפעניש צוריק אין וואלד אריין, זוכען זיין געליעבט שעפע־לע, דאָס ווייסעסטע, דאָס בעסטע, דאָס יונגסטע — —

קומט ער אין וואלד אריין ציטעריג-שטראַהלענדיג איז דאָס שוואַכע פלעמ׳ל, און פלוצלונג וועקט זיך דער ווינד, גיט אַ יאָג און לעשט דאָס איינציגע ליכטעל אויס — —
אין פינסטערניש און שרעק פערזונקען בלייבט דער פאַסטוך אין וואלד.

און דעם גלייביגען איז מען געקומען אָנזאָגען:
— אַ דונער האָט אריינגעשלאָגען אין דיין היילינקייט...
דיין גאָט, אָן וועלכען דיין נשמה האָט געהאָנגען, צו וועלכען דיין הארץ האָט געבענקט, דיין איינציגע האָפנונג און רעטונג, — דיין גאָט איז אַראָב געפאַלען און האָט געפלאַצט, און איז צעשטויבט געוואָרען... און אַ ווינד האָט זיך אויפגעהויבען און זיין שטויב אויפגעהאַפּט און צעשפרייט און צוזייט...
צוריסען איז געוואָרען דאָס הארץ ביים גלייביגען.

און איך בין דער גלגול פון די אלע...
איך האָב גע׳ירש׳נט די וועהטאָג פון גערטנער, פון שיפער, פון פאַסטוך, פון גלייביגען — דאָס אַלץ צעזעצט מיר די ברוסט.

ערשטע אבטיילונג:

(פאלקסטימליך.)

ענטפלעקט.

קאַפּיטעל 1.

גענענדיל, למך און ביילקע
די זעלנערקע.

איז — אַ צייט מיט יאָהרען צוריק, — געקומען צו אונז אין שטעטיל אַריין איין אַלט פּאָר־פאָלק, אַ יודעל — למך און איין אשה — גענענדיל.

געקומען, איין גאָט ווייסט פון וואַנען, און אָהן קינדער. געהאַט און אויסגעגעבען, צי, נישט פאַר איין געדאַכט, פער־לוירען, און אפשר גאָר נישט געהאַט, אַ קשיא אויף אַ מעשה?!

און געקומען זענען זיי פאַרנאַכט. האָבען זיי איבערגע־נעכטיגט אין אורחים־הויז, און געגאַנגען באַלד צומאָרגענס אין דער פריה, זוכען אַ דירה אין ליימענעם געסיל, וואו די אָרימע לייט וואָהנען...

האָבען זיי געפונען אַ ליידיג קעכיל מיט אַ פינסטער אַל־קיריל — די שכנים פון דאָרט האָבען זיך גראָד געלאָזט אויף דער וועלט אויף הכנסת כלה, — האָבען זיי זיך דאָרט בעזעצט, אויסגעפאַקט דאָס הילצערנע קעסטיל מיט צוויי קייבערליך, אין וועלכען עס זענען גאַנץ גרוים געלעגען זייערע אַלע זיעבען זאַ־כען, בעקומען שטרוי אין זעק אַריין צום געלעגער און אַרוים־געגאַנגען זוכען פרנסה...

איז למך געגאַנגען זיך איינשרייבען אין דער חברה „תהלים־

זאָגער״ און באַלד נושא חן געווען ביי די גבאים און די אויגען: אַ יודעל, אַ שמילם, אַ קליינם; פּיילטע אייגעליך און כמעט אַ ווייבעריש קעלעכיל — עם וועט אָנהאַפּען ביים האַרץ...

און גענענדיל — אַ יודענע, ווי מען זאָגט ביי׳ן אונס, — אַ „פּאַסטומענט״ און מיט הענד און פים, און אַ קול פון אַ מאַנספערשוין, — האָט זיך, נאָך דעמזעלבען טאָג, נעמאַכט אַ פּלאַץ צווישען די פערקייפערינם אין מאַרק, און באַלד, מיט זיין ליעבען־נאָמענם הילף, עטליכע מציאות געקויפט...

שלענדערט זיך די גרויסע גנענדיל איבער׳ן מאַרק, אי־בער די גאַסען... קומט שוין אין אַלע הייזער אריין; וואַרפט זיך אומעטיג אין די אויגען אריין. און דאָם קול גייהט פון איין עק שטעטיל צום צווייטען...

און למך, אויב ער האָט קיין פערדיענסט נישט — זעהט איהם נישט קיינער, הערט איהם נישט קיינער... זיצט ער זיך, ביי׳ן אַ גראָשענדיגע ליכטעל, אַ נים — ביי׳ן אַ קיהנדעל, ביי זיך אין אַלקעדיל און זאָגט זיך תהלים פאַר זיך.

האָט ביילקע די זעלנערקע, — אַ פריילינבע זאַך, איין ענונה, וואָם וואהנט אין אַ ווינקעל אין דער גרויסער שטוב, וואַנד־אָן־וואַנד מיט׳ן פּאַר־פּאַלק — איהם פאַר זיין שטילקייט גערופען: למך׳ל, און זי, דעם פּאַסטומענט, פאַר איהר גרויסקייט: גנענדויל; איז אַזוי שוין געבליבען, האָט מען זיי שוין אַזוי גערופען אינם גאַנצען שטעטיל...

האָבען טהירען און ווענד פון די הייזלעך אין לייטענעם געסיל שפּאַלטען און לעכער, און שכנים און שכנות — אויגען און אויערן, קוקט מען און מען הערט אונטער. מען וויל וויסען, ווי אַזוי אַזאַ פּאַסטומענט ג—נ—ע—נ—ד—ו—י—ל לעבט מיט אַזאַ שטיל און קליין למך׳ל...

קוקט מען און מען גאַפט; הערט מען אונטער און מען שטוינט: אין דער היים איז די יידענע גאָר קיין פּאַסטומענט נישט נור אַ פשוט׳ע שטילע גענענדיל. למך׳ל זיצט אין אַלקיריל ביי זיך. זי קומט זיך פאַרנאַכט שטיל אריין. לייגט שטיל אָן

אַ פייער, שטעלט צו איהר טעפּיל קאַרטאָפּליס, צי איין אַנדער מאכל; שטייהט, כל זמן עס קאָכט זיך, שטיל ביים אויבען, שטריקט זיך איהר זאָק, וואַרפט נאָר פון מינוט צו מינוט אַ ליעבהאַרציג אויג צו דער טהיר פון אַלקיריל — עפּיס אַ ליעבהאַרציגע, שטילע טויב! דערנאָך, אַז עס ווערט פאַרטיג, צעוואַרפט זי דאָס פייער, דעקט צום טיש, פּעריגרעסערט דאָס לעמפּיל, גייהט שטיל צו צום טהיר׳ל פון אַלקיריל, פּויקט שטיל אָן מיט אַ פינגער, אַריין גייהט זי נישט, און טרעט אָב אָן אַ זייט, און לאָזט דורך למך׳לען, וואָס קומט אַרויס, מיט אַ שמייכעלע... אין דאָס פאָר־פּאָלק וואַשט זיך, אין מאַכט המוציא, זי גיט אויף, און מען עסט, און מען בענשט אין דער שטיל...

דערנאָך הייבט ער זיך שטיל אויף און גייהט ווייטער מיט אַ שמייכעלע צוריק אין אַלקיריל אַריין; זי שטעלט זיך אויף, שטייהט אַ ווײלע און קוקט איהם נאָך, ביז ער פערמאַכט אונטער זיך דאָס טהירעל. און ציהט באַלד צוריק אַריין די קנויט פון לעמפּיל, און נעמט זיך צו וואַשען דאָס געפעס...

מאַכט ביילקע די זעלנערקע דאָס נאָך, האַלט מען זיך ביי די זייטען...

קאפיטעל 2.

גנענדיל זעהט אַ גרוים ליכט
און שטעלט ליידיגע טעפ אין
אויווען אריין.

טרעפט זיך אַמאָל און גנענדיל דער פאָסטומענט האָט נישט מיט וואָס אויסצופיהרען דעם שבת, גייהט זי אויך צו, קלאַפּט שטיל אָן אָן טהירעל פון אַלקיריל; דערהערט למדָ׳ל און קומט אַרוים. זאָגט זי איהם, כמעט זינדיג און פערשעמט, אַז עס פעהלט איהר דאָס און דאָס... טאָמער — טראַכט זי — פערוואַלגערט זי־ עפּים ביי איהם אין קעשענע.

זוכט ער און געפינט נישט, און זיפצט שטיל אָב, און זאָגט מיט אַ ליעב שמייכעלע, אַז גאָר נישט, גאָט איז אַ פּאָטער, און גייהט צוריק...

און גנענדיל, זעהט אוים, האַלט עס פאַר אַ סגולה ברוקה, אַז אַזוי ווי זי וועט אַרוים פאַר דער טהיר, וועט זי שוין עפּים פערדיענען, וועט איהר שוין זיין ליבער נאָמען עפּים צושיקען...
טהוט זי אַזוי...

מאַכט דאָס ווייטער נאָך כיילקע די זעלנערקע, קייכט מען. איז מען איהר אפילו מוחל אין דעם זכות דאָס דירה־געלד, וואָס זי איז שולדיג פאַר׳ן ווינקעל, וואָס זי פערנעמט צווישען עולם אין דער גרויסער שטוב: גייה, וואַרף אַרוים די פריילינע ענונה! אַ פינסטערע מרה שחורה וואָלט געבליבען

אין שטוב, און עס גײהען אַזױנע לאַנגע װינטער־נעכט...

װײסט גנענדיל פון דעם אַלעם, זי מאַכט זיך יאָ, צי זי מאַכט זיך נישט דערפון, שװײגען שװײגט זי...

האָט זיך אײן מאָל געטראָפען אַזאַ מעשה:

גנענדלי׳ן האָט װײטער פערפעהלט אױסצופיהרען דעם שבת, איז זי, לױט איהר שטײגער, שטיל צוגעגאַנגען צום טהיר׳ל פון אַלקיריל, — פױקט זי מיט׳ן פינגער: אײן מאָל, צװײ מאל, דרײ מאָל — למך׳ל קומט נישט אַרױס.

װערט זי אַ ביסעל אונרוהיג, עפענט זי דאָס טהירעל אױף אַ קלײנע שפּאַרע, זעהר זאַכט און פאַמעליך עפענט זי, אײן אשה, — דרך ארץ פאַר אַ מאַן! און אפשר האָט איהר דאָס הארץ פון אַ יודענע געזאָגט, אַז דאָרט אינ׳ם אַלקיריל איז עפּיס נישט אַזױ פשוט... עפענט זי זאַכט און שטיל אױף אַ שפּאַרע אַ שמאָלע...

דערזעהט זי: אין אַלקיריל, װאָס האָט קײן פענסטעריל נישט, ברענט נישט: נישט קײן קיהנדעל, נישט קײן ליכטעל, גאָר נישט; און ליכטיג איז — אַ גרױסע שײן, אַ גרױס ליכטיגקײט... און אין דער גרױסער ליכטיגקײט זיצט למך, אין עפּיס אַ ספר פערקוקט, און הערט זי נישט, און זעהט זי נישט...

האָט זי אַ געשװינדען ישוב, נעמט זי און מאַכט שטיל צוריק צו דאָס טהירעל.

— איך װעל איהם נישט מבטל זײן, — טראַכט זי, — װאָס מיר פעהלט, װײסט ער, מן הסתם, אַלײן...

און — ליכט צום בענשען האָט זי, חלה אױף המוציא איז דאָ, װעט זי אױפ׳ן ערגסטען פאַל יוצא זײן!

אָבער כדי די שכנות זאָלען נישט װיסען, װעט זי אײנהײצען אין אױװען! —

און אַז זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט קײן האָלץ נישט, פאַלט זי אױך בײ זיך נישט אָב. חאַפּט זי אַרױס דאָס שמרדי פון זאַק, אױף װעלכען זי שלאָפט, און הײצט אײן — יאָגט אַרױס אַ פלאַם, שמײכעלט זי:

— „זאָלען זיי זעהען דורך די שפּאַלטען!“

און חאַפּט באַלד טעפּ און פילט אָן מיט וואַסער, און ראַ-סעלט מיט די טעפּ ביים קוימען, און פּראַסעלט, און שמייכעלט ווייטער:

— זאָלען זיי הערען!

און נעמט די אָנגעפילטע טעפּ, און שטעלט אין אויווען אַריין און פערמאַכט מיט'ן ברעטיל, און פערקלעבט מיט ליים —

און גייהט אַרויס בּרייט, מיט פערלייגטע הענד פאַר דער טהיר — שבת געמאַכט!

קאפיטעל 8.

א נעפעל, — די שטוב
דרייהט זיך און דער
שבת-גוי קומט.

ווי אזוי פרייטאג-צו-נאכטס איז צוגעגאנגען, —
וואס גנענדיל האט געגעבען למך'לען, איהר מאן, צו עסען, —

ווי אזוי זי האט זיך געשפירט ביים טיש, פיהלענדיג, אז אונטער איהרע פלייצעס זענען די לעכער און שפאלטען פון פרייסישען וועגטיל אין דער גרויסער שטוב, צו די שכנות אריין, פול געפראפט מיט אויערען און אויגען...

און ווי אזוי זי איז איבערגעשלאפען די נאכט אויפ'ן לערען זאק, אהן א צייכען פון שטרוי, —

דאס אלץ מאלט אייך אליין.

נור חרטה אויפ'ן גאנצען עסק האט זי שוין געהאט... זי פערשטייהט שוין, אז זי האט די שכנות נישט אבגענארט.

אונטער'ן וועגטיל שושקעט מען און מען סוד'עט זיך; און א פערשטיקט געלעכטער הערט זיך, און די זעלנערקע האלט עפיס איין דעם עולם: „מארגען", זאגט זי אלץ-אין-איי-נעם; „מארגען! געדענקט נור צו שיקען דעם שבת-גוי..."

און אנגעהויבען האט זיך עס טאקע מארגען, באלד נאך דער שוהל.

גנענדיל קומט אהיים פון שוהל, טרעפט זי ביילקע די זעלנערקע ביי זיך.

וואַרט אויף איהר ביילקע די זעלנערקע אין מיטען קיך, דאָס פּנים'על צושמייכעלט, די אַראָבגעלאָזטע ברעמען האַלטען קוים אין די פּונקען, מיט וועלכע עס שפּריצען די לאַכענדיגע אייגעלעך, און די הענטלעך האַלט זי אונטער זיך; זי בעהאַלט עפּיס.

גיט עס, מן הסתם, גנענדלען אַ קלאַפּ אין האַרץ: עס הייבט זיך אָן דאָס אָבקומעניש.

פערגעסט זי פונדעסטוועגען נישט, וואָס היינט איז, און זאָגט:

— גוט שבת!

ענטפערט איהר די זעלנערקע זיס־חנופּה'דיג:

— גוט־שבת, גנענדעלע, גוט־יאָהר אייך... ווייסט איהר, וואָס איך וואַרט אויף אייך?

ציטערן ביי גנענדיל די ליפּען און ענטפערן קאָן זי נישט; קיין וואָרט קאָן פון האַלז נישט אַרויס.

זאָגט די זעלנערקע ווייטער:

— איהר ווייסט דאָך אודאי, אַז זינט מיין וועלוויל איז פערפאַלען געוואָרען ביי די זעלנער, מאַך איך פאַר מיר קיין שבת נישט... האָב איך דאָ אַ ביסען, דאָרט אַ ביסעל זופּ...

— מיינט איהר, זיי פערגינען מיר, די שכנות?

— ווייס איך דאָך, אַ גוט־האַרץ איהר האָט, גנענדעלע, און געהערט האָב איך, ווי איהר האָט נעכטען געראַסעלט און געפּראַסעלט מיט די טעפּ, פערשטייה איך דאָך, אַז זיין ליע־בער נאָמען האָט אייך אַ גוטען שבת בעשערט, בין איך צו'ן אייך מיט מיין לעפיל געקומען...

און האַפּט די הענטלעך מיט'ן בלעכענעם לעפיל אַפער...

וויל שוין גנענדיל מודה זיין אויפ'ן אמת, זאָל זיין איין עק פון אָבקומעניש פאַר'ן אָבנאַרען, צוליעב אַ נאַרישער בושה; עפּענט זיך אָבער באותו הרגע אויף די טהיר, חערט זיך איהר

למדֿ׳לס זיסער, שטילער, „גוט שבת״, און נאָך איהם אַ „גוט שבת״, פון אײן אורח, וואָס למד׳ל האָט מיטגעברענגט... אַ יוד מיט אַ ווײַסער באָרד, מיט עפּיס אַ זוינע אויגען...

ענטפערט גנענדיל:

— גוט שבת, גוט יאָהר! — שוין נישט מיט איהר קול...

און אַז למד׳ל זאָגט צו׳ן איהר:

— זעהסט, גנענדעלע, דער יוד האָט אַ שלעכטען פּריי־טאָג־צו־נאַכט געהאַט... אַרײַנגעפאַלען צו׳ן אַ קמצן... האָב איך איהם צו דיר געברענגט...

דרייהט זיך שוין אַרום איהר די שטוב.

און דאָ עפענט זיך די טהיר און אַ חברה שלנות שטופּט מיט גרוים געלעכטער אַרײַן דעם שבת־גוי, ער זאָל עפענען דעם אויווען — —

קאפיטעל 4.

למדʼל — למך — רב למך.

איז שוין איבערגעפולט געוואָרען די מאָס.
גיט גנענדיל אַ געשריי פון הארץ ארויס:
— ניין! ניין!
און לויפט צו צום קוימען־אויוועז, און פערשטעלט איהם מיט זיך פאַרʼן שבת־גוי — זי וועט נישט לאָזען!

דערבּאַלט איז למדʼל עפּיס פלוצלינג, ווי פערביטען געוואָרען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען און גרויס געוואָרען, און מיט זיין שטיל און זיס, אָבער פעסט געוואָרען קול, זאָגט ער:

— מען דאַרף, גנענדיל! מען דאַרף האָבען בטחון אויף זיין ליעבען נאָמען... אויב נישט אונז צוליעב, דעם אורח צוליעב, שבת־קודש צוליעב...

מאַכט עפּיס דאָס קול זיינס אַ וואונדערליכען רושם אויף אַלע.

ווערען די ווייבער אין דרויסען פלוצלינג שטיל. דערשרעקט זיך עפּיס די זעלנערקע און וויל אַרויס פון שטוב.

רוקט זיך גנענדיל פון קוימען־אויוועז אָב׳
און למך שמייכעלט און פערהאַלט די זעלנערקע:
— בלייב, יודענע! — זאָגט ער — אַז עס וועט זיין, וועט זיין פאַר אַלע —

זי בלײבט ; גנענדיל פלאַטערט...

און דער שבת־גוי עפענט, און פון אויוועו יאָגט אַרויס אַ פּאַרע, און עס צוטראָגט זיך אַ ריח פון אַ טשאָלענט, ווי ביים גרעסטען גביר, אויף אַלע יודען געזאָגט אַזאַ טשאָלענט...

און מען האָט קידוש געמאַכט, געוואַשען זיך און געגע־סען, און פיינע זמירות געזונגען, און געלאָזט זיך וואויל גייהן...

און, צווישען איין זמר און דעם צווייטען, האָט זיך למך מיט אַ שמייכעלע געווענדט צום אורח און אַזוי געזאָגט:

— זעהט איהר, ליעבער אורח, — זאָגט ער, ווייזענדיג אויף דער זעלנערקע — די אשה, וואָס זיצט אַ צינד אַזוי שטיל און ציכטיג ביים טיש, איז שטענדיג אַ לאַכענדיגע, אַ חוזק־מאַכערין אַ גרויסע, קרימט יעדערן נאָך — —

בייט זיך ביי דער זעלנערקע, נעביך, אויפ'ן פנים די פאַרב. און למך שמייכעלט, און זאָגט ווייטער:

— מיינט איהר אפשר, חס ושלום, אַ פערשייטע איז זי? דוקא נישט. אַ יודישע טאָכטער, אַ צנועה. אלא וואָס? גע־ביך איין עגונה געוואָרען... איהר מאַן איז ביי די זעלנער פערפאַלען געוואָרען אין טיעף רוסלאַנד, נעביך... מחוט זי עס צוליעב פרנסה... איז זי דערמיט נושא־חן ביי לייט, קריגט זי אַ ביסען ברויט דערפאַר, לאָזט מען זי אַריינשטעקען דעם לעפיל אין אַ פרעמדע שיסעל...

פרעגט דער יוד, ווי ער הייסט, איהר מאַן?

זאָגט מען: וועלוויל, און מען גיט סימנים..

און דער אורח, ווייזט זיך אויס, קומט פון אונבער ווי־טעבסק, געזעהן אַזוינעם —

געהער שוין אָבער דאָס צו'ן איין אַנדער מעשה'לע —

געגוג — למך'ל איז צוריק געוואָרען למך, דערנאָך — ר' למך, שפעטער דער רבי ר' למך...

ענטפלעקט געוואָרען!

דער אַרענדאַר.

קאפיטעל 1.

איין ארענדאר א קמצן
און תפלות פון א אשה.

אין פוילען דער מדינה, אונטער צוויזמער, וואס ביי דער הייכסעל, האט געלעבט א יוד איין ארענדאר.

איז דער ארענדאר געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ, און דער פריץ איז א גרויסער מאגנאט געווען, איז ער, דער ארענדאר, געקומען צו גרויס עשירות.

האט ער געהאט פאלווארקים מיט וואלד און פעלד, און הערטשאפטען פון שאף און רינדער, און הייזער, און ברויי-הייזער, און מיהלען, אויף וואסער און ווינד; און מזומנים גאר פיעל, א חוץ חובות ביי לייט...

מילא, אז זיין ליעבער נאמען שענקט מזל, איז אודאי גוט.

איז אבער דער יוד א גראב נפש געווען, און א קמצן א גרויסער, און נישט געוואוסט פון קיין צדקה: נישט מיד ליד, נישט מאיר-בעל-הנס, נישט מעות חטין, גאר נישט, — און לאזט נישט קיין אורח איבע' דער שוועל.

א ווייב האט ער געהאט דוקא איין אשה צנועה וחשובה, פלעגט ער איהר אנטהון געברוינטע לייד, פאר א גראשען צדקה, וואס זי פלעגט טהון אונטער זיין וויסען; פייניגען פלעגט ער זי דערפאר.

וואוילע קינדער האָט ער געהאַט, — אַ פּנים, אין דער מוטער אַריין געראָטען, — האָט ער די יינגלעך אין חדרים אַריין, און שטאָדט אַריין נישט געשיקט; עס זענען איהם די פערד אַ שאָד געווען. און ביי זיך קיין רעכטען מלמד נישט געהאַלטען, נור אַ בעלפער בחצי חנם, וואָס האָט זיי קוים עברי אויסגעלערנט.

האָט פון דעם די אשה נאָך מעהר צער געהאַט.

פלעגט זי גאַנצענע טעג ווערגען זיך מיט די טרערען אין האַלז. ביינאַכט מיט די טרערען די שטילע אויסנעצען די קישענס. און ערשט ימים־נוראים, אַז מען פלעגט קומען אין שטאָדט אַריין, האָט זי אין עזרת נשים זיך רעכט אויסגעוויינט דאָס האַרץ; די וועלט איינגעריסען.

און אַ תפילה איין איין־איינציגע האָט זי געהאַט אויף די ליפּען און אינ׳ם צעוויהטאָגטען האַרץ:

„זאָל זיין ליעבער נאָמען זיך מרחם זיין אויף איהר מאַן און איבערבייטען זיין האַרץ צום גוטען. זאָל ער נישט זיין אַזוי אַריינגעטהון אין דער תאוה פון עשירות און אין עולם הזה פון אכילה ושתיה... זאָל ער די נשמה אויך ניט פערגעסען. זי זאָל, חס ושלום, אַז עס וועט קומען די צייט, נישט פערפאַלען ווערען אויף כף הקלע...״

און אַזוי דאַט זי געבעטען:

„זעה, רבונו של עולם, גוטער גאָט, האַרציגער גאָט, ער זאָל בעצייטענס נאָך תשובה טהון...״

„זאָל ער מיט אַ ברייטער און פולער האַנד צדקה געבען, זאָל ער אַ מכניס אורח ווערען. און זאָל מחנך זיין די קינדערליך אין גאָטס וועג, און מגדל זיין לתורה ולחופה, ולמעשים טובים...״

וואָס קאָן מעהר טהון אַ צובראָכען האַרץ פון אַ יודענע?

קאַפּיטל 2.

איין אָרימער גייהער לאַכט
און דער אַרענדאַר גייהט זיך באָדען.

איינמאָל, פריימאָג ביינאַכט.

זומער-לעב געווען, אַ טאָג — אַ גאָלדענער.

זיצט דער אַרענדאַר, מיט דער גאַנצער משפּחה, אונ-טער׳ן פרייען הימעל, אין גערטעל פאַר׳ן הויז, ביים אָנבייסען.

אַ דעמב אַ ריעז, מיט צולאָזטע צווייגען איז אין גערטיל געשטאַנען; האָט מען אונ׳ם שאָטען פון דעמב דעם טיש גע-דעקט, מיט כל טוב: פיש, פלייש און צימעס. און אַ שטראָ-דעל; ביים פריץ אויסגעלערנט. און אַ פלעשעל אַלטען מעט ביים טיש; כיד הגביר.

זיצט ער זיך אויבען-אָן דער אַרענדאַר, שעפּט נחת פון דער אכילה, פערטרינקט מיט׳ן אַלטען מעט, און איז מקבל תענוג פונ׳ם עולם הזה, סמאַמשקיט מיט די פעטע ליפּען, —

קומט, פון צווישען די ביימליך אין גערטיל, פּלוצלינג אַרויס איין אָרימער גייהער, מיט׳ן פּעקיל אויף די אַקסעל...

וואָס טראָגט אַרום אַ גייהער? בענדער און בענדליך, קעמעלעך, נאָדלען און האָהר-נאָדלען, און שפּיעלצייג פאַר קינ-דער... וכדומה אַזוינע קלייניגקייטען...

דערזעהט ער די משפחה ביים טיש, שטעלט ער זיך שטיל אָב, לאָזט אַראָב דאָס פעקיל פון די פלייצעס, גלייכט זיך אַ ביסל אויס — איין אַלטער גראָהער יוד נעווען, און אַ שוואַלער, נעביך.

בעט ער זיך, דער אָרימער גייהער:

—קויפט עפים, יודען, לאָמיך פערדיענען אויף שבת...

וויל זיך צו׳ן איהם די אשה אויפהייבען; וואַרפט אויף איהר דער אַרענדאַר אַ בייזען בליק, בלייבט זי, נעביך, זיצען...

— זעהט — מאַכט דער גייהער — די זון איז שוין אַזוי הויך, און איך האָב נאָך אויף שבת קיין סימן און קיין צייכען נישט. —

— אַוועק! טרייבט דער אַרענדאַר, טרינקענדיג...

—שענקט מיר חאָטש — רופט זיך אָן דער גייהער — אַ ביסען אין מויל אַריין. די נשמה צו דערחאַפּען... חאָטש וואַסער אַ טראָפּען; ס׳ברענט אַזוי די היץ...

שלינגט די אשה די געזאַלצענע טרערען און שווייגט. קאָנען די קינדער נישט צוזעהן דער מוטערס צרות און דעם גייהערס נויט, און הייבען זיך אויף, און גייהען אַוועק פון טיש, טיעפער אין גערטיל אַריין, און דער אַרענדאַר שפּרינגט אויף מיט גרוים גרימצאָרן:

— בעטלער-קבצנים, האָב איך פיינד, הערסט?! ד׳רוף דעם משרת, ברעכט ער דיר אַ ביין!

הייבט דער גייהער צוריק אויף דאָס פעקיל אויף די פלייצעס, קרעכצט אָב און, האַלטענדיג אין גייהן, פרעגט ער:

— און פאַר גאָט, אַרענדאַר, האָט איהר נאָך קיין מורא נישט?

— ניין!

און ער צופראַהלט זיך, דער עם-הארץ:

וואָס קאָן איהם גאָט טהון?

„וועט ער שיקען אַ פייער פון הימעל און אַוועקלאָזען די הייזער, ברויי-הייזער און די מיהלען, מיט די שפייכלערס מיט

תבואות — מיט'ן רויך, בלייבען איהם נאך אלץ די פאלוואר־קעס מיט וואלד און פעלד..."

און דער אלטער מעט שטייגט אלץ מעהר און מעהר אין קאפ אריין, און ער בעריהמט זיך ווייטער:

און זאל ער יאהרען־לאנג נישט לאזען וואקסען אין פעלד, בלייבט איהם נאך אלץ די והותר: מזומנים אין קאסע, וועקס־לען אין טייסטער...

און זאל ער שיקען גנבים, זיי זאלען אויפברעכען די קאסע און צונעמען אלץ... מאהנט ער אלץ די חובות אב... זיין פריץ איז דער שופט, און וועט איהם גלייבען אויפ'ן ווארט.

צעוויינט זיך די ארימע אשה, די ווערטער הערענדיג, אויף א קול, און גייהט אויך אוועק פון טיש... צולאכט זיך פלוצלינג דער גייהער און נעמט זיין וועג, און פערשווינדט צווישען די ביימ'ער. און דעם ארענדאר ווערט עפּים אין אלע אברים היים.

נעמט ער א האנדטוך פון שטוב ארויס און גייהט זיך באדען צו דער וויכסעל...

קאַפּיטעל 8.

אַ פויגעל לאָזט און דער אַרענדאַר בלייבט אַ נאַקעטער.

באָדט ער זיך אַזוי און קיהלט זיך, און שעפּט נחת פון קאַלטען וואַסער, און שווימט — אַ יונג מיט ביינער געוועזן! — מיט'ן וואַסער, קעגען וואַסער, און אַרום און אַרום דער קעמפּע, וואָס אין דער מיט פון דער ווייכסעל אונטער צווזמער, און מאַכט קונצען אַלערליי: אויפ'ן רוקען און טריט־וואַסער, און ליגט „שטילע הענד“ — —

דערהערט ער פלוצלינג פון דער קעמפּע, פון צווישען די נידריגע ביימלעך, וואָס וואַקסען דאָרט, אַ פויגעל־קול, פערנעמט עס איהם, דאָס קול; ער האָט נאָך אַזאַ שפּיעלען פון אַ פויגעל נישט געהערט...

האָט ער דאָך תאוה צו אַלעם; מוז ער דעם שפּיעל־פויגעל האָבען, אין שטוב אין אַ שטייגעל האַלטען, אַזאַ שפּיעל־פויגעל האָט דער פּריץ נישט!

שפּרינגט ער אויף דער קעמפּע אַרויף — דערזעהט ער דעם פויגעל...

אויף אַ צווייגעל פון אַ נידריג ביימעל איז ער, דער פויגעל, געשטאַנען, און, אַ חוץ דעם זיסען קול, אַ פויגעל — אַ פערגעמעניש; אַ גאָלדענער פויגעל. און רוהיג שטייהט ער זיך,

דער פויגעל, און זינגט זיך זײן ליעד, גלײך ער זעהט זײן שונא נישט.

שלײכט ער זיך, דער אַרענדאַר, צום ביימעל צו, און שפּרינגט־אונטער מיט אײן אויסגעשטרעקטער האַנד און חאַפּט — לופט אין דער פויסט אַרײן. דער פויגעל האָט זיך איבערגע־היפּט אין דער שטיל, אויף אַ צווײג — אײן אַנדערן, אויפ'ן בײ־מעל פון דער צווייטער זייט...

גײהט ער נאָך, דער אַרענדאַר, אויף די נעגעל. שפּרינגט ער ווײטער אונטער, היפּט דער פויגעל ווײטער שטיל אַוועק, און שטייהט שוין אויף אײן אַנדער ביימעל. שלײכט ער זיך ווײטער צו, היפּט דער פויגעל, בײ זײן שפּרונג, צו'ן אַ דריטם אַוועק, אין שטײהט שוין ווײטער, און שפּיעלט! שלײכט ער זיך איהם אַלץ נאָך און נאָך, פון צווײג צו צווײג, פון ביימעל צו ביימעל... ער שפּרינגט, דער פויגעל היפּט... אַזוי לאַנג, אַזוי ברײט, ביז דער אַרענדאַר פאַלט אין כעס אַרײן און רופט צום פויגעל אַזוי:

— וואַרט, וואַרט! חאַפּען וועל איך דיך שוין, מיך וועט נישט מיעד מאַכען קײן פײגעלע, נור שוין נישט דײן זינגען וויל איך צונד, איך האָב דיך שוין פײנד! וואַרגען וועל איך דיך, פײגעלע, און וואַרפען פאַר מײן הונד...

צולאַכט זיך פלוצלונג דער פויגעל ווי אַ מענש, און גיט אַ שאָס אַרויף אין דער הײך, און פערשווינדט אונטער'ן הימעל.

בלײבט דער אַרענדאַר שטײהן פערטומעלט. עס דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז דאָס זעלבע קול, מיט וועלכען דער אָרימער גײהער האָט געלאַכט. לאָזט ער זיך, מרה־שחורה'דיג, צוריק אין וואַסער אַרײן און שווימט, שוין אָהן גבורות און קונצען, צוריק איבער דער ווײכסעל, צום אָרט, וואו ער האָט זיך אויסגעטהון, און געפינט די זאַכען נישט!

קאפיטעל 4.

דער אַרענדאַר נעמט ביי זיין
אייגען הויז קצבה און ענט־
לויפט צום פריץ.

אַז דער אַרענדאַר האָט דערזעהן, אַז די זאַלצען זענען נישטאָ, האָט ער, ווי דער שטייגער איז פון אַ גראָב נפש, אָנגעהויבען צו פליצען אויף אַ קול.

שילט ער דעם גנב, וואָס האָט איהם איבערגעלאָזט אין אַזאַ הייט.

דערנאָך לויפט ער אויף־און־אָב ביים ברעג פון דער ווייכ־סעל און שרייט, און רופט, — ענטפערט איהם אַ צוריסען דעמ־פיג ווידער־קול פון נאָהנטען שיטערן ווענדיל.

די זון האַלט אין זינקען; קיין לעבעדיגע נשמה אויף ווי־זע און פעלד — לאַנג שוין אָבגעשטעלט די אַרבייט — —

אַ מעסער *) קומט אָן צושווימען איבער דער ווייכסעל; פון דאָרט וועט ער קיין הילף נישט בעקומען. און ער וועט דאָך נישט גייהען אַ נאַקעטער איבער דער פאָרשטאָדט. מען וואָלט געלאָפען אויף זיין בייז וואונדער; געמיינט: משוגע גע־וואָרען דער אַרענדאַר...

---

*) פאָס, טראַטוווע.

דערווייל דערשפירט ער הונגער: נאָכ'ן באָדען מיט'ן שווימען, און אַזוי לאַנג אין מויל נישט געהאַט.

און קעלט דערצו: צוגעפאַלען אַ קיהלער אָווענד; עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן...

דערמאַנט ער זיך, אַז הונגער און קעלט זענען צוויי קבצנ'ישע זאַכען; ווערט ער אונרוהיג. בעפאַלט איהם נאָך אַ גרימצאָרן אויף זיך אַליין: ווי לאָזט זיך אַ מענש אַזוי אראָב־פיהרען פון וועג פון אַ נאַרישען פויגעל; וואַרפט ער זיך אויף דער ערד מיט אַ שטומען כעס. —

און די אַראָבגעלאָזטע זון קוקט אַרויס פון דער וויילסעל מיט אַ ברענענדיגער ראַנד, גלייך זי שפּעט אויס איהם.

די יודישע הייליך אויפ'ן רוקען פון בערגיל הייבען אָן דערווייל אויפצושיינען, און די פענסטערליך בליצען שבת'דיג, נחת'דיג.

און פאָרשטאָדט צינדען זיך פאַמעליך אָן די קליינע פויערישע פענסטערלעך און פרייהליך טאַנצען די פייערליך; פייערליך ווייזען זיך אויך אויף די שווימענדיגע פאַסען איבער דער וויילסעל.

קומט איהם אויס, אַז דאָס אַלץ איז איהם להכעיס...

איז ווייניג, שווימען נאָך אָן אין דער שטילקייט קלאַנגען פון אַלע זייטען: פון שטאָדט — „קבלת־שבת"; פון פאָרשטאָדט — דאָס געזאַנג פון פויערישען יונגוואַרג אין גאַס; אויף אַ פאַס שפּיעלט עמיץ מאַנדאָלינע; אַ פייפערל העלפט אונטער...

און ער מוז דאָ ליעגען אין געהאַקטע וואונדען.
צורייצט עס איהם נאָך מעהר.

ליעגט ער אויף דער ערד, און בייסט די נעגעל פאַר כעס, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז אַלץ איז שטיל און אויסגעלאָשען געוואָרען. און הייבט זיך אויף, און לויפט אַהיים אויף אונטערוועגען, איבער די וויזען; נעץ אַרויס, נעץ אַריין...

קומט ער, אָהן אָטעם און קוים אַ לעבעדיגער צו צום

הויז, איז עס שוין איינגעהילט אין חושך: טהיר און טויער פערהאַמערט, די פענסטער — פערמאַכט און פון אינווייניג פערלאָדענט...

פאַלט ער ערשט רעכט אין כעס אַריין:

— חאָליען שוין; נישט געוואַרט אויפ׳ן בעל־הבית!

ער וועט זיך שוין אָברעכענען מיט אַלע; מיט דער פלונית׳טע דער עיקר... דעם משרת וועט ער אַרויסטרייבען ווי אַ הונד...

און גיט אַ לויף צו צום טויער, און הייבט אָן קלאַפּען מיט די פויסטען.

לויפט פון קיך, אויפ׳ן הויף אַרויס, דער משרת מיט אַ געשריי:

— עה, דו, שלעפּער איינער! דאָ איז נישט קיין אורחים־הויז! דער בעל־הבית וועט דערהערען, הייסט ער דיר ברעכען אַ ביין!

פאַלט עס דעם אַרענדאַר, ווי אַ בליי אויפ׳ן האַרץ; די ווערטער האָט ער דעם אָרימען גייהער געזאָגט: „ער וועט איהם הייסען ברעכען אַ ביין!"

דערווייל איז דער משרת צוגעקומען און אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַרע פון טויער. דערזעהט ער אַ נאַקעטען, חאַפּט ער זיך אָן ביי די זייטען פאַר געלעכטער:

— אַ נאַקעט משוגעת, חאַ־חאַ־חאַ!

לאַכען דעם אַרענדאַר אין די אויערן: דער משרת, דער נייהער און דער פויגעל צוזאַמען. לויפט ער אַוועק צום פענס־טער פון זיין שלאָף־שטוב —

— גיטעלע, — קלאַפּט ער אָן, — גיטעלע, עפען מיר אויף...

דערהערט ער, ווי אַ קול פון אַ מאַנספערשוין, נור עפּיס אַזוי ענליך צו זיין אייגען קול, פרעגט אין שטוב מיט גרויס וואונדער:

— גיטעלע, ווער קאָן דיך עס רופען ביינאַכט, און הערצט דיך אפילו נישט?!...

— ד'ווייס נישט, מיין מאַן, — הערט ער גיטעלעס ענט־פער, — עפּען אויף לאָדען אין פענסטער, און גיב אַ קוק, — אפשר האָט זיין ליעבער נאָמען, וואָס דאָס דיך איבערגעביטען, דיר אַ מצוה צוגעשיקט...

„איבערגעביטען? ווען? ווי אַזוי פערביטען?" אַרבייט אומ־זיסט דעם אַרענדאַרס מוח. עפּענט זיך דערווייל, פון אינווייניג, דער לאָדען, דערנאָך דאָס פענסטער, און עמיץ קוקט אַרויס — —

ווערט דער אַרענדאַר שוין גאָר צוטומעלט: זיין פּנים, זיין העמד, רויט אויסגענייהט, — אויך נאָכגעמאַכט דעם פּריץ! — און זיין שלאָף־מיצעל מיט'ן זילבערנעם קווייטעל —

און „יענער" — הערט ער — זאָגט:

— גייה נישט צו, גיטעלע, עפּיס אַ נאַקעט משוגעת... אַ רחמנות! דערלאַנג מיר פאַר איהם עפּים, די חרפה צוצי־דעקען; נור אַלטוואַרג, גיטעלע, ער וועט אין זיין משוגעת ס' ווי סיי אַלץ פון זיך אַראָבברייסען...

— גיב, גיטעלע, אַ העמד, אַ פּאָר פּלידערן... און אַ היטעל, — מיט'ן בלויזען קאָפּ איז ער אויך! — און אַ חלה, גיטעלע, — ער איז אודאי אויסגעהונגערט, נעביך!

בלייבט דער אַרענדאַר פערשטיינערט. און אין אַ ווײַלע אַרום זעהט ער מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, ווי „יענער" וואַרפט איהם דאָס אַלץ אַרויס! און דאָס פענסטער ווערט באַלד פון אינערווייניג פערמאַכט און פערלאָדענט...

— איין אומגליק האָט מיך געטראָפען, — ברעכט זיך דער אַרענדאַר די הענד, — עפּיס אַ שווינדלער געקומען, פערשטעלט זיך און צוגענומען מיין האָב־און־גאָב...

לויפט ער צום לאָדען פון דער קינדער־שטוב, קלאַפּט אָן און רופט:

— יענקעלע, משה'לע, שיינדעלע! אייער טאַטע קלאַפּט! עפּענט אויף! ס'האָט איהם איין אומגליק געטראָפען...

זענען, אַ פּנים, די קינדער נאָך נישט געשלאָפען.

ענטפערט יענקעלע פון בעט אַרוים:

— מאַלט נישט קיין חוזק, יוד... מיין טאַטע איז ערשט די רגע דאָ געווען... די קישענס מיר פערדריקט...

משה׳לע בעריהמט זיך:

— מיט מיר קריאת־שמע געליינט...

שיינדעלע מיט׳ן קלינגענדיגען קול׳כעל בעשטעטיגט:

— יאָ, יאָ! און אונז אַלע דריי, צום ערשטען מאָל, געקושט... אַ „גוטע־נאַכט" געזאָגט...

— מיט מיר וועט ער אַלע אָווענד קריאת־שמע לייענען!— בעריהמט זיך משה׳לע ווייטער.

און יענקעלע שיט צו זאַלץ אויף די וואונדען:

— און היינט אין שטאָדט געווען, דער טאַטע! פאַר אונז אַ מלמד בעשטעלט; ר׳וועט קומען מוצאי־שבת, באלד נאָך הבדלה וועט ער קומען, יאָ, יאָ!

גיט נאָך שיינדעלע, נאָך אַ ישוב, צו:

— הערט, ר׳ יוד! נאַרען דאַרף מען ניט... נור אויב עס פעהלט אייך עפים, האָט קיין מורא נישט, קלאַפּט אָן ביים טאַטישעס פענסטער... וואָרען, די מאַמע זאָגט, אז גאָט, ברוך הוא, האָט אויסגעהערט איהר געבעט, און דעם טאַטען איבערגעביטען, אַ גוטען, וואוילען טאַטען האָבען מיר אַצינד! —

„שלעכט, דאָ איז אַ שרעקליכער שווינדעל געשעהן!"— פלאַמט אויף אין אַרענדאַרס מוח, — אָבגענאַרט דאָס ווייב, די קינדער! מען מוז, האָטש האַלבער נאַכט, לויפען צום פּריץ! און קיינער וועט ער איהם פערשיקען!"

קאפיטעל 5.

דער אַרענדאַר בעקומט שמיץ
און שלאָפט איין אין ראָוו
ביים וועג.

וועט ער דאָך נישט לויפען נאַקעט, און די געדערים ליעגען איהם נישט אויף איין אָרט; לויפט ער צוריק צום ערשטען פענסטער, חאַפט און מאַלט צוויי-דריי בים פון קוי-ליטש, ציהט אויף זיך אַרויף די בגדים, טראַלטענדיג דער-ביי מיט כעס:

„אַראַ! דאָס האָט די פלונית'טע, אונטער מיין וויסען, פאַר די שנאָרערס אָנגעגרייט! בעצאָהלט וועט ווערען מיט'ן פריצ'ס הילף — מיט פראָצענט!"

און ער לויפט.

לויפט ער איבער'ן גערטיל און שלאָגט זיך, אין איילע-ניש, אָן אָן אַ בוים; פונקט אָן דעם בוים, אונטער וועלכען דער אָרימער גייהער איז געשטאַנען.

— תלין מיינער! שרייט ער אויס, — גלייך יענער וואָלט נאָך דאָרט געשטאַנען, און לויפט אַרויס, מיט שוויס בעדעקט.

צום פריץ איז אַ מהלך. זומער איז די נאַכט נישט קיין גרויסע, קומט ער צו צום הויף, הייבט שוין אָן גראָהען דער טאָג.

זעהט ער דורך די אַייזערנע שטאַכעטען, אַז דער פאַ-לאַץ איז בעלייכט; עס רודערט זיך אין פאַלאַץ. אין גרויסען.

ברייטען הויף שטייהט געשפאַנט דעם פריצ׳ם קאָטש, די פערד הירזשען און קלאַפּען מיט די פאָדקאָוועס אָן די שטיינער. —
דער פריץ קומט אַרויס, זעצט זיך אין קאָטש אַריין, מען עפענט דעם טויער... אַ קנאַק מיט דער בייטש, די קאָטש ריהרט פון אָרט, — אַרום דער קאָטש רייטען פיער פון פריצ׳ם קאָזאַקלעך, מיט שטורקאַצען אין די הענד; נאָך דער קאָטש — די רעשט...

מען פאָהרט אַרויס פון טויער.

מיין אַרענדאַר קלערט נישט לאַנג, גיט זיך אַ וואָרף פאַר די פערד אין דער ברייט, דער שמייסער האָט קוים צייט געהאַט איינצוהאַלטען די פערד.

— וואָס איז? — פרעגט דער פריץ פון קאָטש אַרויס.

לויפט צו צום אַרענדאַר אַ קאָזאַקל און בייגט צו׳ן איהם אַראָב דעם שטורקאַץ, קוקט און ענטפערט צו דער קאָטש צו:

— עפּיס, איין אָרימער יוד!

שפּרינגט אויף דער אַרענדאַר:

— פריץ־לעב, חלילה, נישט קיין אָרימער יוד...

איך, דיין אַרענדאַר, מיט אַ נייטיג משפט... סכנת נפשות! אַ גנב, אַ שווינדלער —

— ווער עס איז, — האַקט איהם דער פריץ איבער, בייז, — איך פאָהר צום סיים, —

און אַז דער אַרענדאַר וויל נישט אָבטרעטען:

— זאָל ער גייהן צום רב! טרייבט איהם פון וועג!

קאַרגען די קאָזאַקלעך פאַר אַ יוד קיין נאַהייקעס נישט; קאָלערט זיך דער אַרענדאַר, אונטער די שמיץ, פון וועג אַראָב, אין ראָוו אַריין...

די קאָטש איז פערשוואונדען.

שטיל איז געוואָרען. און דער געשמיסענער, צעווייהטאָגטער אַרענדאַר שלאָפט איין אין ראָוו ביים וועג...

קאפיטעל 6.

פון ראָוו צום רב,
פון רב אין הקדש אַריין.

נישט לאַנג איז דער אַרענדאַר געשלאָפען אין ראָוו...

קיים האָט זיך רעכט געריטעלט דער מאָרגען, און פון די פענסטער אין פאַלאַץ, די געביירען אַרום פאַלאַץ, אין פון די ווערבעס איןביידע זייטען טראַקט האָבען זיך אויפגעהויבען פייגעל, גאַנצע שאַרען מיט אַמאָל, און געלאָזט זיך מיט געוויש און געפילדער אַרויף, אַרויף צום ליכטיגען הימעל...

האָט עס איהם אויפגעוועקט. פערשטייהט ער נישט, וואָס ער טהוט דאָ? וואָס עס ברעכען איהם אַזוי אַלע ביי־נער? ווי קומט ער צו ליגען און שלאָפען אין ראָוו? וואָס פאַר קליידער טראָגט ער עס? וואָס פאַר אַ בייזער חלום חלום׳ט זיך איהם?

פליהט גראָד אַ פייגעלע נידריג פאַרביי, מאַכט אַ ראָד אַרום זיין קאָפּ, קוקט איהם מיט די לוסטיג־לאַכענדיגע איי־געלעך אין פנים אַריין; דערמאַנט ער זיך פלוצלינג אַלץ מיט אַמאָל, און חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ...

מען האָט איהם בע׳גנב׳עט און בעשווינדעלט, און דער פריץ, דער שופט, איז אַוועק קיין וואַרשוי צום סיים! אי־בערגעלאָזט איהם, ווי אַ יתום...

פאַלט איהם איין: אַז מען מוז דערווייל אָבראַטעווען די חובות ביי לייט.

לויפט ער צו דער פאָרשטאָדט, קלאַפּט אָן ביים ער־שטען בעסטען פויערישען בעל־חוב —

— עה, וואַסיל, ד׳דאַרף גראַד נייטיג געלד, גיב מיר אָב דעם חוב, אָדע־ א ראַטע אויפ׳ן חוב —

קוקט וואַסיל דורכ׳ן פענסטערל אַרויס און פרעגט:

— ווער ביסטו, יוד? וואָס פאַר א חוב האָסטו ביי מיר?

— דערקענסט מיך נישט? איך בין דאָך דער אַרענ־דאַר!

צולאַכט זיך וואַסיל אויף א קול און קומט אַרויס מיט דער גאַנצער משפחה פאַר דער טהיר.

— געפעלט אייך — פרעגט ער — אזא משוגעת? טראָג דיך אָב, איך רייץ אויף דיר אָן די הינד...

לויפט דער אַרענדאַר צום צווייטען בעל־חוב, און טרעפט איהם שוין פאַר דער טהיר.

מיט געלעכטער צום היי גייהט ער. דערזעהט איהם דער פויער, לויפט ער צו צום פענסטערל, פויקט מיט די פינגער דורך דער שויב אין שטוב אַריין און רופט:

— עה, קינדער! קומט אַרויס, וועט איהר זעהן א משוגענעם יוד...

און אַזוי איבער דער גאַנצער פאָרשטאָדט. מען לויפט אויף זיין בייז וואונדער; מען וואַרפט איהם נאָך שטיינער און שטעקענס; די הינד רייסען איהם די פאָלעס.

קוים א לעבעדיגער איז ער פון פאָרשטאָדט אַרויס, אין שטאָדט אַריין געקומען, און לויפט צו די יודישע בעלי־חובות...

און ער האָט שוין די העזה נישט צו זאָגען, אַז ער איז דער אַרענדאַר. זאָגט ער, דער אַרענדאַר האָט איהם גע־שיקט נאָך געלד! און גיט סמנים, און ווייסט דאָך אין קען

געבען אמת'ע סימנים... טרייבט מען איהם פון טיר צו טהיר ווי אַ סוטה: אַ יוד — אַ משוגעת, קומט שבת נאָך געלד!

זעהט ער, אַז ער איז אין גאַנצען פערלוירען, זעצט ער זיך אַנידער אין מיטען מאַרק אויף אַ שטיין און וויינט אין האַרץ אין דער שטיל, מיט טרוקענע אויגען —

דער עולם גייהט פאַרביי דאַוונען, ווייזט אויף איהם איינער דעם צווייטען:

— נעביך, אַ משוגענער יוד... ווער ווייסט, פון וואַנען...

יונגלעך שטעלען זיך אָב... מען וואַרט נור, די עלטערע זאָלען אוועקגעהן אין שוהל אַריין, וועט מען זיך נעמען צום משוגעת... מען זאַמעלט שוין שטיינדלעך אין די טאַשען אַריין.

האַפּט ער זיך אויף און ענטלויפט ביי צייטענס באַרג-אַראָב, צום וואַסער צו. דערזעהט ער זיך אינ'ם וואַסער, דערקענט ער זיך נישט! גאָט, ווי ער זעהט אויס: צעוואָרפען די האָהר, צוקנייטשט און צוקנוידערט דאָס פנים, איינגעפאַלענע ברענענדיגע אויגען... און עפּיס גראָהער איז ער געוואָרען איבער נאַכט! האַפּט איהם אָן אַ גרויל: עפּיס איז ער אַזוי ענליך געוואָרען צום אָרימען גייהער, וואָס ער האָט ערשט נעכטען פערטריבען...

לויפט ער, ווי משוגע, ביים ברעג פון דער ווייכסעל, אַ גאַנצען שבת, אויף און אָב, ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, — דערמאַנט ער זיך פּלוצלינג, אַז דער פּריץ האָט איהם געהייסען גייהן צום רב. ער וועט דעם פּריץ פאָלגען, ער האָט קיין אַנדערע עצה נישט, — לויפט ער צוריק דורך הינטערגעסליך אין שטאָדט אַריין צום רב, גייהט שוין דער רב אַרום איבער דער שטוב נאָך הבדלה.

פאַלט ער אַריין מיט אַ געשריי:

— רבי, איהר מוזט מיך ראַטעווען!

דערלאַנגט איהם דער רב קודם כל — „שלום“ און פרעגט, ווער עס איז.

בלייבט ער שטיהן:

— רבי, איך בין דאָך... דער אַרענדאַר בין איך דאָך... — שטאַמעלט ער שוין מיט אַ נישט־זיכער קול. צוויי־פעלט ער שוין אַליין, צי ער איז ווירקליך דער אַרענדאַר.

קוקט אויף איהם דער אַלטער רב אַ לאַנגע ווייל מיט גרויס רחמנות, און זאָגט דערנאָך אַזוי:

— דעם אַרענדאַר — זאָגט ער — קען איך זייער גוט... זיצט דערווייל, רב יוד...

זעצט ער זיך, דער אַרענדאַר דער רב קענענאיבער.

— פערשטייהט איהר מיך, — זאָגט דער רב, נישט אַראָבלאָזענדיג פון אַרענדאַר דאָס רחמנות'דיגע אויג — ער איז ביי מיר פרייטאָג נאָכ'ן אָנבייסען געווען, דער אַרענ־דאַר...

הערט ער אין געהאַקטע וואונדען, און דער רב פערצייהלט:

— ער האָט זיך, הערט איהר, שטאַרק געענדערט, דער אַרענדאַר; גאַר איבערגעביטען...

— ווי הייסט? — וויל אויפשפרינגען דער אַרענדאַר.

לייגט איהם דער רב אַ האַנד אויף איין אַקסעל און זעצט איהם צוריק, און פערצייהלט ווייטער:

— געווען... גערעדט אין פשטות אַריין, אָהן גאוה... אַ סך גערעדט... מענשליך... יידישליך...

— און איבערגעלאָזט דערנאָך, אַ היבש ביסעל געלד פאַר אָרימע לייט... און אויף הלבשה פאַר תלמוד־תורה־קינדער...

— איהר הערט? אפילו צוגעזאָגט צו געבען האָלץ פון וואַלד, צו פעררייכטען די שוהל...

— און געבעטען, איך זאָל איהם, מוצאי שבת נאָך הבדלה, ארויסשיקען אַ גוטען מלמד פאַר די קינדער...

דערמאַנט זיך דער אַרענדאַר אָן די קינדערס רייד און עס האַפּט איהם אָן אַ ספּאַזם אין האַלז, און ער קאָן שוין קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען —

און דער אַלטער רב נעמט צונויף אין איין האַנד אַריין ביידע שפּיצען פון דער גראָהער באָרד, און קוקט אויף איהם אַ לאַנגע ווײַלע מיט באַרמהערציגע אויגען, און ענדליך זאָגט ער:

— מילא, דער אַרענדאַר זענט איהר נישט...

„אַלא מאַי, איהר האָט איין איינערדעניש . . . איז עס אַ שטראָף פון זיין ליעבען נאָמען, מוז מען אָננעמען פאַר ליעב...

„און דעריבער ראָט איך אייך, מיין ליעבער יוד, גייהט אין הקדש אַריין... עס האַלטען זיך דאָרט אויף אַ חברה אָרימע-לייט, נעלטינגט מיט זיי איבער אין הקדש — און אין דער-פריה וועט איהר בעקומען קצבה גלייך מיט אַלע אָרימע יודען, און וועט אייך לאָזען מיט זיי צוזאַמען איבער דער וועלט...

„צו דער פרנסה וועט איהר גראָד טויגען..."

— רבי'ציו! — רופט דער רב, זיך אויפהייבענדיג, אין דער צווייטער שטוב אַריין, — גיב דעם יוד אַ גלעזיל וואַרימס... און אַז ער וועט עס אויסטרינקען, זאָג דעם שמש, ער זאָל איהם אָבפיהרען אין הקדש אַריין... און זאָל ער, למען השם, זעהען, ער זאָל האָבען אַ שטיקל געלעגער אויף איבער נאַכט. ער וועט נעלטיגען, דער יוד... זאָל ער האָבען גוט צו שלאָ-פען... איך מוז גייהן וועגען אַ מלמד פאַר'ן אַרענדאַר...

און שפּעטער, אַז דער שמש איז צו איהם צוגעקומען, נעמען אין הקדש אַריין, האָט זיך דער שוין אַרענדאַר שטיל אונטערגעגעבען און געלאָזט זיך פיהרען...

קאפיטעל 7.

ביי'ן אַ חברה קבצנים — אַ חתונה — אַריין אין אייגענעם בעט.

דער אַרענדאַר האָט זיך אונטערגעגעבען.

ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם זיין ליעבער נאָמען געשטראָפט פאַר די רייד...

ער האָט טאַקע נישט צוגענומען דאָס פערמעגען ביי'ן איהם, נור — איהם פון פערמעגען...

— פערפאַלען!

און שוין יאָהרען־לאַנג, אַז ער גייהט אַרום מיט די קבצנים איבער דער מדינה, פון ישוב צו ישוב, פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר. מיט אַ בייטעלע אויף „גדולים"*) און „פרוטות" אין קעשענע, און אַ טאָרבע אויף שטיקלעך־ברויט און חלה איבערן האַלז.

אין דער התחלה האָט ער די גוטע צייטען געטריבען פון זיך מיט געוואַלט... דערנאָך זענען די זכרונות מטושטש געוואָרען...

ער פלעגט זיך נאָך אַמאָל אויפחאַפּען ערגיץ אין אַיין אורחים־הויז און אַ געשריי טהון:

— משרת! שפאַן איין צום פריץ!

אָדער:

— גיטל, היינט מאַך אַ שטראָדעל!

אָדער אַראָבשפּרינגען פון געלעגער:

*) גראשענס.

— סאָקאָל! (אַזוי האָט זיין הונד אַמאָל געהייסען) עמיץ דרייהט זיך אַרום הויז!

און לייזען אַ פסק פון חברים:

— האַלט ס'מויל, משוגענער!

משוגענער האָט מען איהם גערופען...

מיט דער צייט אָבער זענען די חלומות פון די גוטע יאָהרען אויך פערשוואונדען...

נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר, האָבען די אַלטע צייטען איהם אַליין אויסגעזעהען, ווי אַ חלום...

און ער האָט אויפגעהערט צו גלייבען אין חלום, מאַלע וואָס...

ווער ווייסט, ווער ער איז, פון וועמען ער שטאַמט, פון וואַנען ער קומט... ער האָט מיט דער צייט זיין נאָמען פערגעסען; צייט ער האָט אויפגעהערט צו שרייען ביינאַכט, רופט מען איהם „שטיל משוגעת" איז דאָס, זיין נאָמען... ווען איז אַזוינער עולה־תורה?

נאָך אַ צייט מיט יאָהרען איז אַרוים אין דער סביבה, וואו די חברה קבצנים האָט זיך געדרייהט, אַ קלאַנג, אַז ערגיץ אין אַ ווייטער שטאָדט וועט זיין זייער אַ רייכע חתונה, מיט אַ גרויסער אָרימער סעודה.

קלויבט זיך די חברה קבצנים אַהין צו דער חתונה; גייהט „שטיל־משוגעת" אויך מיט דער חברה צוזאַמען.

איז אין שטאָדט אַריין אַ מהלך געווען... און אין יעדער קהלה שטייהט מען אַ ביסעל. נעכטיגט מען אין אורחים־הויז, מען נעמט „קצבה" און עפּים אָנצובייסען אויפ'ן וועג... קומט מען אַ ביסל שפּעטליך.

קוים צייט געהאַט צו לויפען אין מרחץ אַריין, זיך אויסצעוואַשען, די בערד אויסצוקעמען און אָבריינינגען די מלבושים. די אָרימע סעודה איז גרייט, אין אַ סאַלע די טישען געדעקט, מיט אַלעם גוטען — צוויי פעסער ביער געעפענט, אַ פאַס מעט, אַ חוץ פלעשער מיט י"ש...

זעצט מען זיך אַרום די טישען.

דער מחותן מיט דער מחותנת׳טע, און די כלה אין דער מיט — אויבען־אָן; די סעודה איז געווען פון כלה־צד...

זיצט „שטיל־משוגעת" און וואַרפט אַיין אויג אויפ׳ן טיש: בעקאַנטע טעלער, בעקאַנטע מעסער און גאָפּעל, און לעפעל... ער קוקט זיך בעסער צו: זיינע אותיות ביי דער פּריוו...

הערט ער, ווי די מחותנת׳טע זאָגט:

— עסט, יודען, און טרינקט געזונדערהייט, און בענשט מיר די כלה מיינע, און ווינשט גוטע יאָהרען דעם זווג...

דערקענט ער דאָס קול; גיטעלעס קול.

הייבט ער די אויגען אויף: זיין טאָכטער שיינדעלע איז די כלה —

הייבט דער מחותן אויף אַ כוס און רופט:

— לחיים, יודען, לחיים!

איז עס זיין אייגען קול פון אַמאָל...

דערשרעקט ער זיך, ווערט איהם נישט גוט, פאַלט ער אַרונטער אויפ׳ן אַנלעהן פון בענקעל, —

זאָגט דער מחותן צו צוויי פון די סאַרווערס, וואָס דרייהען זיך אַרום טיש:

— נעמט דעם יוד, וואָס עס איז איהם, לא עליכם, נישט גוט געוואָרען, אין דער שטוב אַריין, וואו עס ברענט אין אויוועז, און טהוט איהם אויס, און לייגט איהם אין בעט אַריין... און איך וועל נאָכקומען זעהן, צי מען וועט, חס ושלום, נישט דאַרפען אַ מומחה — אַ רופא, צי אַ דאָקטאָר...

קרימען זיך די סאַרווערס אַ ביסעל — נור אַז דער מחותן הייסט, פאָלגט מען...

אין אַ מינוט אַרום, ליעגט שוין אונזער אַרענדאַר אין זיין שטוב, אין זיין בעט, אויף זיין קישען, אונטער זיין איבערבעט, און קוקט פערדולט אין פייער פון אויוועז

אַרײַן . . . איז עס אַ בײזער װיסטער חלום געװען ? . . .

די סאַרװערס גײען, דער מחותן קומט אַרײַן און פֿרעגט :

— נו , פֿעהלט אײַך עפּיס , אורח־לעב ?

— נײַן . . . און פֿערמאַכט די אויגען . . .

און אין אַ װײַלע אַרום עפֿענט ער זײ װידער :

— איך װיל אײַך עפּיס בעטען , בעל־הבית ! איהר זאָלט אויף מיר קײן פּאַראיבעל נישט האָבען . . .

— חס ושלום ! ענטפֿערט דער מחותן מיט אַ װאונדער־ליכען שמײכעל , — זאָגט נור בפּירוש , װאָס איהר װילט . . . דאָס גרעסטע נחת פֿון אַ מענש איז , אויב ער קאָן עפּיס צוליעב טהון אַ צװײטען . . .

קרעכצט דער בעטלער אָב און זאָגט :

— זאָגט מיר , ד׳בעט אײַך : װער איז דער חתן אײערער און װאָס ?

ענטפֿערט דער מחותן , מיט דעם זעלבען שמײכעל און גאָרנישט פֿערװאונדערט אויף דער שאלה — אַ רב׳ס אַ זוהן , אַלײן אַ למדן אַ גרויסער , און אַ מזג טוב — מיט אַלע מעלות . . .

ציהט זיך דער בעטלער אויס איבער׳ן בעט :

— מעג איך שוין שטאַרבען ! — זאָגט ער , און הויבט צו אָן ציטערן אויפ׳ן גאַנצען לײב .

— נײַן , אורח־לעב , זאָגט דער מחותן לאַכענדיג . . . מען שטערט נישט קײן יידישע שמחה ! מען שטאַרבט נאָך נישט . . . אײַך איז נור קאַלט , זעהט , װאָס איך טהו . . .

און ער כאַפּט דעם אורח׳ס אָנטהון פֿון בענקעל אַראָב און װאַרפֿט עס אין פֿײער אַרײַן . . .

דאָס פּעטע אָנטהון צופֿלאַקערט זיך אויפ׳ן פֿײער .

— איהר , זאָגט דער מחותן , — װעט נעמען אויף זיך מײַנע , דאָס הײסט , אײערע מלבושים — גענוג שוין געליטען . . .

און כהרף עין װאַרפֿט ער פֿון זיך די מלבושים אַראָב און ער אַלײן פֿערשװינדט . . .

ענדע גוט — אַלעס גוט.

איז מיט אַמאָל דעם אָרימען אַרענדאַר אויפגעגאַנגען
אַ ליכט אין די אויגען....
האָט ער פערשטאַנען, אַז ער איז שוין אָבגעקומען,
אַז עס האָט זיך געענדיגט די שטראָף...
לויפט ער מיט גרוים פרייד גאָט אין האַרץ...
און עס בענייען זיך איהם פלוצלינג די כחות, און ער
שפּרינגט אַרוים פון בעט, האַפּט אויף זיך די איבערגעלאָזטע
קליידער, און לויפט אַרוים — אַ מחותן צו די אָרימע געסט...
זאָגט גיטעלע מיט אַ ליעבען שמייכעל:
— נו, מיין מאַן, נישט גלייכער אַזוי?
און שיינדעלע פאַלט איהם אויפ׳ן האַלז:
— טאַטישי! אוי, אַ גוטער דו ביסט, טאַטישי!
אָן קראַנקען אָרימאַן האָבען עפּים אַלע גאָר פערגעסען...

דער עונש.

(פון יוחנן המלמד׳ס מעשה׳לעך.)

אמר — האָט געזאָגט — יוחנן המלמד.

האָט יוחנן דער מלמד געזאָגט:

דער רבונו של עולם האָט בעשאַפען אַ וועלט, און אַלעם אויף דער וועלט זיין בעזונדער פּרצוף־פּנים געגעבען. נישטאָ קיין צוויי גלייכע ביימער, קיין צוויי גליכע בלעט־לעך; קיין צוויי גליכע מענשען אודאי און אודאי נישט. און אַזוי אין הצוניות, ווי אין תוך אריין. נישט פאַרהאַן קיין צוויי גלייכע נשמות.

און יעדער פּרצוף־פּנים דאַרף אויסלעבען זיין וועלט, ווי גאָט, זיין ליעבער נאָמען, האָט איהם בעשאַפען, און נישט אַראָבגעהן פון זיין אייגענעם דרך הישר, וואָס דאַרף איהם פיהרען פון דער וועג ביז צו קבר אבות.

פערלייקענען זיין אייגענעם פּרצוף־פּנים און פערשטעלען זיך פאַר איין אַנדערען; נאָכטהון, נאָכקרימען איין אַנדערען איז אַ מדה מגונה, אַ מאוס'ע מדה, ועונשה בצדה — יעדע מדה מגונה ווערט בעשטראָפט.

מאַכט־נאָך אַ ישראל (צוליעב פּרנסה, כבוד, אָדער ווייס איך וואָס) איין אינו־ישראל, זעהען מיר בעשיינפערליך, אַז סופו — דאָס ער אַליין, אָדער זיינע בנים, און ביי גאַר גרויס ארך אפּים — זיינע בני־בנים, געהען אַוועק אין גאַנ־צען... גאַר אין גאַנצען... לרעות בשדה אחר, צו פּיטערען זיך אין אַ פרעמד פעלד!

און אז א יוד וויל גאר זאמלען נדבות און פערשטעלט זיך, הדי צו דערוועקען רחמנות, פאר א בעל־מום: פאר א הויקער, א בלינדען, א שטומען, צי א לאמען, — געהט ער נישט אוועק פון דער וועלט, ווי אין די ספרים הקדושים שטעהט, ביז ער בעקומט נישט דעם מום, וואס ער האט נאכגעמאכט. ביז ער ווערט נישט, נישט פאר אייך און נישט פאר קיין שום יוד געראכט, א הויקער, א בלינדער, א שטו־מער... וכדומה...

א חיבא, ער האט אויף זיך איין אנדערען, א גרעסע־רען חטא, און ער ווערט חיב מיתה, און געהט אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט און פאר'ן עונש...

ווי איז אבער דער דין, ווען עמיץ מאכט נאך און פע־שטעלט זיך, אויסצונארען כבוד אדער געלד, פאר א גרעסערען פון זיך: פאר א למדן א גרויסען, פאר א צדיק אדער גדול הדור?

נעהמט, האב איך בקבלה, ער ביי יענעם איבער יענעמס רע־מזל; וואס יענעם איז בעשערט פאר א שלעכטס...

און אין אדם בארץ... מלאכים, וואס שוועבען ארום כסא־הכבוד, זינדיגען, בפרט א בשר ודם.

און וועגען דעם וויל איך אייך פערצעהלען א מעשה.

א מעשה בשני אחים. א פערצייטישע. ווען קרוין־פוילען איז נאך גאנץ געווען, און די ממשלה איז געווען ביי די גרייסע שררות אין די הענד...

און די צוויי ברידער זענען געווען ברידער פון איין טאטע־מאמע; צווילינג־ברידער.

מאכט מען דאך אבער פון איין שטיק האלץ א לאפא־טע און איין עץ־החיים; זענען זיי געווען אין חיצוניות עהנליך, ווי איין טראפען וואסער צום צווייטען: צוויי געוויקסיגע יודען, לאנגע, ווייסע בערד — קוים צו דערקענען...

און איינער פון די צוויי איז געווען רב און ראש־ישיבה, געשריבען א ספר „שער הברזל", ושמו כן הוא:

אזוי האָט דער ספר געהייסען, אזוי האָט מען איהם גערו-פען! איין אייזערנער יוד! א יוד, ווי א בוים, וואָס איז גע-פלאַנצט ביי א וואַסער, ואין מים, ווייסט איהר דאָך, אלא תורה. די תורה איז געגליכען צו וואַסער, פון דאַנען האָט ער געהאַט זיין יניקה. און דערצו — מצוות און מעשים טובים. ושרשיו — און זיינע וואָרצלען זענען געווען מרובין מענפיו, מעהר ווי די צווייגען, ווי אין פרקי אבות שטעהט. איז ער טאַקי געווען א גרויסער יוד און א פעסטער יוד, וואָס אַלע ווינ-טען פון דער וועלט וועלען איהם נישט אָוועקריהרען פון אָרט.

מאַכט זיך א מעשה און א סוחר פון שטאָדט האָט א זוהן א גרויסען בן-תורה, און דעם „שער הברזל"'ם ברודער איז אַ שדכן, רעדט ער דעם סוחר א שדוך מיט'ן שררה'ם פאַכטער, וואָס האָט א בתולה. דער פאַכטער איז א רייכער, די רעכטע האַנד ביי'ם שררה. גיט ער א גרויסען נדן... שרייבט מען תנאים, ברעכט מען כלים — מזל טוב, מזל טוב!

געהט נישט אַוועק א חודש, ווערט דער סוחר געוואָהר, אז צום פאַכטער אין שטוב קומען אריין יונגע פריצים פון הויף, אז מען איז זיך ביי איהם אין שטוב משמח, אז זיין טאָכטער, דאָס כלה-מיידעל, דערלאַנגט צום טיש, רעדט מיט פריצים, לאַכט זיי אָקעגען וכדומה. וויל דער סוחר דעם שדוך אָבלאָזען.

פערלאַנגט דער פאַכטער חצי נדן קנס, ווערט א דין-תורה, זעצט מען א בית-דין. דער ראש-בית-דין איז דער „שער הברזל"!

פערשטעהט זיך.

געדויערט אזא דין-תורה... גבית-עדות, טענות, א טאָג נאָך א טאָג... עס קומט אַלץ אַרויס, ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער, ודי בזיון וקצף — א חרפה פאר'ן פאַכטער. געהט ער און פערקלאָגט זיך פאַרן שררה. זאָגט דער שררה: גוט, ער וועט זעהען.

צו מאָרגענס, מען האָט אויסגעהערט דעם לעצטען עד, די לעצטע טענה, דאָס בית־דין האָט שוין געהאַט אַ ישוב, דער פסק איז שוין אויפגעשריבען, דער ראש בית־דין, דער „שער־הברזל" שטרעקט אויס די האַנד צו דער גענזענער פען אין טינטפאַס און וויל אונטערשרייבען —

פּלוצלינג דערהערט זיך אַ רייטער פון גאַס. מען גיט אַ קוק דורכ'ן פענסטער: עס טרייבט דעם שררה'ס לייב־קאָזאַקיל, ווי אַ רוח. דער עולם ווערט נבהל ונשתומם, דער פּאַלטער גיט אַ שמייכעל און טראָגט זיך בגנבה אָב, און דאָס קאָזאַקיל איז שוין אראָב פון פערד און אריין אין בית־דין־שטוב מיט אַ קול:

— דער שררה לאָזט זאָגען, אַז די האַנד, וואָס וועט אונטערשרייבען אַ פסק קעגען זיין פּאַלטער, וועט ווערען אָבגעהאַקט.

חאַפּט אָן דעם עולם אַ שרעק, בלייבען אַלע פערציטערט, דער „שער־הברזל" אָבער זאָגט:

— בעסער זאָל אָבגעהאַקט ווערען ביי'ן אַ יוד אַ האַנד, איידער עס זאָל, חס ושלום, אויסגעמעקט ווערען איין אות פון דער תורה הקדושה...

וואָס האָט ער יאָ געטהון?

ער האָט אונטערגעשריבען מיט דער לינקער האַנד...

— — — — — — — — — —

דערווייל האָט מען די לינקע האַנד אויך נישט אָבגעהאַקט.

דאָס קאָזאַקיל איז געריטען אין שטאָדט אריין, און צום שררה איז אָנגעקומען אַ שליח מיוחד מיט אַ ידיעה, אַז אַ שונא איז בעפאַלען די גרעניץ. און אַז אַלע פּריצים און שררות געהען אהין מיט זייער חיל מלחמה צו האַלטען...

תוך כדי דבור, איז שוין געבלאָזען טראָמפּייט, די קאָזאַקלעך — פערזאַמעלט ביי די פערד, דער שררה — גע־

גורם די לענדרען; אַ שפּרונג אַרויף און מען גאַלאָפּירט שוין צו דער גרעניץ...

בשעת מעשה אָבער, ווען דעם פּריצ׳ס קאָזאַקיל האָט געטהון זיין שליחות פון הויף, האָט זיך נאָך עמיץ אַרויסגע־שלייכט פון שטוב. דאָס איז געווען דעם שער-הברזל׳ס ברו־דער — שלמה האָט ער געהייסען...

דער שלמה איז אין תוך אַריין געווען דער הפך פון „שער הברזל״. אַ מענש אָהן אַ וואָרט, אַ נאַלמאַלער, אַיין אָבנאַרער, ער האָט שוין אויסגעדיענט כל עבודה-זרה׳ס שבעולם און צו גאָרנישט געקומען. דער ברודער העלפט, קהל העלפט, און עס העלפט נישט. מאַכט מען איהם פאַר אַ סרסור, נאַרט ער אָב ביידע צדדים. מאַכט מען איהם פאַר אַ שליח און מען שיקט מיט איהם געלד, האָט ער שוין אַזאַ מזל: גנבים בעפאַלען; איהם אַזוי זאָגט ער, און איז מקבל קנין...

איז ער צולעצט אַ שדכן געוואָרען און געוואָלט פער־שלייערען דעם פאַבטער׳ס טאָכטער. און ווי ער האָט געזעהן, אַז די זאַך שטעהט שלעכט, אַז דער פאַכטער וועט צוריק מאָהנען מיט דער יד דאָס שדכנות, און די בושה, וואָס עס וועט זיין... און געוואָלט זיך לאָזען אויף דער וועלט האָט ער שוין לאַנג, איז ער זיך מישב און געהט אַרוים נאָכ׳ן פאַכ־טער. העננט אין פעדערהייזעל דעם שער-הברזל׳ס שטריימעל מיט׳ן טיזליק, נעהמט ער צו, לאָזט זיך אַ היים. ביינאַכט טהוט ער זיך איבער און געהט אַזוי אין דער וועלט אַריין זאַמלען נדבות.

דער „שער הברזל״ און די שטאָדט הויבען נישט אָן צו וויסען פון קיין פתרון, פון קיין חלום...

מען האָט אַוועקגעגנב׳עט דעם שער הברזל׳ס שטריימעל מיט׳ן טיזליק; שלמה דער ברודער איז ערגעץ נעלם געוואָ־רען, — ווער שטעלט זיך אָב דערויף? וועמען ליעגט עס אין

זין? דעם שער הברזל וועט מען, אז דער פריץ וועט קומען,
אבהאַקען אַ האַנד, און ווען די לינקע?

— — — — — — — — — — —

די מלחמה ביי דער גרעניץ האָט זיך געענדיגט בשלום,
די שררות רייטען אַ היים מיט די חילות מיט גרויס נצחון.
וואו די וועגען שיידען זיך, שטעלט מען זיך אָב אין אַ
קרעטשמע, מען טרינקט, מען הוליעט, דער פאָהרט אַהין,
דער פאָהרט אַהער.

מען איז שוין געקומען אין אונזער שררה'ס גבול אריין.

ווייטער שיידען זיך וועגען, ווייטער פערהאַלט מען זיך
אין אַ קרעטשמע, ווייטער ווערט געטאַנצט, געהוליעט און
געטרונקען...

עס איז געווען זומער-לעב; אַ שענער אַ וואַרימער טאָג.
ליגען די חיילות אין פעלד און טרינקען. די פערד האָט
מען אין דער תבואה אריינגעלאָזט. פויערן וויינען, דער
שררה זאָגט, ער וועט בעצאָהלען...

טרייסטען זיי זיך, קראַצען זיך אין די קעפּ, בוקען זיך
צו ערד און געהען אַוועק...

די שררות זיצען אַרום טיש פאַר דער קרעטשמע, און
טרינקען אויך —

קומט פלוצלינג אַרויס דער אַרענדאַר פון קרעטשמע,
אָנגעטהון אין וועגס-קליידער, הינטער איהם שטעהט זיין ווייב
און זיינע צוויי טעכטער.

און ער, דער אַרענדאַר, געהט צו צו אונזער שררה,
בוקט זיך פאַר איהם ביז צו דער ערד, קושט דעם זוים פון
זיין מאַנטעל און זאָגט:

— אדוני פריץ גרויסער, מיין ווייב און מיינע צוויי
טעכטער וועלען בעדיענען דיך און דיינע הויכע ליכטיגע געסט,
— און מיך, זיי אַזוי גוט, און לאָז מיט דיין גרויסען גענאַד
געהן אין שטאָדט אַריין. —

— איך מוז! — זאָגט ער.

פרעגט דער שררה: פאַר וואָס ער מוז, וואָס עס האָט געקאָנט אַזוינס געשעהען אין שטאָדט, אַזאַ אויסטערלישע זאַך, אַז ער וויל איהם פערלאָזען?

בוקט זיך דער אַרענדאַר נאָך דריי מאָל צו דער ערד און פערצעהלט אַזאַ מעשה. עס איז דאָ אַ גרויסער רב אויף דער וועלט, רופט מען איהם דער אייזערנער, און ער איז, גרויסער שררה, אַ רב אין איינער פון דיינע שטעדט, 30—40 מייל פון דאַנען...

איז דער רב אַ גרויסער צדיק און אַ גדול הדור (ער האָט עס איהם קוים אויסגעטייטשט), פאָהרט ער אַרום איבער דער וועלט צוליעב אַ גרויסער מצוה — פדיון שבויים. און וואו ער קומט, איז איהם קהל מקבל פנים מיט גרויס כבוד און גרויס פרייד, און מען רופט אין שטאָדט אַריין אַלע רייכע ישוב׳ניקעס, און דער גרויסער אייזערנער רב האַלט אַ דרשה. נאָך דער דרשה שטעלט מען אַ טאַץ און אַלע וואַרפען אַריין געלד. —

און אַזוי ווי דער אייזערנער רב איז געקומען אין זיין שטאָדט אַריין, האָבען רב און קהל נאָך איהם געשיקט, ער זאָל פאָהרען אין שטאָדט אַריין הערען די דרשה און געבען אַ שענע נדבה...

— און — ענדיגט דער אַרענדאַר — אַ דאַנק פריהער נאָט און דערנאָך דיר, ליכטיגער פריץ, קאָן איך געבען אַ שענע נדבה...

גיט דער שררה אַ שמייכעל, אַ זייטיגען, נישט־גוטען שמייכעל. ער האָט שוין געוואוסט, ווער דער „אייזערנער“ רב דאַרף צו זיין...

און גיט אַ זאָג:

— הער, יוד, דו קאָנסט געבען אַ גרויסע נדבה, איך אָבער — אַ גרעסערע!

על־כן הייסט ער איהם: פאָהר אין שטאָדט אַריין, פערבעט דעם אייזערנעם רב צו דיר, מיך דערמאָהן נישט, ער

זאָל זיך נישט דערשרעקען, איך שענק איהם 500 רענדלעך. נעגוג!
דער אַרענדאַר שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף צעהן מאָל
יאָ, און קאָן פאַר גרויס פרייד קוים אַרויסשמאַמלען.
— און די דרשה?
— וועט ער זאָגען מאָרגען, שמייכעלט ווייטער דער
שררה — אויב ער וועט וועלען. אפשר וועט ער גענוג האָבען.
און גיט צו שטרענג:
נאָר תיכף זאָל ער דאָ שטעהן פאַר מיינע אויגען...

— — — — — — — — — —

דעם פריץ'ס רעד זענען מקוים געוואָרען...
געבּרענגט דעם בעל-דרשן.
אָט שטעהט ער פאַר'ן פריץ.
דער פריץ עפענט דעם בייטעל, צעהלט אַרויס 500
רויטע רענדלעך.
— נעהם...
דער בעל-דרשן שטרעקט אויס די האַנד צו נעהמען...
באותו הרגע, אויפ'ן שררה'ס וואונק, האָט אַ בליץ גע-
טהון אַ שווערד פון הינטען און אָבּגעהאַקט די האַנד...

— — — — — — — — — —

דער בעל-דרשן איז געווען — שלמה... וואָס האָט זיך,
צוליעב אויסנאַרען געלד, פאַר'ן ברודער, פאַר'ן שער „הברזל",
פערשטעלט.

הדא הוא דכתיב, — דאָס מ'נט דער פסוק: צדיק
מצרה נחלץ, דער צדיק ווערט פון אונגליק בעפרייט, ויבא
רשע תחתיו — דער רשע, וואָס האָט פון איהם אָבּגעצווינגען
דאָס רע-מזל, קומט אויף זיין אָרט.

אויף דער פרישער לופט.

(א מעשה נורא מיט'ן רבי'ן זאל לעבעג'ס יונגסטע שנור.)

פון דער טיעפסטער טיעפעניש, פון אונטערן שאול התחתיה, רייסט זיך איינמאָל אַרויף און שלאָגט זיך אָפּ אין אַלע שבעה מדורות פון גיהנום אַ קראַצענדיג-פּייפענדיגער גרילץ:

— „פייראַנד!“

דאָרטען אויך פאַרהאַן „פייראַנד!“

זענען די לאַפּיטוטלעך — די אונטערהייצער פון די קעס-לען — אונטערגעשפרונגען פאַר גרויס פרייד: פייראַנד! פריי אויף עטליכע שעה! אַ יומא דפגרא אין גיהנום! און איינער גרילצט איבער צום צווייטען:

— פייראַנד! פייראַנד!

און אַז עמיץ גיט אַ פרעג:

— וואָס אַזוינס?

ענטפערט מען איהם פערדראָסיג:

— שבתי-צבי'ס יאָהרצייט! דאָס הייסט: עם הארץ! ווי קאָן מען אַזוינס פערגעסען?!

ווערען ראַש צוגעוואָרפען גאַנצע בערגלעך קויהלען צום פייער אונטער די קעסלען; שלאָגען מיט אַמאָל פון די קעס-לען גאַנצע וואָלקען פון פרישער פּאַרע אַרויס; רייסען זיך פון די קעסלען אַרויס נייע שרעקליכע געשרייען, פון פחד און יסורים רעים...

לאָזן זיך, די לאַפּיטוטלעך: וואַרפען, זינגענדיג און פּײַפענדיג, די פּאַרטוכער פון די לײַבער אַראָב. נעהמען אויף זיך, מעשה־קונדס, יעדער איין אַנדערע געשטאַלט: ווער פון אַ מענש, ווער פון אַ חיה־רעה; פון איין עוף, צו פון אַ בײַזער פליעג אָדער עפּיס אַ טמא־קריכענדיגס... און קײַלען, אײַנער אויפ'ן אַנדערן קוקענדיג, פּאַר געלעכטער. און לאָזען זיך אַרוים און אַרויף אויף דער אויבערשטער וועלט, אויף אַ שפּאַציר, אויף אַ פּערוואַלעניש, אויף וואָס עס וועט זיך טרעפען.

פּײַראַנד! — ביז די זון וועט אונטערגעהן, ביז דער גלאָק וועט אין קלויסטער אויף זײַער „מעריב״ קלינגען!

אגב, וועט זיך מאַכען אַ געלעגענהייט, אַ בשר־ודם אַ פּיסעל אונטערצושטעלען, אַ נישט געוואָרענט נשמה'לע אין נעץ אַרײַנצוחאַפּען — וועט מען זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצען. דאָס גיהנום בעלוינט מיט אַ ברייטער האַנד: נישט פון איין קעסעל־הייצער איז אַרוים אַ העלט ביז לפני ולפנים: אַ שר־המשקים ביי ס"ם, אַ שלעפּען־טרעגער ביי לילית'ן...

פרעהען זיך מיט'ן „פּײַראַנד״ די לאַפּיטוטלעך, שפּרינגען אַרוים און אַרויף, און צולויפען זיך אויף ארבע כנפות הארץ: זה בכה וזה בכה... עס וועט זיך מעשים טהון. —

אין גיהנום־לוח בין איך נישט בעהאַווענט: ביי אונז איז אַ שענער זומער־טאָג געוועזן — און איין לאַפּיטוטעל איז זיך מישב, פערשטעלט זיך פאַר אַ שען־חנ'עוודיג, געלגאָלדיג פּרעשיל, מיט אַ גרין־סאַמעטענעם אונטערשלאַק, און לאָזט זיך, היפּענדיג און שפּרינגענדיג, אויף איין עקסקורסיע איבער אַ זומער־וואוינונג אונטער אַ שטאָדט, — פעהלט איהם, מן הסתם, קיין נחת נישט:

אָט זיצט פאַר דער סטאַציע אַ חברה נשים; אַבוואַרטענדיג מענער אָדער געסט, בייטעלט מען דערוויל די ווייבערשע קליינן: אויף שכנים ושכנות — אסור לדבר, — בעלעקט עס זיך, דאָס פּרעשיל; עס זעהט שוין בחוש, ווי

די ווייבעלעך הענגען אויף יענער וועלט בײַ די צינגלעך, ווי זיי וויעגען זיך, און וויעגען אין אויר... און היפּט ווייטער... זיצען אויף אַ וואַרענדע יודעלעך, זומער-לעב — אָהן די קאַפּאָטקעלעך, — אין די לייבצודעקלעך, מאַנכע אין טליתים-קטנים אפילו, און חאַפּען — אַ קערטיל אויף דער פריש׳ער לופט.

שרייט איינער, התפּעלות׳דיג:

— מלכּה-מלך-טויז — אַ קווענץ! און לעגט אַ יד-חזקה אויפ׳ן טעציל מיט׳ן געלד אַרויף —

פּייפט איהם אוים דער צווייטער; ער האָט:

— אַ רויש! אַ רויש!

ווערט אַ געשרייערײַ:

— אַ מזל, אַ מזל פון אַ יוד!

שמעלצט זיך דאָס לאַפּיטוטעל אין פוטער; די יודעלעך וועלען שוין פערגעסען מנחה צו דאַוונען! ער וועט עס געדענקען און אַז עס וועט קומען די צייט, עדות זאָגען...

און ער שפּרינגט, ווי אַ מילגרוים, מיט נחת פול, אין וועלדיל אַריין; פון דאָרט יונגע קולות דערהערט: געלעכטער, שטיקלעך ליעדלעך פון יודישען טעאַטער, פון דער קאַטערינקע אין הויף...

עס לאָזט זיך וואוילגעהן פון בחורים און בתולות אַ כנופיא׳לע!

בגלוי הראש די בחורים (אַ שפּאַס — אַזאַ היץ!), די בתולות — בגלוי עפּים ערגערס... מען געהט שנים, שנים, אויף און אָב געהט מען. צו מען זיצט אויפ׳ן שמעקענדיגען גראָז, אַנדערע — פּרקדן, אויסגעצויגען... און אָט שפּרינגט מען אויף, אַ טענציל וועט מען חאַפּען!

אַ מיידעל מיט צופלאָסענע האָהר האָט גערופען:

— טאַנצען! טאַנצען!

האָבען זיך בחורים און בתולות אָנגעחאַפּט בײַ די הענד; אַ בחור מיט אַ בתולה, אַ בחור מיט אַ בתולה —

און דאָס מיידעל מיט די צופלאָשעטע האָהר רופט:

— ווער וועט זינגען? ווער וועט זינגען! און דאָס קול־כעל איז אָנגעשוואָלען פון יצר הרע, און אין די אייגעלעך פלאַקערן די יצר־הרע־פלעמלעך. געפעלט זי דעם פרעשיל זעהר, זעהר; טייוועלס־קויט דערשפּירט! ניעסען ווילט זיך איהם... שפּרינגט ער נעהנטער צום זוים פון איהר קליידעל צו. דער־זעהט איהם דאָס מיידעל און דערשרעקט זיך, אַ פּחד פאַלט אויף איהר. לאָזט זי אַ קוויטש אַרויס, אַ שרעקליכען קוויטש, און אַנטלויפט, ווי אַ האָז פאַר'ן יעגער, אַלץ אינאיינעם קוויטשענדיג, טיעפער און טיעפער אין וועלדיל אַריין; לויפט איהר אייגער, אַ בחור, נאָך...— דאָס געבליבענע יונגוואַרג לאַכט, האַלט זיך ביי די זייטען און קייכט, דער בחור מיט דער בתולה — פערשווינדען...

היפּט דאָס פרעשיל לוסטיג און לעבעדיג ווייטער, און ווייטער — עס איז איהם היינט אַזוי פיעל נחת בעשערט, ער וועט האָבען וואָס צו דערצעהלען אין די לאַנגע גיהנום־נעכט, צווישען איין קויהלען־אונטערשיט און דעם צווייטען, און קוקט זיך אום — אַ נייע מציאה:—

איינע אַליין, אַ בלאַסע דאַמע אויף אַ שטיין ביים וועג, אַ בוך אין דער האַנד — אַ היינטיג מעשה־ביכעל; מן הסתם: אַ העכסט־אינטערעסאַנטער ראָמאַן! זי לעזט און שטיל, דריבנע ציטערט איהר לייב. אין די אייגעלעך וועקען און לעשען זיך די גוטע פינקעלעך; די בליצעלעך, די גוטע!

און איבער'ן בלאַסען פּנים'ל בייטען זיך, צינדען און לעשען זיך, בליהען אויף, פערגעהען און צוגליהען זיך אויפ'ם ניי די רעכטע רויטע פלעקעלעך, און צוגיסען זיך איבער'ן בלאַסען האַלז־און־נאַקען אַראָב... און דאָס הערציל הייבט זיך און פאַלט —

— אָה!

לאָזט זיך אָבער דערווייל אַראָב די זון — אַ פייערדיגע

קײל אונטערן װעלדיל. די בײמער־שטאמען גילדען זיך און גילדען, מיט איהר אַבגלאַנץ בענאָסען...

שטילער איז געװאָרען. און אין דער שטילקײט דער־הערט זיך פון נישט װײטען דאָרף דער גלאָק, זײער מעריב־גלאָק.

די אַרבײט רופט!

פערשפעטיגט ער, װערט קאַלט זײן קעסיל, פערגלײ־װערט דער פעך, פערפעהלט אין די גיהנום־מהומות זײנע קעסיל־קולות, — ער װאָלט זיך שױן נישט אױסגעקױפט; מלקות איז גאָרנישט!

שפּרינגט דאָס פרעשיל אַב צום װעג, װיל טױשען די געשטאַלט און פערשװינדען, און טהוט עס נישט, און בלײבט שטעהן — —

עס האָט אױף אַ װאָרענדע דעם רבינ׳ס יונגסטע שנור דערזעהן — — —

װי קומט דעם רבינ׳ס יונגסטע שנור אַהער? אַ מעשה שהיה...

דעם רבינ׳ס יונגסטע שנור, זאָל לעבען, איז, מיט זײן ליעבען נאָמענ׳ס הילף, מיט אײן ערשטלינג די ערשטע קינפּעט איבערגעקומען...

אַ יפת תואר — אײנע אין גאַנץ קרױן־פּױלען; נאָר אַ שװאַכינקע, אַ ביסעל אַ פערצױגענע; בײ דער מחותנת, דער מוטער, פון געבױרענהײט אָן אַ ציטעריגע בת־יחידה געװען. קומט זי אַזױ געשװינד צו די כחות נישט צוריק...

און עסען עסט עס ציפּענדיג, װי אַ פײגעלע; װײן צום שטאַרקען — נישט איבער די ליפּעלעך; קױם־קױם אַ זופּ פון קדוש און הבדלה... איז זי, נעביך, בלאַס. און שװאַך איז זי, און דאָס קעפּיל, נעביך, דרעהט זיך איהר... ציטערט די מאַמע, און — שלום בית שאין לשער, — ציטערט דער יונגער־מאַן... זיצט ער איבער׳ן ספר און פון די אײגעלעך

טראָפּען נאָך אַ טראָפּען! רופט מען אַ דאָקטאָר, און נאָך אַ דאָקטאָר, זאָגען אַלע: פרישע לופט...

היינט פערשרייבט מען דאָך נישט; הימעל און ערד און פרישע לופט.

האָט אָבער ער, זאָל לעבען, קיין חשק נישט...

— אַ נסיון — ברומט ער, אַ שטיקעל סכּנה, זאָגט ער.

שטעהט אָבער צו דער בן: טאַטעשי און טאַטעשי! און די מחותנת — די מוטער דעם ווייבעל'ס:

— ס'טייטש? צי נעהמט דער רבּי אויף זיך אַ נפש? אַזאַ'ן איידעל נפש'ל?!

וואָס טהוט מען מיט אַ זוהן? און מיט אַ מחותנת?...

זאָגט ער צו איהר:

— מוזט איהר מיטפאָהרען, מחותנת, און אַלטונג געבען און, חס ושלום, מאַכט זיך עפּיס —

און ער, זאָל לעבען, רוימט איהר עפּיס אין אויער אריין.

און מען פאָהרט נאָך די איינענע וואָך. דאָס ווייבעל, די מוטער, דאָס קינד מיט דער אַם...

זיצט עס פּונקט דאָס ווייבעל, דעם רבּי'ן זאָל לעבענ'ס שנור, אויף דער וואַרענדע אין קיהלען שטילען פאַר-נאַכט, און עטעמט די פרישע, שמעקענדיגע לופט. אין שטוב ביים וועגעלע, אין וועלכען דאָס קינד איז איינגעשלאָפען, זיצט די אַם; זיצט און שטריקט איהר זאָק די באָבעשי — און זי אויף דער וואַרענדע קוקט אין עפּיס אריין... און, קענטיג, אַ שטילען נחת שעפּט זי פון דעם, וואָס זי קוקט אריין. די אייגעלעך גלאַנצען מיט נחת, דאָס גאַנצע בלאַסע פּנימ'ל שיינט, ווי אַ צווייטע לבנה, פון בלאָהען ציפּיקעל אַרויס.

דאָס האָט דאָס ימח-שמו'ניקעל דערזעהן.

— וואָס לעזט אַזוינס דאָס געגאָלטע ווייבעלע אינ'ם בלאָהען ציפּיקעל? עס איז אַ וואָכען-טאָג, עס איז קיין צאינה-וראינה נישט...

וויל ער צושפּרינגען און זעהן... היפּט ער עטליכע שריט

און ווייטער קאָן ער נישט ... דאָס ספר׳ל לאָזט איהם נישט צו, עס שטויסט איהם אָב.

בעגיסט זיך איהם מיט שוויים דאָס שטערענדיל ... חאַפּט עס אַפער, און איבער דער פעל אַריבער, אַ פיסעל נאָך אַ פיסעל און קראַצט, און קראַצט, גלייך עמיץ וואָלט אויף איהם מיט ויעבען־יעהרינגען וויין־עסיג געטריפט ... נאָר אַוועק וועט ער נישט, און זאָל ער אפילו פערשפּעטיגען, און ווען כף הקל ... אַזא שטיל־צניעות וועט ער נישט דערלאָזען ...

ביני לביני, דערהערט דאָס ווייבעל עפּיס אַ גערודער פון שטוב. קושט זי דאָס ספר׳ל הארציג מיט די ליפּעלעך, פער־מאַכט עס און לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש. און צושטראַהלט זיך נאָך כשר׳ער, און ווענדט זיך מיט די צניעה׳דיג־פינקעלדיגע אויגעלעך צו דער טהיר צו. נאָך אויף אַ גרעסער נחת וואַר־טענדיג ...

און דאָס טהיר׳ל פון אינוויינינג עפענט זיך שטיל, אָהן אַ סקריפּ, און די אַם, מיט אַ פינגער פון איין האַנד איבער די ליפּען, דאָס הייסט: טסס, ס׳קינדרעלע שלאָפט! — שטופּט פאַר זיך מיט דער צווייטער האַנד דאָס קינדערישע וועגעלע אויף דער וואַרענדע אַרוים ... אויף גומענע רעדעלעך, אַ היינ־טיג־מאָדיש וועגעלע, מען הערט קיין שאָרך נישט —

— און די מאַמעשי? — פרעגט דאָס יונגע ווייבעל, קוים הערעוודיג.

צושמייכעלט זיך די אַם, נחת׳דיג:

— ביים זאַק, ביים וועגעלע צוקאָפּענס איינגעדרימעלט... זאָלען נאָר די פליגען לאָזען!

ריהרט זיך דאָס יונגע מאַמעלע, שטיל מיט די ליפּעלעך, צום קינד׳ס שטערענדיל צו:

— אַ גוטע נאַכט, אַ זיסע נאַכט, אונטערן גוטען מלאך׳ס פליגעלע ...

און צוריק פיהרט דאָס קינד. די אַם פערמאַכט אונטער זיך די טהיר צוריק ... שמייכעלט דאָס יונגע ווייבעלע אַ זיס

פער׳חלומט שמייכעלע איבער׳ן בלאסען פנים׳ל. און הייבט זיך שטיל, שטיל אויף, און לאָזט זיך, שטיל בעגליקט, צו דער וואַרענדע צו. און בויגט זיך, מיט׳ן פולען הערצעלע, איבער׳ן געלענדער אריבער, און הייבט דאָס קעפעלע, מיט די פרום און נחת׳דיג שטראַהלענדיגע אויגעלעך, מיט א זיסען דאַנק צום בלאָהען, שטילען הימעל אַרויף... פערזייהט זיך דער בלאהער שטילער הימעל מיט גאָלדענע פינקעלדיגע שטערענדליך. שטראַה-לען זיי, פינקלען זיי צוריק צום גליקליכען מאַמעלע אראָב — קאָן עס שוין דאָס פרעשיל נישט אריבערטראָגען; שפרינגט עס טיעפער צוריק אין וועלדיל אַריין. תוך כדי דבור קומט פון דאָרט, צוריק אויפ׳ן וועג אַרויף, א יודעלע — א געהער, א שטעקען אין דער האַנד, דער סחורה-קאַסטען איבער די אַקסעל. און ער שפרייזט, איבער דער ברייט פון וועג, גלייך צו דער וואַרענדע צו, רופענדיג:

— קויף עפּים, יונג ווייבעלע — — —

זי זעהט איהם נישט, זי הערט איהם נישט...

— קויף עפּים, מאַמעלע!

„מאַמעלע" דערהערט זי שון. און גיט אַ לייכטען ציטער. וואַרפט דער געהער דעם קאַסטען פון די אַקסעל אדאָב, און עפענט זיינע פאַכען, און רעכענט אוים:

— שפילקעס און נאָדעלעך, האָהר-נאָדעלעך און קע-מעלעך...

— איך דאַרף נישט, ליעבער יוד!

עפענט ער אַ צווייטען פאַך:

— אַט עלפענביינערנע רייפעלעך, פאַר׳ן יונג קינדעלע אין מיילעכיל אַריין — אַ שפּיעלעכיל... און אַט וועלפענע ציינ-דעלעך; אַ סגולה, לייכט דאָס ציינדלען איבערצוקומען... און אַט, פאַר איין עין הרע, אויפ׳ן הענטיל—בענדעלעך... זיידע-נע, רויטינקע...

אויף דעם וואַרפט שוין דאָס יונגע מאַמעלע איין אויג זי וויל דאָך זאָגען:

— נאָך צו־פּריה, ר׳ יוד...

אָבער תּוך כּדי דבור, ווי זי האָט נאָר איין אויג געוואָר־פען, האָט ער אַ פּאַק אַ נײַם געעפענט, און איהר פאַר די אויגען מיט אַ שנור קרעלען אַ בּליץ געטהון; ווי מילגראַמען גרויסע, רויטע ווי בּלוט... און מיט זיינע אויגען — אַ בּליץ, און מיט אַ קול, אַ היים־אָנרײַדעוודיגם:

— קויף ווייבּעלע, קויף!

געלאַסען שמייכלענדיג, מאַכט זי אַוועק מיט דער האַנד אויף ניט...

ער טהוט זיינם:

— און אַט פּעריל! מיינט נישט, איין אָרימער שאַכער. אַט בּריליאַנטען אפילו, און איך גיב אויף בּאָרג! און אַז אַ יונג ווייבּעל פּערלאַנגט, שענק איך אַמאָל... איהר הערט? איך שענק! פּעריל שענק איך, און בּרילאַנטען...

האַקט זי איהם שוין איבּער קאַלט:

— אומזיסט אייערע רייד, ווער איהר זאָלט נישט זיין! געהט אייך אייער וועג. מיין ציערונג שלאָפט אין ווענעלע אין שטוב. מיין טייער ציערונג שלאָפט פון אַ גוטען מלאך בּעשיצט... איך דאַרף אייך און אייער סחורה נישט! געהט, אייך, געהט, ווער איהר זאָלט נישט זיין!

אונרוהיג איז זי דאָך, ווענדט זי זיך אָב און הייבּט אָן, אונטערן פרייען הימעל, פאַר׳ן שלאָף קריאת־שמע צו לייענען. ווערט נעלם דער שאַכער, צוריק אין וועלדיל אַריין. און פון דאָרט רייסט זיך פּלוצלונג אַ יונגער בּחור פון די היינטיגע בּחורים אַרויס, לאַנגע פּעכיגע האָהר בּיז איבּער די אַקסעל; אויגען, ווי די בּרענענ־דיגע קויהלען, פלאַמענדיגע; אין איין האַנד עפּיס אַ כּלי, אַ מאָדנע, מיט סטרונעס צום גרימפּלען די צווייטע — בּיים האַרץ, עס זאָל נישט אַרויסשפּרינגען.

און ער רעדט צו איהר, זיפצענדיג, און זינגענדיג. פון צייט צו צייט אויפ׳ן אינסטרומענט צוגרימפּלענדיג:

— אָ, בּת־מלכּה פון הימעל! — דאָס היינטיגע לשון

פון בחורים! — דו פערשעמסט מיט דיין זיס בלאס פנים׳ל אין הימעל די לבנה, און מיט דיינע זיסע אייגעלעך — די שטערענדלעך אין הימעל!

און ווייטער א חאפ צום הארץ:

— און האסט אנגעצונדען א העליש פייער אין מיין ברוסט... א בענקעניש — אין מיין נשמה!

און שיר השירים קען ער אויך:

— מיט איינס פון דיינע אייגעליך האסט דו מיך בע־הארצט; מיט א שטראהל פון דיינע אויגען דאס הארץ דורכ־געשטאכען און געלעכערט, און א וואונד געמאכט. און עס טריפט, און טריפט מיין הארציג בלוט. און נאר דו, דו מיט דיין זיסער האנד קאנסט זי היילען...

זעהט דאס ווייבעל, נעביך, אז עס וועט קיין עק נישט נעהמען, האקט זי די קריאת־שמע איבער:

— נארישער בחור, זאגט זי, נארישער בחור מיט א מיידעל׳שען קאפ און א כלי־זמר׳ישער כלי אין דער האנד, — איך בין איין אשת־איש, און האב א ליעבען, ליעבען מאן; פון יחום — א פאהן און פער. און א תורה־לערנער א גרוי־סער... און איך האב איהם ליעב, אוי, ווי ליעב! און א יונג־מאמעלע בין איך, א גליקליך יונג־מאמעלע, זיין ליעבער נא־מען האט מיר א קינדעלע — א מלאך׳ל בעשערט... ווארף נישט קיין ארבעס אויף דער וואנד...

ווערט פון בחור צוריק פראש...

האט זיך אבער נישט דאס פרעשיל אליין פערזוימט; אנ־דערע אויך, האבען אפשר בעסערע געשעפטען געהאט... קומט אנצושפרינגען א יאשצערקעלע, שטעלט זיך ביים פרעשיל אב:

— אויך פערשפעטיגט?

— און אומזיסט! ענטפערט דאס פרעשיל פערצאגט.

און ווייזט צו׳ם ווייבעל צו...

— אי! איז דאס יאשצערקעלע מבטל און מאכט צום פראש:

— ביזט א פערד; זײ א פערד! א רײט־פערד, א רײט־פערד פאר א פריץ, א יעגער א שטאָלצען.

ובך הוה. פון דעם פרעשיל איז א שװאַרץ־סאַמעטען־מיוחס'דיג פערדיל געװאָרען, אַט שטאַמפּט עס מיט די דינע פיסלעך, און א רײט־געשפּאַן — א זילבערנס, מיט גאָלדענע פּליטערלעך בעשפּריצט.

און פון דער יאַשצערקע װערט א פריצ'ל — א יעגער'ל; הויך און שטאָלץ, און חנ'עװדיג, װי שלענגעלעך די װאָנסעלעך—

שפּרינגט דאָס פריצ'ל — דאָס יעגער'ל אויפ'ן פערדעלע ארויף. און גיט א ריט איבער'ן װעג אין דער ברײט, צו דער װאַרענדע צו, און גיט א זאָג עלט פריצישדיג:

— עה, יודיש־װײבעל — חנ'עװדיגס! א גלעזיל װאַסער ברענג ארויס!

און א פריץ פאָלגט מען דאָך. ציטערט דאָס װײבעל און ברענגט א גלאָז מיט װאַסער ארויס, און דערלאַנגט מיט א האַנד א פערציטערטער. נעהמט דאָס פריצ'ל דאָס גלאָז צװאַ־מען מיט דער האַנד, און דריקט די האַנד. און ארויסצוריסען די האַנד האָט זי נישט קײן כח. און ער קוקט, מיט אויגען פריצ'ישע, הײס און היציגער אין איהרע כשר'ע אײגעלעך אריין, די בליקען זײנע בריהען זי און איהרע ברעמען פאָל־גען נישט און פאַלען נישט אראָב, און זי קוקט, פער'כשופ'ט, איהם אקעגען —

האָט דאָך ער, זאָל לעבען, עפּיס דער מוטער אײנ־געראָטען...

שטעלט זיך אויף דער שלאָפענדיגער מוטערס נאָז א פליעג און זומט, און גיט א ביס...

שפּרינגט דאָס אַלטע מוטער'ל אויף; װאו די טאָכטער, װאו?

לויפט זי. די בריל אויפ'ן שטערן, דעם זאָק אין דער

האנד, די שפּיזלעך פּערלירענדיג, אויף דער וואַרענדע אַרוים-דערזעהט זי, ניט זי:

— „שרי, קרע שטן!" — אַ געשריי

און שוין —

נעלם געוואָרען דאָס פּריצ'ל, די ערד האָט'ן איינגע-שלונגען...

איין אמת'ע סכנה געווען... אָבער נצול געוואָרען!

דער קָרְבָּן.

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער שר, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ צווישען גערטנער בײ'ם ברעג פון ים.

דער שר איז איין אַלמן געווען, און נאָך אַמאָל חתונה האָבען האָט ער נישט געוואָלט צוליעב די צוויי טעכטער וואָס ער האָט געהאַט, שרה און רבקה.

שטעהט אַמאָל דער שר אין פענסטער פון פּאַלאַץ און וויל זעהען, וואָס זײַנע אַרויסגעוואַקסענע טעכטער טהוען. זעהט ער, אַז איינע, די עלטערע, מיט'ן נאָמען שרה, זיצט אויף אַ גאָרטען-באַנק און העפט. ווייסט ער, וואָס זי העפט. זי העפט אויס, מיט גאָלד און זילבער און גראַנאַטען אויפ'ן פיינסטען סאַמעט, אַ פּרוכת אין שטאָדט אַריין פאַר דער שוהל. אַ יפת תאר, און אַ בריה נפלאה, די הענדטלעך פליהען בײ'ם העפטען, און אַ פרומע נשמה דערצו.

און די צווייטע, מיט'ן נאָמען רבקה, לויפט אַרום צווישען די ביימען פון בלומען, און רייסט די שענסטע און די טייערסטע און פלעכט אַ קראַנץ. ער ווייס, פאַר וועמען — פאַר'ן ליעבען פאָטער. אַ יפת תאר און אַ געשיקטע, און זוא האַרציגע דערצו. און ער הויבט די אויגען אויף, ווייטער צו קוקען. שוועבען זײַנע בליקען איבער'ן שטילען בלויען ים, און זיין האַרץ וואונדערט זיך: פאַר וואָס זעהט מען

קיין שפּילעך מיט חתנים פאַר זיינע טעכטער נישט? ווען וועט ער פון זיי נחת דערלעבען?

און ווי ער קוקט אַזוי, דערזעהט ער: אַ שיפעל גע־נעהנט זיך צו צום ברעג. שטיל ריהרט עס צו. די רודערען הענגען פון די רייפען אין וואַסער אַראָב, און אַ האַנד הענגט פון שיפעל אַרויס, אין וואַסער אַריין. ווער קאָן עס אין שי־פעל זיין, און וואָס האָט זיך איהם געטראָפען, וואָס די רודערס זענען איהם פון די הענד אַרויס, און איינע פון די הענד הענגט אַזוי שטאַר אין וואַסער אַראָב? איז דער שיפער איינגעשלאָפען פאַר מיעדקייט, אָדער אַ שלאָג פון דער זון בעקומען און פער'חלש'ט געוואָרען?

אונרוהיג געוואָרען, לויפט דער שר אַראָב, שרייט די דיענער צוזאַמען, איילט מיט זיי צום ברעג פון ים. די טעכ־טער האָבען אויך דערהערט און זענען נאָכגעקומען.

איידער מען האָט אָבגעבונדען אַ שיפעל, אַנטקעגען צו שווימען און צו רעטען, האָט דערווייל דאָס בלאָנזענדיגע שיפעל אליין זיך צוגעשלאָגען צום ברעג.

אין שיפעל איז געלעגען אַ פער'חלש'טער יונגער מאַן.

— אוי, ווי שען! האָט אויסגעשריען רבקה. און שרה האָט זיך שוין מיט'ן קראַנקען פערנומען, — מען האָט פון פּאַלאַץ אַ טראָג-בעטעל געברענגט, מען האָט דעם פער־חלש'טען, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דערמינטערען, אויפ'ן בעט געלעגט און, אויף שרה'ס בעפעהל, צום פּאַלאַץ גע־טראָגען, אין אַ צימער אַריינגעטראָגען...

— איך רייט אין שטאָדט אַריין נאָך אַ דאָקטאָר! — האָט דער שר געזאָגט, און אויגענבליקליך האָבען די דיענער פאַר איהם צוגעפיהרט אַ געזאָטעלט פערד...

— איך וועל רייסען בלומען פאַר'ן שענעם קראַנקען! — האָט רבקה געזאָגט. אַז ער וועט זיך אויפחאַפּען, די אויגען עפענען, זאָל ער בלומען דערזעהען...

שרה איז ביי׳ם קראַנקענ׳ס בעט געבליבען; צוקאָפּענס געזעסען, און שטילערהייד פאַר איהם תּפלה געטהון.

— — — — — — — — — —

עס איז געוואָרען פאַרנאַכט. די זון געהט אונטער און שטילע שאָטענס וועבען זיך צוזאַמען אין קראַנקענס צימער.

אין דער פערשאָטענטער שטילקייט, מיט טיפע רויטע אָבגלאַנצען פון דער אונטערגעהענדיגער זון, עפענט זיך פּלוצלונג די טהיר פון קראַנקען-צימער, און עס בעוויזט זיך ווער, מיט שוואַרצע פליגעל, אין אַ שוואַרץ טוך פערהילט.

— ווער ביסטו, ווער? — פרעגט שרה דערשראָקען, און קאָן פון דער ערשיינונג קיין אויג נישט אָבווענדען.

— דער מלאך־המות! — ענטפערט דער געקומענער. מען האָט מיך נאָך דעם יונגענמאַנ׳ס נשמה געשיקט...

— אוי, — בעט זיך שרה, לאָז איהם געמאַך! זעה, ווי יונג ער איז, זעה, ווי שען ער איז... ער שלאָפט פער־חלש׳ט, און אַ זיסער שמייכעל שפּיעלט אַרום די פיינע ליפּען. אַ זיס, ליעב לעבען חלומ׳ט זיך איהם... זעה דעם אָבגלאַנץ פון גע׳חלומ׳טען גליק אויף זיינע בלאַסע באַקען, אויף זיין זיסען שטערן...

— דו האָסט איהם ליעב בעקומען, מיידעל, — ענטפערט דער מלאך־המות — קויף איהם אוים אויף עטליכע מינוט!

— אויף עטליכע מינוט?... מיט וואָס?

ענטפערט ער אויף דער ערשטער פראַגע נישט. נור

— שוואַרצע, — זאָגט ער — לאַנגע צעפּ האָסטו, שענק מיר דיינע צעפּ!

— נעהם! — שרייט שרה אוים.

און דער מלאך נעהמט פון אונטער׳ן שוואַרצען מאַנטעל זיין שאַרף מעסער אַרויס, שניידט, שרה בלייבט גאָל. דער מלאך פערשווינדט, אָבער נישט אויף לאַנג.

די זון האָט זיך עטוואָס טיפער געזעצט, און דער

שטילקייט הערט זיך רבקה'ס געזאַנג ביים בלומען רייסען; אַ זיס־האַרציג ליעד זינגט זי, די ווערטער הערען זיך נישט — און דער מלאך המות בעוויזט זיך צום צווייטען מאָל:

— די עטליכע מינוט זענען אַריבער!

— איך וויל נאָך עטליכע מינוט פאַר איהם קויפען, אפשר וועט ער דערווייל די אויגען עפענען...

— דו ווילסט זיינע אויגען זעהען? וואָס גיסטו דערפאַר?

— וואָס דו ווילסט, מלאך!

— פאַרבען דאַרף איך, — ענטפערט דער מלאך. — גיב מיר דעם אַלבאַסטער פון דיין לייב, דאָס פורפור פון דיינע ליפען, דאָס בלויע פון דיינע אויגען...

— נעהם! — ענטפערט שרה.

— אויף אַ פּאָר מינוט! ענטפערט דער מלאך.

— אויף אַ פּאָר מינוט! זאָגט שרה נאָך, שוין איין אויסגעבלייכטע, מיט ליפען בלויע, אויגען פערלאָשענע...

דער מלאך פערשווינדט. און רבקה'ס געזאַנג קומט פון גאָרטען אַלץ נעהנטער און נעהנטער. „זי וועט באַלד דאָ זיין!" טראַכט שרה, און ווייס נישט, צי דאָס פריידט זי, צי עס מאַכט איהר שמערץ. נאָר איידער די שוועסטער איז געקומען, האָט זיך דער מלאך המות צום דריטען מאָל בעוויזען:

— אַזוי געשווינד? שטאַמעלט שרה.

— ווילסט נאָך צוויי מינוטען קויפען?

— איך וויל!

— שענע ציינער האָסטו?

— נעהם זיי דיר!

ער נעהמט. דער יונגער מאַן עפענט די אויגען נישט אויף, אויף די טרעפ הערען זיך שוין רבקה'ס טריט זי לויפט אַרויף; אָבער דער מלאך המות קומט פריהער.

— וואָס נאָך זאָל איך דיר געבען? — פרעגט שרה פערצווייפעלט. וואָס פערמאָג איך נאָך?

— אַ נשמה! — ענטפערט דער מלאך — לעבען פאַר לעבען. גיב דיין לעבען פאַר זיין לעבען!

— איך גיב!

— נישט דאָ! — ענטפערט דער מלאך. דו מוזט אין דיין צימער אריין, אויף דיין בעט זיך לעגען, — אַזוי איז דיר שטאַרבען בעשערט.

— און ער?

— ער וועט לעבען! אויסלעבען זיינע יאָהרען.

שרה וואַקעלט זיך אָב אין איהר צימער אריין, דער מלאך המות — געהט נאָך.

אין דער זעלבער סעקונדע האָט רבקה מיט געזאַנג די טהיר צום קראַנקענ'ס צימער געעפענט און האַסטיג דעם קראַנקען מיט בלומען בעוואָרפען.

און ער, דער קראַנקער, האָט פּלוצלינג די אויגען געעפענט, פון בעט אַראָבגעשפּרונגען, און איז צו רבקה'ן, ווי פון אַ מאַגנעט געצויגען, צוגעפאַלען:

— אָה! ווי שען דו ביסט, כלה!

— אָה! ווי שען דו ביסט חתן!

— — — — — — — — — —

פרת.

דער אַלטער איז געווען גרויס...

שייך צו זאָגן „גרויס"? היֵסט עס, אויף אונזער מאָס געמאָכטען?

נאָר, עס רעדט זיך אַזוי.

און — אַ בעהאַלטענער געווען.

דהיינו? געזעהן האָט מען ווייניג: גאָר ווייניג. און דאָס, וואָס מען האָט שוין ממש געזעהן, האָט מען ערשט נישט פערשטאַנען.

האָט מען זיך געפּרובט, איז מען אַריינגעפאַלען. אין פּלוג, למשל, דאַכט זיך, דאָס האָט ער געמיינט. מאַכט זיך, אין אַ רגע ארום, אַ מעשה קאַפּויר, — להד"ם! — עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבען!

אַ השפּעה האָט מען געפיהלט, בפּועל ממש געפיהלט: אין דעם איז קיינער קיין רגע נישט מסופק געווען. אַ יוד לאָזט זיך אין וועג אַריין צום אַלטען, און וואָס אַ טריט ווייטער פון דערהיים, וואָס אַ שריט נעהנטער צום צדיק, פיהלט ער זיך אַלץ געהויבענער, גרינגער, עפּעס ממש פליהענדיגער. אַ שטיק נאָך אַ שטיק פאַלט אַראָב דאָס גשמיות: מיט יעדען טריט וואקסט ווי אויף הייוועו דאָס רוחניות. בא, אַ יוד האָט נאָר, אַרויסגעהענדיג, די מזוזה געקושט, און שוין שמחה! וויים איך — נאָר־וואָס דאָס פּעקיל פון וואַנד אַראָבגענומען, — טלית ותפילין מיט אַביסעל צידה לדרך, — אַ יוד

האָט נאָר דערמאָהנט אָן דער נסיעה, ווי זאָגט אַ יוד? אם ירצה השם, עס וועט זיין הוצאת הדרך, גיב איך זיך אַ לאָז צום אַלטען — און שוין! עפּיס האָט שוין אינווענינ אויפגע-פלאַמט, צושטראָהלט זיך, ממש אַ לעמפּיל: מען האָט אריינ-געגאָסען פרישען בוימאייל, — שמן זית אריינגעגאָסען!

אָבער, אַז דער יוד איז געקומען, דער יוד איז שוין דאָ, און ער זעהט גאָרנישט, ממש גאָר נישט, און דאָס מקצת מן המקצת, וואָס ער זעהט, איז דער שכל נישט משיג — פאַלט מען אַביסעל ביי זיך אָב... און אַ קימא לן האָבען מיר: אַז מען פאַלט ביי זיך, פאַלט מען בכיח איין אמת! זעהט מען שוין נאָך ווענינער. איז ווענינער בטחון, ווענינער אמונה... איז דער מח נאָך ווענינער תופס און דאָס לב נאָך ווענינער משיג...

מאַנכע פלעגען טאַקע אָבפאָהרען.

. . . .

נעהמט, למשל, דאָס גערטיל.

אַ גערטיל האָט דער אַלטער געהאַט, האָט ער עס געהאַלטען אַרומגעצוימט און אָבגעשלאָסען.

מאי טעמא? חס ושלום, אַ צר עין און פערגינט נישט, אַ יוד זאָל זיך אָברוהען אין שאָטען פון זיין בוימעל? אָדער אַ ברכה מאַכען און דערקוויקען זיך איבער אַ פרי?

טאַפּט מען אין דער פינסטער און מען זאָגט: די בחינה פון „גן נעול" — אַ פסוק אין „שיר השירים"; „אחותי כלה" איז די כנסת ישראל.

נו, גוט, אָבער לשם מה — צו וואָס?

זאָגט מען אויף יחוד, אויף התבודדות.

יחוד, גוט. אַ צדיק מוז האָבען יחוד. אָבער פאַרוואָס אין גאָרטען, נישט אין שטוב? מען קאָן זיך דאָך פערשליסען חדר לפנים מחדר, — ווי טהוען אַלע גוטע יודען?

ענטפערט מען: תחת כפת הרקיע — אונטערן פריען הימעל וויל ער יחוד. הימעל און ער — און שוין...

אָבער ווען קומט ער אין גערטיל אַרײַן?

לאָזט זיך אויס, אז גײען אין גערטיל אַרײַן גײט דער אַלטער נאָר פאַר ימים נוראים, און דוקא בײַ־נאַכט, און פאַר דער ערשטער סליחה!

געפינט מען ווײַטער א תירוץ: טאַקע פאַר ימים נוראים, דעמאָלט טאַקע שמועסט ער זיך אויס אויג אין אויג און ביחידות מיט דער פמליא של מעלה; אָהן אַ מחיצה פון א סופיט מיט א דאַך.

לעגט זיך עס אַביסעל אויפ'ן שכל; ווערט מען אָבער געוואָהר, אז אײנמאָל, געהענדיג בײ־נאַכט אין גערטיל אַרײַן, האָט ער מיטגענומען א שער, א גרויסע גאָרטען־שער. מען האָט זי גאָר פריהער אויף די אויגען נישט געזעהן...

ווי קומט התבודדות מיט דער פמליא של מעלה צו'ן א שער? בלייבט מען שטעהן!

. . . .

אין גערטיל, האָט מען געוואוסט, וואַקסען עפּיל־בוימער. אונטער דער שטאָדט, בײם טײַכעל, איז פאַראַן א שטיקעל בערגיל.

אז מען געהט צו תשליך און מען קריכט אויפ'ן בערגיל אַרויף, אָדער די קינדער, ל"ג בעומר, אז זײ געהען שפּאַצירען אויפ'ן בערגיל — זעהט מען דאָס גערטיל מיט אַלע ביימלעך.

געוואוסט האָט מען אויך, אז נישט אַלע ביימלעך אין גערטיל זענען גלײַך.

אויף דעם ענין האָט זיך אמאָל אָבגעשטעלט אײנער פון די מקורבים. צי האָט ער אַליין מעהר נישט געוואוסט, אָדער נישט געוואָלט מגלה זיין מעהר, ווי ער האָט געוואָלט, — גערעדט האָט ער — אזוי, געלאָזט פאַלען אַ פּאָר ווערטער.

אָבער דאָס האָט ער בפירוש געזאָגט, אז נישט אַלע ביימלעך זענען גלײַך.

עס זענען פאַראַן, זאָגט ער, אילני סרק — לײדיגע

ביימלעך, וואָס טראָגען גאָר קיין פּירות נישט. אַ ביימעל — איין עקר, רחמנא ליצלן. און עס איז פאַראַן אַ בוים, וואָס טראָגט שלעכטע פּירות. דער ליידיגער בוים, זאָגט ער, ברענגט, לכל הפּחות, זאָגט ער, צו קיין מכשול נישט. דער מיט די שלעכטע פּירות אָבער ברענגט אַמאָל צו'ן אַ ברכה לבטלה. די מראה נאַרט אָפּ, מען מאַכט אַ ברכה, מען כאַפּט אין מויל אַריין און מען שפּייט אויס — אַ ברכה לבטלה געווען! די שלעכטע פּירות אָבער קאָנען האָבן תּקון זיין פייער, אויב זיי זענען נאָר קיין סם נישט: מען קאָכט, מען מאַכט ברכה און מען עסט... אָבער דער אמת'ער „עץ עושה פּרי", ווי אין פּסוק שטעהט, גיט גרייטע פּירות. זיי דאַרף מען נישט מתקן זיין; מאַך ברכה און עס פון בוים... און עסענדיג, האָסטו הנאה, און מיט דער ברכה האָסטו גע־הויבן די פּרי און דורך דער פּרי געבענשט דעם בוים!... און איז נאָך די פּרי אַ הדר, ווי דער פּסוק זאָגט: תאוה לעינים, דאָס הייסט: אַ פערגליסטונג צו די אויגען, — נעהמט מען נאָך די פּרי צו פעהנער שמחת תורה, האָט מען פּרי־הער דעם תענוג פון הדור מצוה, איז מען מקים: זה אלי ואנוהו, דערנאָך ערשט מאַכט מען אַ ברכה און — זאָל דיר װאויל בעקומען...

עס איז אָבער, זאָגט ער, פאַראַן נאָך אַ העכערע מדרגה. די מדרגה פון „תפּוח בעצי היער" — די בחינה פון „הכהן הגדול מאחיו" צווישען ביימער, — פון אַזאַ בוים — זאָגט ער, און גיט אַ שמייכעל איבער'ן גאַנצען פּנים — פון אַזאַ בוים נעהמט מען פּירות אויף יין צו קדוש און הבדלה...

געזאָגט האָט ער עס, דער מקורב, אין כלליות, אַזוי, אין דער וועלט אַריין: ערב שבת געווען, שיר השירים גע־זאָגט, אויפ'ן פּסוק זיך געשטעלט...

געוואוסט אָבער האָט מען, אַז דער אַלטער מאַכט קדוש און הבדלה נאָר אויף עפּיל־וויין, און אַז דעם עפּיל־

זיין מאַכט די רבי'צין מיט איהרע אייגענע הענד און אונטער־
זיין השגחה... און דוקא פון די פירות פון גערטיל...

— — — — — — — — — —

איז געווען בײַ גנז אַ פּרוש — אַ שווייגענדיגער.
דאַוונט, לערנט און רעדט נישט אַ וואָרט.

מילא, אַ יוד רעדט נישט, רעדט ער נישט. ער וויל נישט רעדען. בפרט, אַז דער יוד איז, לא עליכם, אַ חולה־אַ כשל ברך; עס איז איהם פשוט שווער צו רעדען, אפשר אַזאַ נדר געטהון; אפשר אַזאַ תשובה, און אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר אַ גדר! אַ יוד צוימט זיך אַרום פאַר איין עבירה; אַז מען רעדט נישט, זינדיגט מען נישט!

סיי־ווי־סיי, דער פּרוש רעדט נישט. איז מען געוועהנט צום שווייגענדיגען פּרוש. ווייסט מען.

מאַכט זיך און דער פּרוש רעדט!

און ווען? פאַר דער פּטירה!

איינמאָל בײַ־נאַכט, מײַן פּרוש פאַלט אויף דער באַנק אַנידער, מיר נישט דיר נישט, און הויבט אָן צאַפּלען. — וואָס איז דיר, פּרוש־לעבען? שוים איבער'ן מויל!

געווען באותו מעמד אין בית־המדרש זענען מיר זאַלבע־דריט: איך און נאָך צוויי יורען. בײַ־נאַכט געווען, פאַר סליחות. וואָס איז צו מאַכען? וועט מען בײַ'ן איהם זיצען ביז דער עולם וועט קומען; נישט ווייט צו סליחות. דעם אַלטען מודיע זיין; לוינט נישט; ער ווייסט אַליין... אין דרויסען — אַ ווינד. מילא, ווינד איז ווינד; „אף ברי״, ווי אין פּיוט שטעהט, עס געהט דערצו. זאָלען די שויבען ציטערן... אַ פּיש אין וואַסער ציטערט! הויבט זיך אָבער דער פּרוש אויף, דערהערט אַ פּנים, קוקט צום פענסטער, לעגט צו דאָס אויער, מאַכט זיך מיט דער פלאַכער האַנד אַ טראָם־פּייטעל בײַם אויער, — הערט זיך בעסער אײַן. מען זעהט בחוש, ער הערט זיך אײַן! און פּלוצלונג — ער רעדט! ואָס פּנים

פלאַמט, די אויגען גרייסען אויך גרייסען זיך און דאָס מויל איז אָפען און רעדט!

נישט אַלץ חאַפּט דאָס אויער, און נישט אַלץ, וואָס דאָס אויער חאַפּט, קומט אין האַרץ, צי אין מח אַריין, — איין אימה איז אונז בעפאַלען; איך הער, ווי בײַ מיינע חברים קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך הער, ווי מיין אייגען האַרץ קלאַפּט.

אָבער אַ סך איז געבליבען אין זכרון.

— מען דאַרף, — זאָגט ער, און די שוים יאָגט און יאָגט, — מען דאַרף, אַז אַלע ביימער זאָלען זיין גלייך; אַז אַלע זאָלען נתעלה ווערען צו דער העכסטער מדרגה. מיט'ן תוך — צו „עץ עושה פּרי“, און אין חיצוניות — צו „תאוה לעינים“, — שוין אין געבענשט זאָל זיין... שוין אין געבענשט! און אַלע זאָלען געבען יין לקדוש ולהבדלה... און ווער דאַרף עס טהון? ווער איז מחויב צו הויבען די אילנות? דער צדיק, זאָגט ער. דער צדיק. ער דאַרף עס טהון, ער מוז עס טהון; ער איז דער בעל-הבית פון פעלד, און פון גאָרטען דער בעל-הבית...

און ער טהוט עס, דער צדיק.

— נעהמט — זאָגט ער — דער צדיק הדור, אין דער מסוגל'דיגער נאַכט, אין דער רעכטער צייט, די שער און גיהט אין גערטיל אַריין, און אָבגעשלאָסענעם גערטיל אַריין.

נעהמט ער, זייענדיג אין גערטיל, האַלטענדיג די שער אין האַנד, אין דער מסוגל'דיגער נאַכט, אין דער רעכטער שעה, און שניידט-אָב צווייגלעך פון גוטען בוים, און געהט-צו צום שלעכטען בוים, און שטעלט מיט די שפּיצען פון דער שער אין שלעכטען בוימס שטאַם אַריין, און שטעקט אין שפּאַ-רע אַריין אַ צווייגעלע פון גוטען בוים... דאָס — זאָגט ער — איז דער סוד פון „הרכבה“, פון איבערפלאַנצען דער סוד...

קאָן אָבער — זיפט ער אָב — גאָר נישט געהויבען ווע-

רען אָהן יסורים. טהוט אַלע וועה, וויינען אַלע; דער גוטער, ווי דער שלעכטער בוים... דאַס גאַנצע גערטיל וויינט...

עס וויינט דער גוטער בוים: זיינע צווייגעלעך זענען איהם אַ שאַד! אויף זיינע קינדערלעך וויינט ער, דער גוטער בוים. אויף זיין זאָמען, וואָס ווערט פון איהם אָבגעריסען, פערוואָגעלט און אוועקגעטראָגען... דעם סוד פון הרכבה ווייסט ער נישט, אפילו דער גוטער בוים, טרייסטען קאָן ער זיך נישט...

וויינט דער שלעכטער בוים: פאַרוואָס שטעכט מען מיך? איך וויל נישט קיין פרעמד גוטס. עס טהוט איהם נאָך מעהר וועה... דעם סוד פון הרכבה ווייסט ער אודאי נישט, פערשטעהט ער נישט, האָט ער אוודאי נישט קיין טרייסט...

וויינט אויך דער גערטנער, וואָס האָט האַרץ פאַר אַלע זיינע ביימלעך, און רחמנות אויף אַלע: פאַרוואָס, וויינט ער, קאָן אָהן יסורים גאָר נישט געשעהן? און פאַרוואָס ווערט דער סוד פאַר די ביימער נישט ענטפלעקט?

און טרעפען טרעפט זיך אָפט: דער שלעכטער בוים נעהמט דאָס גוטע נישט אָן; קוים האָט זיך דער גערטנער אָבגעווענדט, וואַרפט ער ס׳גוטע פון זיך אַרויס, שליידערט עס אַוועק... קומט דער ווינד און הויבט־אויף, און טראָגט אַוועק... איבער דעם צוים, אין דער וועלט אַריין, אין הפקר אַריין... ווערט אַ יללה פון די פערוואָגעלטע: פון דער־היים אַ ר ו י ס, אין ערגיץ נישט געקומען, פון ווינד געטראָגען... נע ונד, כּף־הקלע... אין הפקר אַריין...

און ער פאַלט צוריק אַרונטער, דער פרוש...

איז אין הויף ביי׳ם אַלטען אַ תינוק געווען — אַ יונגעלע אַזוינס, „ינוקא" האָט מען איהם גערופען — אַ מיחוש אין קעפעלע... מען האָט איהם אַמאָל צום אַלטען געברענגט און עפּיס איבערגעלאָזט. דרעהט עס זיך אַרום אין הויף. אַ יונגעל מיט אַ מיחוש: נישט ער דאַוועגט, נישט ער לערנט, נאָר אוינאַנים עפּיס אַזוינע גרויסע. ער קוקט און עפּיס ווערט מען

פון קיק ממש אונרוהיג, עפּים אַ האַרבע קשיא קוקט אויף אייך, עפּים אַ צער פון איין אייביגען תּיק"ו... גערה ווײס — און געה טרייב איהם, אַז דער אַלטער, ווען ער געהט איהם פאַרבײַ, לעגט ער איהם די הענד אויפ'ן קעפּיל...

און בשעת ווען דער פּרוש איז אַזוי אַרונטערגעפאַלען מיט'ן קאָפּ, און דאָס מויל האָט געשוימט, און די לעפּצען האָבען אַלץ אינאיינעם געברומט: צער. נאָר מיט יסורים... דער ווינד טראָגט, חוץ למחנה, הפקר — — —

עפענט זיך פלוצלונג די טוהיר מיט אַ רעש, פאַלט אַריין דער תּינוק, פערציטערט; די אויגען פול טרעהרען, ער זעהט גאָר נישט, ווי ער געהט. די הענד וואַרפען זיך, אין די הענד וואַרפט זיך אַ צווייגעל. דער ווינד, זאָגט ער, האָט פערטראָגען. פון גערטיל אַרויס, איבער דעם צוים געשליידערט... און צעוויינט זיך פלוצלונג אויף אַ קול מיט אַ יללה:

— כּרת! כּרת!...

נעה ווײס...

שִׂמְחָה שֶׁבְּשִׂמְחָה.

כידוע, איז בײ אנשי שלומינו ראש־השנה שטענדיג א פרעהליכער יום־טוב.

מיר זענען דאָך קײן מתנגדים נישט. מען װערט נישט אזױ פערציטערט מאימת יום־הדין.

מיר װײסען דאָך, אז מען שטעלט זיך פאר א פרעמדען סטראַפּציע נישט, אז עס משפּט א טאַטע. דער אבינו שבשמים משפּט! איז מען טאַקי טועם אביסעל משקה. האַפּט מען א טענציל נאָכ׳ן דאװענען...

נאָר אײנמאָל האָב׳מיר א ראש־השנה געהאַט, — איבער אלע ראש־השנה׳ס.

אָנגעהױבען האָט זיך עס װי תמיד. נאָר באַלד אין ע ר־ש ט ע ן טאָג, פ א ר מוסף איז געװאָרען א פלאָם!

װאָס איז געשעהען:

דער אַלטער, כמנהגו, לאָזט גאַנץ ימים נוראים קײנעם צום עמוד נישט צו. ער פערלאָזט זיך נישט אויף קײנעם!

דאַװענט ער פאר׳ן עמוד.

װ י א ז ױ ע ר ד א װ ע נ ט, דאַרף איך אײך נישט פער־צעהלען.

דאַװענט ער און קומט צו „לאל עורך דין״.

גיט ער אויף זײן שטײגער און מיט זײן קול־נגינה א געשרײ:

— „לאל עורך דין!“
הערצער ציטערען, הימלען שפּאַלטען זיך!
און אַזוי ווייטער, און ווייטער:
„לבוחן לבבות“... „לגולה עמוקות“...

קומט ער אָבער צו „לצופה נסתרות“ — ברעכט זיך אי־בער דאָס קול. עפּעס פּאַלט עס, עפּעס ציטערט עס; דער חתוך הדבור ווערט אויך איין אַנדערער. „לקונה“ איז אָבגעפּאַ־לען. „עבדיו“ קומט אַרויס מיט ספקות, „ביום דין“ — מיט חולשות.

און פּלוצלונג בלייבט ער גאָר שטיל! ער שווייגט: אַ רגע, צוויי, דריי און נאָך מעהר. און אַ רגע איז אַ יאָהר: שרעק, דער אָטעם שטאָקט. עזרת נשים איז ווי פער׳חלש׳ט געוואָ־רען; אוים רעש!

פּלוצלינג גיט ער זיך אַ ריהר. אַ ציטער אויפ׳ן גאַנ־צען גוף. און די שטילקייט, די אָנגעזאַפּטע מיט פּחד און אימה, ווערט דורכגעריסען מיט אַ שמחה׳דיגען:

— „לרחם עמו ביום דין“.

און עס געהט מיט אַ לאַנג געדרעהטען חדוה׳דיגען שלשלת. און כל עצמותיו — די פיס האָפּען אַ טענצעל ביי׳ם עמוד. און אַזוי געהט שוין דער שחרית עד גמירא. ווי מיט בענייטע כחות.

און פאַר מוסף האָט ער אונז פערצעהלט, וואָס עס איז געשעהען:

אַ קלייניגקייט איז געשעהען:

כידוע, אַז מען דאַווענט פון סדור, צי פון מחזור אַרוים, לויפען די אויגען פאַר די לופּצען. זאָגען דעם אַלטענ׳ס ליפּצען: „לצופה“ און די אויגען דערזעהען שוין „לקונה“.

און ווי ער דערזעהט „לקונה“, פאַלט איהם איין, אַז עס איז כולו מוקשה, אַז ער פערשטעהט קיין פּירוש המלות נישט. ווארום באמת: וואָס טייטש?

װער, װען קױפט קנעלט בײ'ם משפט!
און ער האט קײן תירוץ נישט, און װערט ממש מבולבל, און שװײגט!
װײל מען דאך אבער נישט דארט אױבען, אז דעם אלטענ'ס תפלה זאל, חס ושלום, מטורף װערען, װײזט מען איהם, װאס טײטש.
און װי ער מאלט די אױגען צו, נאלצוטראלטען, שפאלט זיך פאר איהם דער הימעל און ער זעהט!
דאס בית־דין־שטוב זעהט ער:
דאס בית־דין־שטוב פון אױבען. דעם אמת'ען מקום המשפט! אט דער טיש, די װאגשאל.
איז אבער נאך, א פנים, פריה.
נאך קײנער נישט געקומען.
קוקט ער זיך דערװײל אום: פינף טהירען האט דאס בית־דין־שטוב: צװײ טהירען פון די זײטען; רעלטס א טהיר און לינקס א טהיר.
אויף דער רעלטער טהיר איז אויפגעשריבען: „סניגור"! פון דאנען װעט ער קומען. אויף דער לינקער: „קטיגור"! דער קומט פון קעגענאיבער.
און דרײ טהירען אױבען־אן, אונטער טיש און װאג־שאל, בײ דער מזרח־װאנד.
איז די מיטעלסטע טהיר פון די דרײ פערמאלט, און די טהירען רעכטס און לינקס — אפען.
איבער דער פערמאלטער מיטעל־טהיר איז אויפגע־שריבען: „פמליא של מעלה". און מצד ימין ושמאל, דורך די אפענע טהירען, זעהט מען:
רעלטס דאס אפענע גן־עדן. אבות און צדיקים, בע־שטראהלט מזיו השכינה, זיצען, מיט די קרוינען אויף די קעפ, און לערנען; זײ האבען, א פנים, קײן יום־הדין נישט!
און לינקס — דאס אפענע גיהנום.
אין גיהנום איז שטיל. דאס גיהנום איז לער; יום־

טוב — שטראָפט מען נישט, פייניגט מען נישט. זענען די רשעים פריי, און די משחיתים, אַ פּנים, מיט עפּיס אַנדערש פערנומען. און מתוך המעשה ווערט איהר געוואָהר ווערען מיט וואָס זיי זענען געווען פערנומען, — נאָר דאָס פייער ברענט, פלאַקערט.

„ואשו לא תכבה", ווי אין פסוק שטעהט.

און ווי ער קוקט אַזוי, עפענט זיך די רעכטע זייטען־טהיר און עס קומט אַריין דער סניגור מיט'ן פעקעל זכיות אונטער'ן אָרעם. אַ קליין פעקעלע. אַ שלעכט יאָהר פאַר מצוות ומעשים טובים געווען. קומט ער אַריין, זעהט די לינקע טהיר פון קעגענאיבער איז צו, פערשטעהט ער, אַז דאָרט זאַמעלט מען די כתבים לענגער. אַ יאָהר געווען — אַ גערעטעניש פאַר זיי!... לאָזט ער דאָס פעקעל אַראָב פון אונטער'ן אָרעם און זעצט זיך דערוויילע גאַנץ אבל'דיג.

דערנאָך עפענט זיך די טהיר פון דער לינקער זייט. צוויי משחיתים, מיט אַ פּאַק אויף די אַקסעל, קומען אַריין. געבויגען פון דער משא. מען הערט, ווי אונטער איהר די ביינדלעך קנאַקען. און זיי וואַרפען אַראָב די משא, עטעמען אָב, און זאָגען, אַרויסגעהענדיג, הויך, דער סניגור זאָל הערען:

— נאָך קיין מן המעשר נישט. פאָרלעך וועלען נאָך טראָגען. אַלע לאַפּיטוטען קלויבען צונויף, אוצרות גאַנצע.

ווערט דעם סניגור זעהר קאַלמוטנע, פערהילט ער זיך דאָס פּנים און קרעכצט.

ער מיינט: קיינער הערט נישט.

די פמליא של מעלה איז נאָך באַכתם... אין גן־עדן איז מען מיט תורה פערנומען; דאָס גיהנום — לער!

זיצט דאָך אָבער צווישען עולם אין גן־עדן אויך ר' לוי מבערדיטשעוו, דערהערט ער!

ער איינער האָט נאָך נישט פערגעסען, אַז פאַר די יושבי השך וצלמות, אויפ'ן עמק עכור אונטען, איז היינט אַ יום־הדין, און אויב עמיץ קרעכצט אויפ'ן עולם אמת, געהט

עס אודאי װעגען זײ. איז ער מפסיק משנתו און קוקט זיך אום.

זעהט ער, װער עס קרעכצט — דער סניגור אין בית-דין-שטוב קרעכצט!

מוז מען שוין אודאי דערגעהן די סבה.

פוילט זיך נישט ר׳ לוי יצחק, הויבט זיך שטיל אין מיטען דער סוגיא אויף, שלײכט זיך אויף די שפּיץ נעגעל ארויס פון טיש, פון גן-עדן אין בית-דין-שטוב ארײן און דערזעהט דאָס פּעקעל מיט׳ן פּאַק... פערשטעהט ער, װי עס האַלט... האָט ר׳ לוי יצחק קײן לאַנגען ישוב נישט, נעהמט צו און הײבט אויף מיט אַלע כּחות דעם פּאַק, און גיט איהם אַ שלײדער איבער׳ן טיש, דורך דער אָפענער לינקער מזרח-טהיר, צום גיהנום, אין אש מתלקחת — אין גיהנום-פײער ארײן, און דער פּאַק ברענט און װערט פערברענט.

קומען צװײ אַנדערע משחיתים׳לעך. װײטער מיט אַ פּאַק. זײ געהען ארויס, ר׳ לוי יצחק חאַפּט דעם פּאַק, װאַרפט, טרעפט, דער פּאַק ברענט, װערט פערברענט, נישטאָ!...

און אַזוי דעם דריטען, דעם פיערטען און אַזוי אַלע. װי די משחיתים׳לעך קעהרען זיך אָב, דער פּאַק פליהט שוין זײן װעג.

ענדליך, דער לעצטער פּאַק ברענט נאָך, און דער משחית אַלײן — אשמדאי קומט ארײן. ברײט, מיט ששון ושמחה; אַ קלאָג! קײן זכר פון זײנע פּעק! ער קוקט זיך אום, זעהט װאָס עס ברענט, דערזעהט ר׳ לוי יצחק׳ן, װאָס װיל שוין צוריק שפּרײזען אין גן-עדן ארײן, — קײן נאַר איז ער נישט, פערשטעהט ער, װער און װאָס, חאַפּט ער איהם אָן בײ דער האַנד און גיט אַ געשרײ:

— גנב!

הילעכט עס אָב!

לויפט מען זיך צוזאַמען פון גן-עדן. עס עפענט זיך די

מיטעל-טהיר; די פּמליא של מעלה קומט אַרויס. דער סניגור הילט אָב דאָס פּנים און שפּרינגט אויף.

— וואָס איז דאָ געשעהן?

דערצעהלט ער, דער משהית, וואָס עס איז געשעהען. ר' לוי יצחק'ן האָט ער ממש בּיי דער האַנד געפּאַקט, און דער זאַך דער לעצטער בּרענט נאָך; דער שווערסטער געווען.

נכּרים דברי אמת; ר' לוי יצחק לייקענט נישט.

געשעהן איז עס.

פרעגט מען דעם משהית, וואָס ער וויל? וואָס פאַר א פּסק?

האָט ער אויך נישט קיין לאַנגען ישוב. על-פּי דין וויל ער. „ונמכּר בּגנבתו" שטעהט. זאָל מען ר' לוי יצחק'ן פערקויפען פאַר א קנעכט; בּאַלד אויפ'ן אָרט, בּפומביה, אין בּית-דין שטוב. ווער עס וויל, זאָל קויפען. ער אַליין איז אויך א בּעלן! ער וועט שוין אָבּנעהמען זיין היזק.

און גערעכט איז ער. דאָס מוז די פּמליא של מעלה מודה זיין; א ליציטאַציע מוז זיין. און פערפאַלען, רעכענט מען, וועט ר' לוי יצחק נישט ווערען, — דאָס גן-עדן וועט נישט לאָזען.

און צוויי צדדים שטעלען זיך בּיי דער וואָגשאָל: דער משהית פון איין זייט, און דאָס גאַנצע גן-עדן פון דער צווייטער.

ר' לוי יצחק שטעהט אין דער מיט. גלייך נישט איהם מיינט מען דאָס.

און מען הויבּט אָן וואַרפען פּדיון אין די שאָלען אריין; רעכ'ס און לינקס.

און מען שטייגערט!

די פמליא של מעלה זעצט זיך בּיי'ם טיש און קוקט.

טרעט אַרויס אברהם אבינו און וואַרפט אין דער שאָל אַריין זיין ערשטע מצוה; אָלס צולאָג — זיין הכנסת אורחים. וואַרפט נאָך איהם יצחק — די עקדה; יעקב — זיין תמימות, זיין זיצען אין געצעלט און לערנען, בּשעת עשו איז אַרומגע-

לאָפֿען מיט כּלי-זיין און געשאָסען אין די וועלדער... קומט נאָך יעקבֿ'ן — רחל און וואַרפֿט די קרייטעכצער — די דודאים אין שאָל אַריין. וואַרפֿען אַנדערע אמהות, וואַרפֿען דערנאָך צדיקים... יעדערער מיט תשואת חן זיין האָב און גאָב.

האָט אָבער דער משחית בעהאַלטענע אוצרות אין זיין מלוכה, אַז אין לשער ואין לספּר. און נאָך יעדען וואָרף אין דער רעכטער זייט, גיט ער אַ וואָרף לינקס. און זיין שאָל פֿאַלט און פֿאַלט, און ער וואַרפֿט איין אוצר נאָך איין אוצר. פֿון אונטער דער ערד, פֿון אונטער די הרי חושך... פֿון אַלע בעהאַלטענע מקומות אין זיין גאַנצער מלוכה... אוצרות — עין לא ראתה! ער מוז איהם האָבען, ר' לוי יצחק'ן! פֿאַר אַ קעסעל-הייצער אין גיהנום וועט ער איהם מאַכען. און גיט נאָך אַ ריס אַראָב די קרוין פֿון קאָפּ און גיט אַ וואָרף אין שאָל אַריין, חאַפּט זי אַ טרייסעל און גיט מיט אַמאָל אַ פֿאַל, אַראָב, אַראָב...

שלעכט.

דאָס גן-עדן האָט אַלץ פֿערפֿאַסט.

דער לעצטער טרעט צו דער סניגור און וואַרפֿט זיין פּעקעל זכיות. די שאָל דערפֿיהלט עס נישט. דאָס צינגעל גיט קיין מינדערנסטען ציטער נישט...

און דעם משחית'ס פּנים פֿערקרימט זיך אויף אַ נצחונ'-דיגען שמייכעל, און אין די אויגען דער נצחון ברענט און פֿלאַקערט. און די רעכטע האַנד לעגט ער שוין אַרויף אויף ר' לוי יצחק'ס אַקסעל, און מיט דער לינקער וויזט ער איהם צו דער גיהנום-טהיר...

ווערט אַ מהומה: פֿערשפּיעלט ר' לוי יצחק'ן... ווערט אַ רעש, אַ געטומעל: וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?

און דער רעש וואַקסט...

ער וואַקסט און ווערט פּלוצלינג געשפּאַלטען

פֿון דער הייך דערהערט זיך אַ קול.

אַ קול פֿון כּסא הכּבוד אַראָב.

— איך קויף איהם!

עס ווערט שטיל און דער רבון כל העולם רופט אין דער שטילקייט:

— איך גיב מעהר! „כי לי כל הארץ”, איר גיב פאר ר׳ לוי יצחק׳ן די וועלט!

שוואַרץ איז געוואָרען דעם משחית׳ס פנים. — — — —

— — — — — — — — — — — —

דאָס האָט דער אַלטער אונז פערצעהלט פאַר מוסף, און מאָלט אייך, וואָס פאר אַ מוסף, וואָס פאַר אַ ראש־השנה עס איז געוואָרען!

דער קטרוג פערברענט; אַ כתיבה וחתימה טובה אין קעשענע! ר׳ לוי יצחק — אויסגעקויפט; דער סוד פון „לקונה עבדיו בדין” — ענטפלעקט...

ס׳איז געוואָרען שמחה שבשמחה.

בעריל דער שניידער.

ערב יום כפור. אין בערדיטשעווער שוהל. צוגעפאלען איז די נאכט.

די זקנים האבען אבגעזאגט: „על דעת המקום ועל דעת הבריות...” צוגאנגען זיך אויף זייערע ערטער. ר׳ לוי יצחק שטעהט ביי׳ם עמוד. ער דארף זאגען „כל נדרי” און — שווייגט.

אלע אויגען הענגען אויף זיין רוקען. אין עזרת נשים — א שטילקייט, ווי אויפ׳ן ים פאר א רעש. ער וועט אנהייבען, און אפשר, ווי זיין שטייגער איז אמאל, מיט איין הקדמה. וועט זיך פריהער אויסטענה׳נען, כדבר איש אל רעהו, מיט׳ן רבונו של עולם — אויף מאמע-לשון...

נאר ר׳ לוי יצחק שטעהט, איינגעהילט אין קיטעל און טלית פאר׳ן עמוד און שווייגט.

וואס בעטייט עס?

זענען די שערי תפלה אזוי שפעט נאך פערמאכט? האט ר׳ לוי יצחק קיין כח נישט אנצוקלאפען? ער שטעהט מיט׳ן קאפ אביסעל איבערגעבויגען, מיט איין אויער ארויף, גלייך ער הערט עפיס פון דארט? וויל ער הערען אויפשליסען?

און פלוצלינג דרעהט זיך ר׳ לוי יצחק אוים צום עולם און גיט א רוף:

— שמש!

לויפט דער שוהל-שמש צו; פרעגט ער איהם:
— בעריל דער שניידער שוין דאָ?
דער עולם ווערט נבהל ונשתומם. דער שמש שטאַמעלט: ער ווייסט נישט; הייבט זיך אָן אומצעקוקען. ר' לוי יצחק אַליין קוקט זיך אויך אום.
— ניין, ער איז נישט דאָ! — זאָגט ער. אין דער היים געבליבען. און ווענדט זיך נאָך אַמאָל צום שמש:
— געה אַ היים צו בעריל שניידער און רוף איהם אהער! זאָג, איך, לוי יצחק דער מרא דאתרא, רופט.
געהט ער, דער שמש.
בעריל דער שניידער וואוינט אין שוהל-געסיל, נישט ווייט פון שוהל. ווארט מען נישט לאנג. קומט ער, בעריל שניידער, אָהן קיטעל און טלית, אין דער וואָכענדיגער קאַפּאָטע, מיט איין אָנגערוקט פנים און אויגען — האַלב בייזע, האַלב צושראָקענע, און געהט צו צו ר' לוי יצחק'ן:
— איהר האָט מיך גערופען, רבי, בין איך צו אייך געקומען!
„צו אייך" איז ער מטעים.
שמייכעלט ר' לוי יצחק.
— זאָג נאָר, — מאַכט ער, — בערעלע, וואָס רעדט מען עס אַזוי פיעל פון דיר אין דער הייך? עס איז דאָך פול מיט דיר די פמליא של מעלה. עפּים אַ רעש האָסטו אָנגעמאַכט: מען הערט נישט מעהר, נאָר: בעריל דער שניידער און בעריל דער שניידער.
— אהאַ! מאַכט בעריל שניידער מיט נצחון.
— האָס/ז עפּים אַ טענה?
זאָגט ער: אודאי!
— צו וועמען?
— צום רבונו של עולם! זאָגט ער.
דער עולם אַרום וואַלט דעם שניידערוק צוריסען; ר' לוי יצחק צושמייכעלט זיך נאָך ברייטער:

— אפשר װעסטו, בעריל, דערצעהלען, װעגען װאָס עס געהט?

— אדרבא! זאָגט בעריל דער שנײדער.

— מהיכי תיתי... זאָגט ער — איך קען אפילו פאַר אײך אַ דין־תּורה האָבען! זאָל איך טענה'ן?

— רעד.

טענה'ט ער, בעריל דער שנײדער:

— איבערן גאַנצען זומער לא עליכם, רבי, קײן שטאָך אַרבײט נישט געהאַט... נישט פון אַ יוד, נישט, להבדיל, פון אַ פויער.

— חאַטש לעג זיך, — זאָגט ער, — און שטרעק אויס די צונג.

— אי, גלויבט זיך נישט ר' לוי יצחק'ן — זרע אברהם, יצחק ויעקב זענען דאָך רחמנים בני רחמנים, געדאַרפט זיך פערטרויען.

— דאָס נישט רבי, איך זאָג נישט און איך נעהם נישט!

קײן מתּנת בשר ודם װיל ער נישט. ער האָט אַזאַ חלק אין רבונו של עולם, װי יענער...

װאָס ער האָט יאָ געטהון, — אַ מײדעל האָט ער, האָט ער עס אַװעקגעשיקט דיענען. ערגיץ אַנדערש, אין אַ גרע־סערע שטאָדט אַרײן, געשיקט.

זיצט ער אַזױ אין דער הײם און װאַרט, װאָס זײן ליעבער נאָמען װעט טהון...

פאַר סוכּות. די טהיר עפענט זיך. אַהאַ! דערװאַרט זיך: און עס קומט טאַקי אַרײן אַ שליח מיוחד פון פריץ. מען רופט איהם אונטערשלאָגען אַ פעלץ.

גוט. דער רבונו של עולם שפּײזט! פאָהרט ער, קומט ער אין פּאַלאַץ אַרײן. מען פיהרט איהם אין אַ חדר מיוחד אַרײן. מען גיט איהם איבער אײן איבערשלאָג און מען גיט איהם איבער פעלעכלעך.

— זאָלט איהר זעהען, רבי, פיקסינע פעלעלעך! פון פיקסען-לאַנד...

עס איז דאָך כל-נדרי-צייט, איז איהם ר׳ לוי יצחק מזרז:

— הכלל, האָסטו אונטערגעשלאָגען, געטהון דיינס בשלמות. וואָס איז ווייטער געשעהען?...

— אַ קליינינקייט איז געשעהען: דריי פעלעלעך זענען געבליעבען.

— האָסטו זיי צוגענומען?

— נישט אַזוי לייכט, רבי, ווי עס רעדט זיך! אַז מען קומט אַרויס פון פּאַלאַץ שטעהט ביי דער בראָם אַ שומר. האָט ער אַ חשד, בעזוכט ער. טהוט די שטיוועל אויס. און געפינט מען, רבי, ביי מיר, חס ושלום, פעלעלעך, האָט דער פריץ כלבים, האָט דער פריץ ריטער...

— נו, וואָס האָסטו געטהון?

— איז דאָך אָבער בעריל — בעריל שניידער! געה איך מיר, רבי, אין קיך אַריין, בעט, מען זאָל מיר אַ היים געבען אַ ברויט...

— פת עכו״ם, בעריל!

— נישט, חלילה, צום עסען, רבי! — מען האָט מיר געגעבען אַ ברויט, אַ גרויס ברויט. איך געה דערמיט צוריק אין שטוב אַריין, שנייד עס אויף, הויל עס אויס, קנעט דאָס ווייכע אַזוי לאַנג אין די הענד ביז עס ווערט דורכגענומען מיט שווייס און וואַרף עס דעם כלב, וואָס ליגט אין חדר. אַ כלב האָט ליעב מענשען-שווייס. און די דריי פעלעלעך פּאַק איך אין אויסגעהוילטען ברייטעל אַריין. און געה.

ביי דער בראָם:

— וואָס טראָגסט דו, זשידיקעל, אונטערן אָרים?

ווייז איך: אַ ברויט!

איך קום בשלום אַריבער אין אַ ביסעל ווייטער מאַך

איך שוין פּיס... און גײ נישט מיט'ן װעג, איבער די קשאַקים גײ איך. פעלד אויס, פעלד אײַן: אַ קורצער װעג — אַ פעלד-װעג.

גײ איך און טאַנץ אַביסעל אונטער: אײַן אתרוג װעט זײַן, אַ לולבֿ'ל! נישט קהל'ס, נישט געבאָרגט... טײַערע פעלעכלעך...

הײבט אָבער אָן די ערד אונטער מיר עפּיס צו ציטערן... איך דערקען שוין דאָס ציטערן. אַ רײַטער יאָגט הינטער מיר, מען יאָגט מיך נאָך! דער מאַמעס מילך װערט מיר ענטרינען. מן הסתם, איבערגעצעהלט די פעלעכלעך... ענטלױפן איז נאַריש, אַ רײַטער, דעם פּריצ'ס אַ פערד... האַפּ איך, קודם כל, דאָס ברײטעל און װאַרף אין די קשאַקים אַרײַן. מאַך מיר פון דעסטװעגן אַ סימן, אַ גוטן סימן, און שטעל מיך אָפּ. מען רופט שוין:

— בערקאָ! אַה, בערקאָ!

דאָס איז ער, דעם פּריצ'ס קאָזאַקעל, איך דערקען זײַן קול'כעל! אינװעניג, רבי, ציטערט! די נשמה איז אין די קנעכיל, נאָר בעריל שנײַדער דרעהט זיך אויס, און גײט אַ קעגן, מכלומר'שט כּאחד האדם.

װײַזט זיך אויס — אײַן אומזיסטע שרעק!

איך האָב פערגעסן אַ הענגער אָנצונײַען, האָט מען נאָך מיר אַ רײַטער געשיקט.

און ער שלעפּט מיך שוין אויפ'ן סוף אַרויף. דרעהט עס אויס, מען רײַט שוין...

בענש איך אין האַרץ גומל, נײַ אָן דעם הענגער און גײ צוריק.

איך קום צום סימן: ואיננו — נישטאָ דאָס ברױט!

שוין לאַנג נאָך שניט; קײן בן אדם גײט דאָ נישט. קײן פױגעל אין דער װעלט װעט אַזאַ משא נישט אויפהײבן... פערשטײ איך, װער עס האָט עס געטהון...

פרעגט ר' לוי יצחק:

— ווער?

— ער! ענטפערט בעריל שניידער, און טייט מיט'ן פינגער צו דער הייך — דער רבונו של עולם, זיין מעשה ידו, רבי! און איך ווייס פאר וואס... ער, דער האר דער גרויסער, וויל נישט, אז זיין קנעכט, אז איך, זיין בעריל דער שניידער, זאל נעהמען יתור...

— נו, אודאי — מאכט ר' לוי יצחק ווייך — על פי דין...

— דין — שמין! מאכט בעריל. ער ווייסט, אז א מנהג ברעכט א דין. און —

— נישט איך — זאגט ער — האב יתור בעשאפען, א מנהג פון קדמונים!

— און ווייעדער — טענה'ט ער — פערקעהרט: איז דער רבונו של עולם אזא גרויסער, שטאלצער פריץ, און וויל נישט, אז דער ארימסטער עבד פון זיינע עבדים, זיין קנעכט בעריל דער שניידער, וואס דיענט ביי'ן איהם, זאל נעהמען יתור, — זאל ער געבען פרנסה. זאל ער, ווי א פריץ, געבען ארדינאריע!

נישט דאס און נישט דאס, וויל ער נישט!

— וויל איך — זאגט ער — דעם רבונו של עולם נישט דיענען. איך האב — זאגט ער — א נדר געטהון: אוים!

גיט דער עולם ארום א ברום, ווי א בער. הייבען זיך הענד — וויל מען צולויפען. ר' לוי יצחק מאכט:

— שא!

דער עולם בלייבט שטיל און ר' לוי יצחק פרעגט בנעימות:

— און וואס ווייטער, בעריל?

— גארנישט! — פערצעהלט ער. איך קום א היים, איך וואש מיך נישט. איך עס אומגעוואשען. מיין פלונית'טע וויל עפענען א מויל, — א פלאסק! איך לעג מיך; אהן קריאת

שמע לעג איך מיך. די לעפצען װילען אַלײן זאָגען; איך פּערבײם מיט די צײהן. און דער פּריה: קײן ברכה, קײן נטילת ידים, קײן דאַװנען, קײן טלית ותפלין. „גיב עסען!" מײן פּלונית'טע מאַכט פּיס פון שטוב אַרױס. אין דאָרף אַרײן, צום פּאָטער, צום אַרענדאַר געלאָפען. איז אָהן אַ װײב! איך האָב נאָך הנאה דערפון. איך, װי איך, איך בין בעריל שנײ-דער. זי, אַ שװאַכע יודענע, זאָל זי נישט זײן אין דער מיט! און איך טהו מיר מײנס: קײן סוכה, קײן אתרוג, קײן לולב, איך נעהם אַמאָל אַ ביסעל; יום טוב מאַך איך קײן קדוש נישט. לאו! שמחת-תורה, חאַפּ איך, װי מרדכי נאָך דער גזרה, און טהו אָן אַ זאַק איבערן קאָפּ. להכעיס!

קומט סליחות-צײט. װערט אַ ביסעל קאַלאַמוטנע. דער שמש קלאַפּט, דאָס האַרץ קלאַפּט, עס ציהט... בין איך דאָך אָבער בעריל שנײדער! אַ װאָרט האַלט איך! איך דעק מיך צו איבער'ן קאָפּ, איך האַלט אױס! נישט זעהען... עס קומט ראש השנה — איך ריהר מיך נישט. עס קומט די צײט פון שופר בלאָזען, חאַפּ איך שטיקער װאַטע און פערשטאָפּ די אױערן... עס רײסט, דאָס האַרץ רײסט, אַ צער בעלי חײם, רבי... און איך מאוס מיך פאַר מיר אַלײן. גײה אַרום אומ-געװאַשען, אײן אומרײנקײט. אַ שטיקעל שפּיגעלע הענגט, איך דרעה עס איבער צו דער װאַנד, איך װיל מײן פּרצוף נישט זעהען... דער עולם, דערהער איך, גײהט צו תשליך...

ער בלײבט שטיל אַ װײלע און שפּרינגט באַלד אונטער!

— אָבער נערעכט, רבי, בין איך! אָבטרעטען מיט גאָרנישט װעל איך נישט!

טראַכט ר' לוי יצחק אַ װײלע און פרעגט:

— און װאָס זשע װילסטו, בעריל שנײדער?... װילסט פּרנסה?

בעריל בעלײדיגט זיך:

— קײ און שפּײ פּרנסה! פּרנסה האָט ער געװאָלט פריהער געבען! און פּרנסה קומט יעדען! דעם פױגעל

אין דער לופט, דעם ווערמיל אויף דער ערד, פרנסה איז אָרדינאַריע, צינד וויל בעריל שניידער מעהר!

— זאָג, בערעלע, וואָס.

און בעריל שטעלט זיך אָב:

— אמת, רבי, יום כפור איז נאָר מכפר אויף עבירות, שבין אדם למקום?

— אמת!

— און עבירות שבין אדם לחברו — נישט?

— ניין!

גלייכט זיך בעריל שניידער אוים אין דער הייך ווי א סטרונע, און זאָגט פעסט און הויך:

— וויל איך, בעריל שניידער, אַנדערש זיך נישט אונטערגעבען, אַנדערש צוריק אין דער דיענסט צום רבונו של עולם נישט אַריינטרעטען, ביז דער רבונו של עולם וועט נישט דאָס יאָהר, מיר צוליעב, מוחל זיין די עבירות אויך!

— בין איך גערעכט, רבי?

— גערעכט! ענטפערט ר' לוי יצחק—און האַלט דיך— זאָגט ער—ביי דער דעה, מען וועט דיר מוזען נאָכגעבען...

און ער קעהרט זיך אום צום עמוד, קוקט אַרויף, הערט זיך איין אַ ווייַלע און איז באַלד מבשר:

— האָסט געפועל'ט, בעריל! געה נאָך קיטעל און טלית!

דער שַׁבָּת־גוי.

קאפיטעל I.

עולם=הזה פון קאָרענעם שקעטאַלע. אלערליי ציי‌הן א שווענקעלץ.

דער חעלעמער רב — אַיין אָבגעריבען ספּאָדיקל, אָב=צעריסען לאַסטיגען קאַפּאָטקאַלע; אַ קליין יודעלע מיט אַיין אָפּען גרגרת׳ל און לאַבענדיגע גראָהע אייגאַליך אין איינגעשרימפּענעם פּנים׳ל —— דאָס גרייז=גראָהע פּרייליכע רבי׳ל הייבט זיך אויף, צווישען איין סוגיא און דער צווייטער, פערדעקט די אָפענע גמרא מיט די שפּאַקולען פון דער נאָז אַראָב, וליתר תיקף ועוז, — מיט דער פּאַטשיילע פון בוזעם אַרויס, און נעמט זיך, לשם תענוג — צו זיין ביסעל עולם הזה — צום קאָרענעם טאַביק=שקעטאַלע.

אַ שמח בחלקו און אַ מענש אָהן אַ גאַל, שמייכעלט ער צום שקעטאַלע. און קלאַפּט אָן מיט די קליינע פינגערלעך אָן דעקאַלע, פּויקענדיג און פרעגענדיג:

— פערהאַן אַ ביסעלע?

און אַז דאָס שקעטאַלע ענטפערט דעמפיגליך:

— פערהאַן אַ ביסעלע, פערהאַן!

עפענט ער עס מיט הרחבה אויף, נעמט מיט די קליינע פינגער=קישעליך אַ ביסעלע פונ׳ם ביסעלע און טראָגט צום נע=זיל צו, און ניט אַ קליין שטאָפּעלע רעכטס, אַ קליין שטאָפּע=

לע לינקס, און נאָך אמאָל אַזוי, ווערט איהם ליכטיג אין די אייגאַליך, זאפט זיך מיט נחת אָן דאָס הערצעלע, לאָזט ער זיך איבער דער בית־דין־שטוב, ממש טאַנצענדיג, גיט ער אָב אַ שבח דעם בורא עולם, ממש זינגענדיג:

— אי־אי־אי, גאָטעניו, אַ גוט וועלטעלע דו האָסט עס בעשאַפען!

און וואַרפענדיג פון פענסטעריל אַ בליק אין מאַרק אריין, ווערען איהם די אייגעלעך פייכט.

— וואָס פאַר אַ פיינע בריאה׳לעך עס דרייהען זיך אויף דיין וועלטעלע אַרום! יודעלעך און, להבדיל, אַ נ ד ע ר ע... אי־אי־אי! מענשען גאָלדענע, סאַמעטענע, זיידענע...

פאַלט עמיץ פלוצלינג אריין:

— רבי, געוואַלט!

דערשרעקט ער זיך:

— וואָס איז דיר געשעהן אַזוינס, יענקעלע?!... יענקעלע?

ער קען איהם! גאַנץ חעלם קען דער רב, כמעט ביי אַלע סנדק געווען... און אַז ער דערזעהט אַ צובלוטיגט מויל ביי יענקעלען:

— אוי, אוי, יענקעלע, ווער האָט דיר שלעכטס געטהון, יענקעלע?!

זיצט שוין יענקעלע אויף דער באַנק פון פאַר׳ן בית־דין־צדק־טיש מיט די הענד די פערבלוטיגטע באַקען צוהאַלטענדיג, און וויעגט זיך, ווי איין אומרוה רעכטס און לינקס אין דער ברייט, זאָגענדיג:

— אוי, דער שבת־גוי, רבי! דער שבת־גוי!

גאַפט ער דער חעלעמער רב:

— ווי קומסט דו, אין דער וואָכען צום שבת־גוי, — יענקעלע?!

— אַ בעשערטע זאַך, רבי־לעב... ד׳גייה, איבער׳ן מאַרק גייה איך מיר... ווי מיינט איהר, רבי־לעב? לינט מיר אין

זין דער שבת־גוי? טראַכט איך פון אַ שבת־גוי? װעגען פּרנסה טראַכט אַ ייד! מיט לײדיגע הענט װעל איך קומען אַהיים! װאָס װעט די פלונית׳טע, טראַכט איך, זאָגן... די ארורה מײַנע... איהר קענט דאָך זי, רבי־לעב! קומט ער אַקעגען, דער שבת־גוי. דערזעה איך איהם, שכור־ניסלעך קנאַקט ער זיך... און עפּיס קונציג אַזוי — אַ װאָרף מיט דער האַנד דורכ׳ן אויר, פּונקט אין מויל אַרײַן, אַ קנאַק, און װאַרפט שוין מיט די ליפּען רעכטס און לינקס די שאָלעכצער. האָב איך מיך אָבגעשטעלט, קוק איך אויף זײַן בריה׳שאַפט.

גלײַכט ער זיך אוים מיט מיר, זאָגט ער:

— יענקעלע, עפּען ס׳מויל, יענקעלע!..

מילא, בעט אַ גוי, עפּען איך... און געמײנט האָב איך, רבוניו, ער װיל מיר שכור־ניסלעך װאַרפען אין מויל אַרײַן, — עפּען איך — נעמט ער, רבי, די פויסט און גיט מיר אַ זעץ אין די צײהן אַרײַן!

צעװײנט ער זיך נאָך מעהר, יענקעלע:

— אױ, דער רוצח, דער רוצח...

איז עס אָבער דעם חעלעמער רב נישט ניחא.

גײהט ער נענטער צו און מוסר׳ט איהם:

— דאָס האָב איך נישט ליעב, יענקעלע! װי זאָגט מען עס, גלאַט אַזוי, אויף גאָט׳ס אַ בעשעפעניש — רוצח?!...

— ער האָט דאָך מיר דרײַ צײהן אויסגעהאַקט! צו־חליפעט זיך יענקעלע, װײַזענדיג די צײהן.

קוקט דער רב און שאָקעלט מיט׳ן קעפּעלע און זאָגט, נישט גלײבענדיג!

— זאָג דעם אמת, יענקעלע, ס׳איז ד ײַ נ ע צײהן?

— װעמעס דען, רבי? נאָט. רבי, זעהט!

און ער עפענט דאָס מויל און װײַזט איהם די לעכער...

קוקט דער רב און גאַפט:

— הפלא ופלא, — זאָגט ער נאָך אַ װײַלע, — אַ ייד זאָל האָבען אַזעלכע צײהן...

— אַ וואָסערע דען צייהן האָט אַ יוד? — פרעגט יענקעלע אַ ביסעל שוין דערשראָקען.

— נאַ, זעה! ענטפערט דער רב און וויזט איהם זיין אַלט מעבעל אין אַלטען מויל – אַנדערע האָבען לחלוטין נישט קיין צייהן, סיי־ווי־סיי, נישט אַזוינע צייהן! ד'בין דאָך נישט קיין היינטיגער, נישט געזעהען אַזוינע צייהן ביי'ן אַ יוד אין מויל!

און קלערען זעצט ער זיך דער רב; צוויי שאלות מיט אַמאָל:

— ווי קומען אַזוינע גרויסע געזונטע צייהנער צו'ן אַ יוד?

און — דער שבת־גוי, וואָס האקט ער עס אין פרעמדע צייהן אַריין?

קלערט ער און קלערט ביז ער שפרינגט אויף:

— אהאַ!

דאָס הייסט — דערגאַנגען:

— האָ בהאָ תליא, יענקעלע! איינס אָן צווייטען ווענדט זיך עס. דו זאָגסט גלאַט אין דער וועלט אַריין „רוצח!‟, אויף גאָט'ס בעשעפעניש — „רוצח!‟ נישטאָ קיין רוצחים. עס זאָלען זיין רוצחים אויף דער וועלט, וואָלט די וועלט, חס ושלום, קיין קיום נישט געהאַט! אלא מאי? אַ מעשה שהיה פערצייהלסט דו דאָך, און איך גלייב דיר, און איך זעה דאָך די אויסגעהאַקטע צייהן, איז די מעשה, פערשטייהסט דו מיך, אַזוי —

און ער האַפּט אַ ביסעל אָטעם און פערטייטשט:

— שולדיג יענקעלע, זענען טאַקי דיינע צייהן!

שפרינגט יענקעלע אין דער הייך:

— היתּכן, רבי, מיינע צייהן? און דער ערל?

— נאָר אין גאַנצען פטור איז ער נישט, דאָס, יענקעלע, זאָג איך נישט! דער עיקר חיב אָבער זענען דיינע צייהן, דאָס הייסט: נישט־דיינע צייהן...

— וואָס טייטש ?

— לייג צו קאָפּ, יענקעל! דער ערל איז בטבע אַ מזג־טוב... שכור־ניסלעך געהאַט, דיך דערזעהן, האָט ער דיך באמת געוואָלט מהנה זיין, מכבד זיין... „עפען ס׳מויל!", זאָגט ער... אריינוואַרפען וויל ער: זיי האָבען דאָך ליעב וואויל־טאָג און קינצעלעך! אָבער אז דו, יענקל, האָסט געפּאָלגט, און ער האָט דערזעהן גאַנצע צייהן. זיינע צייהן, הייסט עס, אין דיין מויל... פערשטייהסט דו דאָך: איין אינו ישראל, אין דיין מויל זיינע צייהן, ווערט ער אונטערגעצונ־דען! און איין אינו ישראל, אז ער ווערט אונטערגעצונדען, וואָס זאָל ער טהון? זעצט ער מיט דער פויסט!

— פאָלג מיך, יענקעלע, — ענדיגט דער רב — מאַך קיין עסק נישט דערפון... גייה אהיים צו דיין פלונית׳טע, זאָג איהר, איך האָב געהייסען, בפירוש געהייסען, זי זאָל דיר מאַכען אַ שווענקעכץ פון פייגען...

פאָלגט יענקעלע, גייהט אַוועק, און דער רב רופט איהם נאָך:

— און דאָס אַנדערע מאָל, אַז איין ערל הייסט דיר עפענען דאָס מויל, עפען אַ ביסעלע... נישט מעהר חוי אַ ביסעלע, אַ שפּאַרעלע! ער דאַרף גאָר נישט זעהן, אַז אַ יוד האָט צייהן...

קאפיטעל 2.

נאָך אַמאָל קלעפּ. דער רב וויל
מתפּלל זיין אויף אַ האַלב ברויט.
איין עצה טובה.

נייהט דער חעלעמער רב צו זיינע סוגיות צוריק, לערנט געשמאַק און שעפּט נחת פון דער הייליגער תורה. און חאַפּט פון צייט צו צייט אַ ביסעלע פונ'ם ביסעלע עולם הזה אינ'ם קאָרענעם שקעטאַלע... און דאָס הארץ פון תענוג וואַקסט!

— אוי, אַ וועלטעלע, אַ וועלטעלע...

און וואַרפט ווייטער אַ בליק, דורכ'ן פערגרינטען אַלטען שייבעלע, פון פענסטעריל אין בית־דין־שטוב, צום מאַרק אַרויס...

— און מענשעלעך, גאַטעניו, סאַמעטענע, זיידענע...

ענדיגט ער די שבחים נישט. ווייטער אַריינגעפאַלען יענקעלע. נאָך קיין חודש נישט אַריבער.

גאַפט ער, דער רב:

— וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאַכט, יענע נאַכט, — וואָס איז ווייטער, יענקעלע?

— דער שבת־גוי! רבי, אַלץ דער שבת־גוי! — שרייט יענקעלע — און פאַלט אויף דער באַנק אַנידער.

מוסר'ט איהם דער רב מיט לייטזעליגקייט:

— אַ פּנע־רע דו ביזט, יענקעלע! וואָס קריכסט דו אַליין צום שבת־גוי? קיין רוצח, חלילה, איז ער נישט, אָבער גלאַט אַזוי — נאָך וואָס טויג עס דיר?

— פון הינטען איז ער מיר אָנגעקומען, רבוניו...

פערענטפערט זיך יענקעלע — פון הינטען, רבי־לעב! איך גייה מיר דורכ׳ן געסיל, רביניו, אַהיים... אַ ברויט האָב איך פאַר מיין הויזגעזינד געטראָגען, פאַר ווייב און קינדער־לעך אַ ברויט געקויפט, זיין ליעבער נאָמען האָט אַ ברויט בעשערט! אונטער׳ן אָרעם טראָג איך עס... קריג איך פּלוצלינג הינטען־אַרום אַ זעץ אין קאָפּ אַריין, בין איך אומ־געפאַלען, הלש איך, האָב איך מיך קוים אויפגעחאַפּט, — זעה איך, גייהט דער שבת־גוי אַוועק מיט׳ן פולען מויל און קייט, און דאָס ברויט ליגט מיר פאַר די פיס אָבגעביסען — נאַט, זעהט, רביניו — — אוי דער קאָפּ, דער קאָפּ! —

און ער ווייזט דאָס ברויט דעם רב און חאַפּט זיך אָן בײם קאָפּ.

בעטראַכט דער רב דאָס ברויט און זאָגט:

— דער קאָפּ איז אַ קלייניגקייט, פון אַ זעץ, חלילה, שטאַרבט מען נישט! אָבער זעה, יענקעלע, ווער האָט רעכט געהאַט?

אַט זעה — ציי הן! אַ ערל, זעה, האָט צייהן! זעהסט? אַ ביס, און מיט אַמאָל אַ העלפט פון ברויט! איך וואָלט עס נישט געקאָנט!...

— יאָ, רבי! איז מודה יענקעלע, אָבער מיט׳ן רוצח וואָס ווערט זיין?! חעלם איז אין סכנה!

בלאָזט דער רב פאַר זיך:

— אי — י — י!

— און מיין נישט, יענקעלע, — ווענדט ער זיך צו איהם — אַז איך האָב קיין צער נישט דערפון... איך ווייס, וואָס אַ האַלב ברויט, ביי׳ן אַזאַ יוד ווי דו, מיט אַזוי פיעל מיילעכלעך אין שטוב, בעטייט... עס ווערט דיר מאַקע

נעביך, פעהלען... עס זאָל זיך װענדען אָן מיר, זאָג איך דיר בהן צדקי, איך װאָלט בפירוש געהייסען, קהל זאָל דיר אָבקױפען אַ האַלב ברױט... פאַרװאָס נישט?... מאַקע אָרים קהל, אָבער — אַ יוד האָט היזק געהאַט און פון אַלעמענס שבת-גױ! און אַ האַלב ברױט איז גלאַט קײן סכנה נישט... קהל װערט נישט בדלות... װײסט דו דאָך, איך האָב קײן ד ע ה נישט...

צושרײט זיך יענקעלע:

— אַזױ?... הײסט עס, לית דין ולית דין... דער רוצח װעט אַרומגײהן פראַנק און פרײ!

— רוצח, ענטפערט דער רב געלאַסען, איז פאָרט לאו דוקא... ד'האָב דאָך דיר אײנמאָל שױן געזאָגט: די װעלט װאָלט, חס ושלום, קײן קיום נישט געהאַט! נישטאָ קײן רוצחים...

— אלא מאי? פרעגסט דו?

— שולדיג, זאָג איך דיר, יענקעלע, איז דאָס ב ר ױ ט! „על פת לחם — שטײהט אין די ספרים, — יפשע גבר." קענסט דאָך די קלײנע אותיות — אַ מענש זינדיגט איבער אַ ביסען ברױט!... און אַלע: אַ יוד איז עובר אויף „לא תחמוד"... אמאָל אפילו אויף „לא תגנוב"... אַ גױ, להבדיל, אויף „לא תגזול"... אמאָל טאַקע אויף „לא תרצח!" אויך, אָבער נישט פון דער טבע... אַלץ דאָס ברױט! דו װײסט גאָר נישט, יענקעל, אַ יצר-הרע עס שטעקט אין ברױט. הגע בעצמך, זאָג אַלײן, יענקעלע, װען נישט דאָס ברױט, װאָס װאָלט געאַרט אַ שבת-גױ, אַז יענקעלע דרײהט זיך אַרום אויף דער גאַס, שפײזט זײנע עופ'לעך און לײבט גאָט? הא? אָבער אַז מען דערזעהט ברױט... אַז יענקעלע טראָגט אַ ברױט! יאָ, יענקעלע — פערשטײהסט! צוקײ עס גוט!...

און דער רב גײהט צו, לײגט יענקעלען די הענד אויף די אַקסעל און זאָגט מיט גרױס רחמים:

— ווייסט די וואָס, יענקעלע? דו ווייסט דאָך, איך בין איין עניו, בטבע איין עניו... און האָב נישט ליעב יענע זאַכען... פונדעסטוועגען, דיר וועל איך עס טהון, דיר צוליעב! און, ווייסט די וואָס? איך וועל מתפלל זיין אויף א האַלב ברויט פון דיינעטוועגען!

— א דאַנק, רביניו! שפּרינגט יענקעלע אויף דער־פרייהט, און וויל אַרויס פון שטוב.

— נור הער, יענקעלע, שטעלט איהם נאָך אָב דער רב, — מעהר זאָלסטו קיין ברויט, וואָס זיין ליבער נאָמען וועט דיר בעשערען, אָפען און בפּהרסיא נישט טראָגען; מען דאַרף נישט אויפרייצען דעם יצר הרע... האָסט א פאָלע — פערדעק!

קאפיטעל 8.

אַ חייב מיט אַ קאַציובע.
אַ מעשה פון הינטער'ן
באָד.

גייהט יענקעל בערוהיגט אוועק פון רב, און קומט נאָך אַ קורצער צייט צוריק מיט אַ געוואַלד צום דריטען מאָל, און ווייטער דער שבת-גוי.

— דאָס איז שוין — זאָגט דער רב — למעלה מן השכל. אַ יוד זאָל זיך במשך פון איין זמן טרעפען דריי מאָל מיט אַ שבת-גוי — און דערביי דריי מאל געשלאָגען ווערען! עס לייגט זיך גאָר נישט אויפ'ן מח!

— עס שטעקט עפּיס דערינען! — זאָגט ער — און ער קנייטשט איין דעם שטערן און הויבט אָן חוקר ודורש צו זיין:

— האָסט איהם געוויזען צייהן?

— חס ושלום, רבי! אַז איהר האָט נישט געהייסען?!

— געהאַלטען ברויט בפּהרסיא?

— ווער ברויט, ווען ברויט, רבי?

וואָלט ער געהאַט ברויט, וואָלט ער גאָר צו דעם אַלעם נישט געקומען... ער איז אַהיים געגאַנגען אָהן ברויט... האָט איהם די פלונית'טע בענעגענט מיט דער קאַציובע... איז ער אַנטלאָפען, איז זי איהם נאָכגעלאָפען... איז ער פון

דער שטאָדט אַרויס , צום באָד געלאָפען . . . אַ יודענע , פון שטאָדט אַרויס לויפט זי נישט . . . קומט ער בשלום אונטער'ן באָד אַרונטער , ליעגט דער שבת־גוי אין גראָז ; שפרינגט ער אויף , דער'הרג'ענען וויל ער איהם . אויפ'ן סאַמע־ראַנדע טויט , זאָגט ער ! און שלאָגט , — קוים זיך אויסגעריסען . . .

— ווייסט דו וואָס , יענקעלע , — מאַכט שטיל דער רב , נאָך אַ פערקלערטער ווײַלע , — וועסט מיר מוחל זיין , איך גלייב נישט !

חאַפּט יענקעלע פון זיך אַראָב די קאַפּאָטע :

— רבי , אַזוי גרויס גאַלד , ווי גרויס צייכען בלאָהע . . .

און וויל זיך אויסטהון אין גאַנצען ; לאָזט נישט דער רב :

— שוטה'לע , נישט דאָס מיין איך , — מאַכט דער רב , — דאַרפסט דיך גאָר נישט אויסטהון . . . לשיטתי נייה איך נור , איך קאָן גאָר נישט גלייבען , דער שבת־גוי , — נאָט'ס אַ בעשעפעניש , זאָל גלאַט זיין אַ רוצח ! אַ רוצח דאַרף גאָר נישט זיין במציאות . . . און זאָג אַליין , יענקעלע , הילא דמי , — רוצח ? דו וואָלסט געקאָנט זיין אַ רוצח ?

יענקעל זאָגט : ניין !

— איך אויך נישט ! — זאָגט דער רב .

און פערטראַכט זיך , און חאַפּט זיך נאָך אַ ווײַלע אויף :

— אַהאַ .

„דערגאַנגען !" הייסט עס , און ער צושמייכעלט זיך און זאָגט :

— ווייסט דו וואָס , יענקעלע ?! הער , וואָס איך וועל דיר זאָגען !

און ער שטעלט זיך אויף , און זייערט מלה במלה :

„אונטער'ן באָד , זאָג איך דיר , יענקעלע , מוז זיין דאָס אָרט , וואו קין , ווי אין דער תורה הקדושה שטייהט , האָט גע־טייט זיין ברודער הבל" . —

„און דאָס אָרט , האָבען מיר אַ קיימא־לן , איז מסוגל

לרציחה, בפרט, איז עס אַ סכנה פאַר אַ בן־נח, וואָס קאָן זיך במבע נישט איינהאַלטען״ —

עפענט יענקעלע מויל און אויערן:

— אָה!

— וואָס? שמייכעלט דער רב — עס לייגט זיך אויפ'ן שכל?

מן הסתם; אז איך זאָג, זאָג איך! אַ מכה־שולדיג איז דער גוי!

— פאָלג־זשע מיך, יענקעלע, מאַך דיר נישט דערפון. ווילסט דו, רוף אַ פעלדשער, אַ ניט לייג אַליין צו קאַלט וואַסער.

— און שבת, איך מיש מיך אפילו נישט אין קהל־זאַכען, אָבער בשעת סכנה — שבת, אם ירצה השם, לאָז איך אויסרופען אין שוהל אין בית המדרש, דער עולם זאָל וויכען דעם הינטערן־באָד!

—און אפשר וועלען די בעל־בתים איבערטראָגען דאָס גאַנצע מרחץ... אין שטאָדט אריין, אין מאַרק אריין... נישט גלייכער, וואָס? איז עס אָבער שוין נישט מיין זאַך! אַ גוטען טאָג, יענקעלע...

קאפיטעל 4.

די אסיפה. יענקעל מוז
אוועק. דעם שבת־גוי —
הוספה. —

איז אָבער נישט אוועק קיין גאַנצער חודש און יענקעל איז געקומען נאָך אַמאָל...

די צייהן נ י ש ט געוויזען, קיין ברויט נ י ש ט געטראָגען, אונטער'ן באָד נ י ש ט געווען אין צוברעכענע ביינער האָט ער. —

אונטער דער שוהל האָט ער איהם דערטאַפּט, דער שבת־גוי...

מוז שוין דער רב מודה זיין:
— אוי אַ גזלן! טאַקי ממש אַ גזלן!
און „אַ סכנה פאַר גאַנץ ח ע ל ם..."

— פאַר מיר, למשל, נישט. איך קום נישט אַרויס מפתח ביתי... נאָך וואָס? אָבער — גאַנץ קהל!

— וואָרום — זאָגט ער — וואָס ביזטו עס מעהר פון איין אַנדערן חעלעמער יוד? דו הייסט יענקעל, איין אַנדערער הייסט גרוינעם; אין נאָמען ווענדט זיך עס נישט. און איך וויס גאָר נישט, צי דער שבת־גוי ווייסט, ווי עמיץ הייסט?

ווי עס רופט זיך דער, ביי ווענען ער נעמט די לייכטער אראב...

— מוז מען שוין — זיפצט ער אב — איין אסיפה מא־כען... יא...

— און ווייסט, דער עיקר, פארוואס איך האב מורא, יענקעלע?

— פארוואס, רבי?

— פאר׳ן יום־כפור׳דיגען פאר־נעילה!

איין ערל קומט אין שוהל אריין, אנציגדען די נעילה־ליכט, קען ער חרוב־מאכען חעלם. אימברענגען, חס ושלום, די גאנצע קהלה מיט אמאל!

און ליעב האט ער, — דער רב „אומר ועושה"!

שבת הענג׳ט שוין אין מקום קדוש קוויטליך גרויסע, מיט אותיות שרייענדיגע:

איין אסיפה וועט זיין! א סכנה פאר דער שטאט!

א סכנה — קומען זיך צונויף די קארפען־קעפ, איילען זיך די טיזליקים, זיצט מען קאפ אויף קאפ — —

— זאגט־זשע, וואס, רבי־לעב...

— זאל יענקעלע, זאגט ער, פערציילט...

זאגט יענקל זיין עדות. פערציילט דער רב, ווי עס איז איהם אבגעפאלען א סברא נאך סברא... און אז גרעכט איז געבליבען יענקעלע — —

— א רוצח — שרייט יענקעלע, — א רוצח!

ציטערט „א פיש אין וואסער"...

— וואס־זשע טהוט מען, רביניו?

נישט לאנג ווארטען לאזט דער רב, און זאגט אזוי:

— איך זאל, זאגט ער, האבען א דעה ביי קהל...

מען זאל מיך באמת פרעגען, וואלט איך אזוי געזאגט:

יענקעל זאל קודם כל, און טאקי באלד מארגען, אם ירצה השם, און נאר בעגינעז טאקי ערגיץ אוועק... ווארען

אלט און ניי.

אויף איהם האָט ער שוין אַ חזקה דער שבת־גוי... מעהר ווי אַ חזקה, אַ כיון דדש...

ולהשיב אפו, כדי מציל צו זיין קהל פון סכנה, זאָל מען דעם שבת־גוי געבען הוספה:

אַ גרעסער שטיק קוילעטש, צוויי טרינק בראָנ־פען, איך וויים? אולי ירחם!...

— — — — — — — — — — — —

איהר לאַכט?

און דאָך שטעקט אין יעדען פון אונז אַ שטיק חעלמער רב!

ניִשט פֿער'משפּט.

1—אין פאָדער־הויז פון עולם האמת.

ענדיגענ, מיינע ליעבע לעזער, וועט זיך די מעשה גאָר אויף אַ הויך אָרט; אויף אַ געהויבען אָרט, וואו טויט און לעבען זענען אויף משקולת—אין קרייז־געריכט.

פאַר׳ן רויט געדעקטען טיש, מיט די גאָלדענע טראָלבען און קוואַסטען...

פאַר דאָס אָנהייבען הייבט זיך עס אָן זייהר אָרים, זייהר שפל׳דיג—

אין מושב זקנים;

איינגאַנצען איין שטוב, מיט אַ פריסיש ווענטעל אויף צוויי העלפטען אָבגעטיילט—פאַר זקנים בעזונדער און פאַר זקנות בעזונדער (אין אונזער פרומער שטאָדט בעגראָבט מען אפילו בעזונדער!), האָט יעדע העלפט אַ פענסטער צו דער גאַס און אַ טהיר צום הויף אַרויס.

זיצען זיי (איין ליביל דער געוועזענער לאַנד־שדלן מיט די פערגליווערטע פיס—ליעגט), זיצען זיי, די פעראייניזאַמטע זקנים און זקנות אינ׳ם פאָדער־הויז פונ׳ם עולם אמת; פון דער גאַנצער וועלט פערגעסען, נור פון דער פרומער „צדקה" נישט פערלאָזט. און ציילען זייערע איבעריגע פערשאָטענט־קריכע־דינע, טויבליך־בלינדליכע טעג און גרייטען זיך...

איינמאָל—עס פאַלט צו די נאַכט.

דער משרת, וואָס האָט די מאָהלצייט געברענגט, האָט די לאָדען פערמאַכט; געוואָרענט, מען זאָל, צו דער רעכטער

צייט, דאָס ליכט פערלעשען, און הינטער זיך די טהיר פערמאַכט...

די זקנים וזקנות דערזופען מיט די בלאַסע ליפען די פּיש־יויך, צודריקען, מיט די מיילער אָהן ציינער, די ווייכע שטיקלעך ברויט, וואָס שווימען אַרום אין די טעפליך, (די געל־געוואָרענע „גרינע“ דוואָשע, איין אַמאָליגע גרינהענדלערין, מאַכט נור מיט׳ן מויל; נישט זי געדענקט, נישט זי זעהט אין סדור די גרעסטע אותיות, נישט זי הערט, ווי יענער בענשט!) און באַלד זיך צו דער לאַנגער קריאת־שמע מיט׳ן גרויסען „על־חטא“ גענומען.

אָבגעלייענט, אָבגעקלאַפּט מיט די ציטעריגע פויסטען אין די מאַטע הערצער אַריין און—געלייגט זיך (אויסער ליביל שדכן, וואָס ליעגט)—קרעכצען...

און ביסליכווייז — שנאָרכען און חלומען...

חלום׳ט מען אַמאָל פון אַמאָליגע טעג. רופט זיך וועמען איין אַלט מיחוש אָן, קרעכצט מען; פערבלאָנדזעט זיך אין מיעדען מח אַ זכר פון איין אַמאָליגען זומער־טאָג, גליטשט זיך דורך אַ שטראַהל איבער אַ גערונצעלט פאַרמעטען פנים... מעהרסטענטיילס אָבער חלום׳ט זיך י ע נ ע זייט, בייטען זיך שאָטען פון אימה ופחד: דער מלאך המות מיט זיינע טויזענד אויגען קומט צו חלום, די ריטער, די אייזערנע אין מלאך־דומה׳ס האַנד, די וואָגשאָל פאַר׳ן בית־דין־של־מעלה וויעגט זיך פאַר די אויגען...

אַ דאגה, פאַר וואָס מען שרעקט זיך אין פעדער־הויז פון עולם אמת...

און אין גאַס פּלוצלונג:

— טראַך!

און געהאַקטע שויבען קלינגען...

— אוי־אוי! וועקט זיך איין אַלטער אויף.

הערט זיך נאָך פון גאַס,—אַ געלייפעריי, אַ געפּייפעריי, און אַ געזאַנג:

„ברויט פאַר אַלע, —"
„די בעקער צוטריבען!"
און טראַך—! אַ געקלאַנג פון גלאָז!
„ליכט פאַר אַלע!"
„לאַמטערן צושלאָגען,"
„קיין גאַנצער געבליבען!"
און נאָך אַמאָל:
— טראַך! און ווייטער געפּלאַצטע שויבען...
און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל, און אַזוי איבער דער גאַנצער גאַס...
זענען שוין אַלע וואַך. זעצט מען מיט אַראָבגעהאָנגענע פיס פון די בעטען און מען ציטערט.
איין גרינע דוואָשע הערט נישט...
זיצען די מענער מיט ווייסע אויגען אין דער פינסטערניש אַריין, אין טויט־שרעק איינגעהילט.
קלאַפּען די ווייבער, וואָס ליגען ביים פּרייסישען ווענטיל, צו די מענער אַריין:
— מאַנספּערשוינען, וואָס טהוט זיך עס אין גאַס?
ענטפערן זיי נישט, די מאַנסלייט, — עס קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.
שרייען די ווייבער:
— מאַנספּערשוינען, איהר זענט דאָך מאַנספּערשוינען, זאָל וועד פון אייך אַרויסגייהן, זאָל ווער אַ לאָדען עפענען און אַרויסקוקען!
— זאָל עמיץ פון אייך זעהן, וואָס אין גאַס טהוט זיך,
— די וועלט גייהט דאָך אונטער...
די מאַנספּערשוינען שווייגען.
ליבול דער לאַנד־שרכן, וואָס קאָן זיך נישט אויפזעצען, זוכט מיט אַ פּערציטערטער האַנד שוועבעלעך, דאָס ליכט, וואָס שטייהט ביי זיין בעט אָנצוצינדען, און געפינט נישט.
נישטערט ער און וואַרפט נאָך אַראָב דאָס ליכט מיט'ן

מעשענעס לייכטער פון טישעל.

גיט א קלונג, גיבען זקנים וזקנות א ציטער, חאפט זיך אויף די לעצטע — די בלינד־טויבע גרינע דוואַשע, און הויפט פלוצלונג אָן זאָגען: „גאָט אברהם”; דאָס איינציגע, וואָס זי געדענקט.

שלעפט זי מיט זיך די ווייבער מיט; זאָגען אַלע מיט א ודוי־קול, מיט שרעק און האַרציג געוויי: „גאָט אברהם”.

גיסען זיך שטילע טרעהרען אפילו פון די מענער־אויגען.

און אין גאַס האַקט מען לאַמטערן מיט געזאַנג...

דערהערט זיך פלוצלונג פון גאַס א טראַמפייט ——

די לאַמטערן־האַקער, צושפרייטען, צולויפען זיך. די טראַמפייט קומט נעהנטער און נעהנטער. שווערע, שווערע טריט הערען זיך שוין פון גאַס... מען גייהט און מען טרעט.

— סאָלדאַטען! —רופט זיך אָן לייבל שרכן כמעט דערפרייט... זקנים זקנות ווערען עטוואָס רוהיגער.

קאַמאַנדירערט מען אין גאַס:

— נאַ — פלע — טשאָ!

ווערט אַ געקלאַנג פון איבערגעלייגט געוועהר, און די טריט דערווייטערן, און דערווייטערן זיך, און פערהילכען ערגיץ, אין דער צ ו ו י י ט ע ר, אין דער ד ר י ט ע ר גאַס...

ווערט אין מושב זקנים שטיל און — קאַלט...

ציהען די אַלטע לייט צוריק די פיס אין די בעטען אַריין; ציהענזיי די קאָלדרעס זיך איבער די קעפ און ציטערן שטילער..

ציטערן זיי אין דער פינסטער, און טראַכטען.

— וואָס קאָן עס זיין! וואָס איז געווען? וואָס וועט זיין? און שלאָפען איינציגווייז איין אָהן אַ תשובה...

ערשט אין דער פריה האָבען זיי די תשובה בעקומען.

אויפגעוועקט האָט זיי אַ ווייטער שאָס; און באַלד איז דער משרת מיט'ן אָנבייסען איז שפעטער אַריינגעקומען, און געזאָגט:

— רעוואָלוציע!

2—אויפ׳ן הויף, רעוואָלוציע מיט אַ גענזען־פּיפּיקעל.

איז אַ שעהנער, וואַרימער טאָג, זיצט מען אויפ׳ן הויף. העלפּט דער משרת אַרויסטראָגען דעם לאַנד־שדכן מיט׳ן געלע־גער, זעצט מען זיך אַרום געלעגער.

ליבול, דער געוועזענער חברה־נושאים־שמש, אַ שטיקעל מיוחס אויף דער קוליע, זעצט זיך פון די עם־הארצים אַ ביסעל אָבגערוקט, אָבער אַלע זיצען. אויבער, אַז עמיץ קאָלערט זיך און גאָס אַריין, אַ האַנד אויסצושטעלען. הייגט נישט: אַ סכנה.

דער משרת האָט פאַר׳ן אַוועקגייהן געזאָגט:

— געוועלבער וועלען זיין פערמאַכט. די טראַמוויים וועלען נישט גייהן. דראָזשקעס — נישט פאָהרען... עס וועלען זיין דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פאָהנען. און פּאַטרולען וועלען אַרומגייהן מיט אָנגעלאָדענע ביקסען; און שיסען...

ווערט אַ זקנה בלאַס:

— פאַרוואָס?

פאַרוואָס קומט צו שיסען?

פערבייסט דער לאַנד־שדכן די ווייסע דינע ליפּען:

— עס קומט!

— און מענשען — זאָגט משה־חיים שטאָלץ — שטעלען זיך איין דאָס לעבען!

משה־חיים איז דער יונגסטער און דער געזונדסטער. איהם איז נור אַ טאָכטער ענטלאָפען, דאָס ווייב—געשטאָרבען, און די רעכטע האַנד טריקענט איהם; ער קאָן מיט דער נאָדעל נישט פיהרען. אָבער אַזוי — נאָך אַ גאַנצער מענש

— און וואָס ווילען זיי, די מענשען דיינע? פרעגט דער לאַנד־שרכן פערביסען.

— איך ווייס, וואָס זיי ווילען! ענטפערט משה־חייט. און פינטעלט אַרום מיט רויטליכע אויגעלעך און שמייכעלט זיך אין ציעגען בערדעל אַריין.

זאָגען וועט ער נישט. מישטיינס געזאָגט: פגרים־מתים...

מאַכט אָבער דער לאַנד־שרכן:

— או — הום...

דאָס הייסט: ער איז מסופק, צי יענע ווייסען, ומכל שכן, צי משה־חייט ווייסט...

„וואָלט ער אַזוי געלינקט געווען, ווי ער ווייסט"—זאָגט משה־חייט...

„אויף די בעלי־בתים גייהט עס!"

און ער קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטען:

— די רוצחים, דעם גאַנצען עולם הזה פערחאַפּט!

— אַזוי? מאַכט דער לאַנד־שרכן.

— עולם הזה פעהלט איהם, דעם חייט! — קרומט זיך אַ זקנה...

— פאַרוואָס נישט? — שפּרינגט אויף משה־חייט—מיין נשמה איז אַ לעמעשקע? ד'קאָן נישט פערדייען?

וואָלט ער אַזוי געלינקט געווען!

און זעצט זיך צוריק, ווייטער וואָרטשענדיג:

— אַלץ האָבען זיי צוגענימען, די מערדער! מיט פּיש־יויך שפּייזען זיי אונז... זיי קומט אַלץ! — די הייזער, דאָס געלד, דאָס ציהרונג, די מלבושים...

ווער בויט הייזער? דער מולאַר! ווער מאַכט ציהרונג? דער גאָלדשמיעד: און מלבושים ווער מאַכט?

— איך!

גיט ער אַ קלאַפּ אין דאַרען האַרץ אַריין, אַז עס קלינגט אָב.

און דער לאַנד־שרכן פרעגט:

— און געלד װער מאַכט ?

משה־חײט װערט װי פערבליפט ; ליבול דער געװעזענער חברה־נושאים־שמש מאַמלעט.

די מ... מ... ממשלה.

שפרינגט אויף משה־החײט :

— אַ טראַם טויג טאַקי נישט!

װערט אַ צושראָקען געמורמעל.

— צורעדט זיך...

— ס׳מויל זאָל איהם הינטען שטײהן.

— לאָז שוין זײן געגוג!

דער לאַנד־שרלן האָט אָבער קײן חשק נישט :

— און די ממשלה, זאָגט ער, שיסט!

זאָגט דאָס הײטיל בײזוליך :

— כל־זמן דער זעלנער פאָלגט!

— דאָס מוז ער! רײסט זיך מיט אַמאָל פון אַלע מײ־לער ארוים. אויף דעם איז ער דאָך סאָלדאַט!

גיט זיך דאָס הײטל נישט אונטער :

— װאָס מײנט איהר, שוטים, בעלי־בתים דיענען?

זײ קױפען זיך אוים, די אַלפרױשים! און גיט זיך װײטער אַ קלאַפּ אין האַרץ אַרײן :

— מיר דיענען! מען װעט שוין זעהען!

אין די אױגען װערען איהם נאָך אָנגעצונדענער, דאָס צינגען־בערדעל ציטערט!

— דעם גאַנבען עולם הזה װעט מען זײ צונעהמען...

און דער גיפטיגער לאַנד־שרלן פרעגט :

— דו אויך? און װאָס פאַר אײן עולם הזה פעהלט דיר, טרוקענע האַנד?

פערטראַכט זיך משה־חײט אויף אַ װײלע און צולאַכט זיך :

— צינד?

— עס צופט—זאָגט ער—בײם האַרץ! און קלערט װײטער און רופט אוים, װאָס ער װאָלט צינד געװאָלט :

אַ גענזוען פּיפּיקעל !

— שׂכל האָט ער ! — מאַכט דער לאַנד־שדכן.

קומט אַלע מיט אַמאָל וואַסער אין מויל אַריין ... חזר'ן זיי איבער יעדער פאַר זיך אין דער שטיל:

„אַ גענזוען פּיפּיקעל ——",

די טויבע אפילו האָט אויך דערהערט און מאַכט מיט פּייכטע ליפּען:

— אַ גענזיל־פּיפּיק'ל ..."

און ליבול, דער געוועזענער חברה־נושאים־שמש, זאָגט אויך נאָך:

— אַ גענזיל־פּיפּיקעל ...

ווערט אויפס ניי אַ געמורמעל:

— עס צופּט טאַקע אין די נעדערים ...

— זאָלען זיי אַזוי לעבען, די בעלי־בתים, צו מען קאָן אויסקומען אַ זומער־טאָג מיט'ן ביסעל פּיש־יויך און די פּיצלעך ברויט ...

— און האַלב גנב'עט אַוועק דער משרת ...

— לאָ'מען זיך טאַקע דאָס לעבען דערהאַלטען !

— מיט'ן ריח אַליין — וואָלט איך מיר די נשמה דער־חאַפּט ...

און אויפ'ן ראַנד פון קבר, א י ן פּערדערהויז פון עולם־אמת, האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעחאַפּט דער יצר הרע. עס האָט זיך צופלאַקערט די תאוה צו עפּיס גוטס ... די ווייס־ליכע אויגען הייבען אָן גלאַנצען; די אַראָבגעלאָזטע אונטער־שטע ליפּען—ציטערן, און די גענעצטע מיילער שרייען זיך הייזע־ריגליך איבער:

— אַ פּיפּיקעל ... אַ פּיפּיקעל ... אוי, אַ גענזוען פּיפּיקעל, אוי, אַ פעט גענזוען פּיפּיקעל ... אַ שמעקענדיגס ...

און די הענד ציהען דרייערס און צווייערס, און גרעש־לעך פון קעשענעס און ביזעמס אַרויס.

אָבער—ווער וועט גייהן? ווער וועט גייהן?

— איך נישט! זיפט אָב דער לאַנד-שרכן.
שרייט גרינע: איך!
ווייל מען נישט:
— חס ושלום! ז'וועט נישט דערגיין, וועט נישט דער-
ריידען... און וועט אין מיטען פערגעסען—אָהן זכרון, א בהמה...
ווייל משה חייט גייהן, ווייל מען אויך נישט:
— מיט איין האַנד — מיט אַ לינקער? ער וועט פער-
ליערען! מען וועט איהם אַרויסשטויסען...
רופט זיך ענדליך אָן ליביל שמש:
— איכע...
אזוי רעדט ער.
ער איז דער עלטסטער, דער שוואַכסטער, גייהט אויף
קוליעס... און עס ווערט אַ גערופעריי:
— יאָ: יאָ! ער איז אַ מבין!
— דער גאַרקיכער קען איהם און וועט א י ה ם נישט נאַרען.
— אָבער כמעט בלינד... ווייל עמיץ איינוועגדען.
— קען די שטאָדט אויסענווייניג...
— גייהט דאָך אויף אַ קוליע...
— זאָל זיין אַ קוליע, אַבי אַ מבין...
העלפט מען איהם, זיך אויפהייבען. דערלאַנגט מען איהם
די קוליע אין דער האַנד אַריין, און ער גייהט; דעם קאָפּ, ווי
ווייט מעגליך איז, אויפגעהויבען. מיט דער קוליע, נישט אָהן
גאוה, קלאַפּענדיג. און דער עולם רופט נאָך:
— זעהט, זעהט! ער גייהט!
— נור קלויב אויס, ליבול!
— בעט איהם — אַ רעכט פּיפּיקעל.
— און איינפּאַקען זאָל ער; אין אַ פּאַפּיער —
— אין אַ סך פּאַפּיערען!
— און צובינדען מיט אַ שטריקעל —
— למען השם!...
— און פערליער נישט...
ביז ער פערשווינדט.

3—קאָסטראָמער גבורים און ליביל שמש

דאָרף אַ קאָמפּאַניע קאָסטראָמער, הויכע, ברייט=פּלייציגע
סאָלדאַטען גייהן איבערפיהרען אַרעסטאַנטען פון צירקעל=אַרעסט
אין טורמע אַריין.
שטייהען זיי, אויסגעשטעלט מיט שאַרף=אָנגעלאָדענע ביק=
סען פאַר אַ יונגען אָפיציר מיט שפּיציגע וואָנסעלעך און אייגע=
לעך, וואָס זאָגט זיי אָן, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך בעגייהן אויפ'ן
וועג מיט'ן „וונוטרענני וורַאַג!“
דער „וונוטרענני וורַאַג“ — דער שונא פון אינערווייניג איז
דער פּאָלאַק און דער יוד...
דער יוד איז נאָך געפעהרליכער!
בעוויזט זיך אַ קוים=קוים=שמייכעלע אונטער די וואָנסען
פון די קאָסטראָמער רייזען: „יידעלעך“ און „געפעהרליך“,...
עח=מאַ! פליגעלעך אַזוינע...
זאָגט אָבער דער אָפיציער, אַז „שדים שטעקען אין זיי!“...
קינדער פון וויעגען גייהען אַרוים אויף דעמאָנסטראַציעס.
אַלטע גייהען; פון די בעטען, פון די שפּיטעלער אַרוים!
אַזאַ איינגעוואָרצעלטע שנאה ברענט אין זיי צו דער רו=
סישער מלוכה; אַזאַ פערקרעקטער האַס — צו דער הייליגע
צערקווע...
פלינען—און, אַז מען דאַרף, ווערט פון זיי לייבען, טי=
גערן... זיי מאַכען זיך נור שוואַך, ווי ביים „פּריזיוו“, פער=

שטעלען זיך אַזוי, אַ היטרע פֿאָלק די אַנטי־קריסטען!
און — מיט באָמבים גייהען זיי!
ווערען שוין די פּנים׳ער פֿון די ריעזען פֿינסטער. הילען
זיי זיך אין שטרענגע שאָטען איין. אין די קינדערישע אויגען צינדען
זיך שלעכטע פֿייערלעך אָן; דריקען די לאַפּעס די ביקסען
פֿעסטער.

און קאָמאַנדיערט מען:

— מאַרש:

גייהען זיי מיט פֿעסטע טריט און אַ נאָך אַ פֿעסטערן ווי־
סען, וואָס צו טהון...

נעמען זיי אָב אַרעסטאַנטען פֿון צירקעל: אַלט און יונג,
פֿרויען און קינדער — און פֿיהרען זיי, ערנסט אין שטיל־שוויי־
גענדיג, און נישט אין גאַנצען אָהן שרעק, איבער דער גאַס צו
דער תּפיסה —

קומט אַקעגען אַ ייד, גלאָצט מען די אויגען אויס:
„ווי שטיל ער גייהט... ער טאַפּט מיט די פֿיס, ווי מיט
הענד, ער שלײַכט זיך... ער האַלט עפּיס אין ביידע הענד;
און אַזוי זאַלט... און אַזוי ווייט פֿון זיך״!

גיט מען איהם אַ רינגעל־אַרום מיט אַ מאָל — —

זאָגט דער פֿיהרער:

— גיב אַהער!

ליביל פֿאָלגט נישט.

וויל מען נעמען, ער לאָזט נישט! רייסט מען, ליביל
שמש ראַנגעלט זיך:

— מאָיע, מאָיע—שרייט ער—ראַזבאָיניקי!...

קיים די בלינדע אויגען האָבען דערזעהן, אַז עס זענען
סאָלדאַטען. וויל ער שוין אַוועקוואַרפֿען דאָס פּעקעל, דער־
הערט ער ערשט אַיין אַנגסט־געשריי:

ניע בראָסיי!

גיט ער אַ צאַפּעל און קריגט מיט אַ שטיק אין דער נאָז...
פֿיהרט מען איהם, מיט די אַרעסטאַנטען צוזאַמען, מיט׳ן

אראָבגעהאָנגענעם נאָז=פלינעל, צוריק אין צירקעל אַריין...

ליינט מען דאָס פעקיל אויף אַ גרינעם טיש און מען שיקט נאָך סאַפּיאָרען...

קומען זיי, טרעטען אַלע אָב. בינדען די סאַפּיאָרען זאַלבסט דאָס שטריקעל אָב, עפענען דאָס פעקיל מיט פערציטערטע הענד און געפונען, איהר ווייסט שוין וואָס...

4—נישט פער׳משפט.

מאכט מען א פראָטאָקאל:

— נישט געפאָלגט דעם פאַטרול... געוועהרט זיך... בעליידיגט דעם פאַטרול: „ראַזבאָיניקי" געזאָגט.

פון פיפיקעל קיין וואָרט נישט דערמאַנט; איינגעשלינגען, נישט געוואָרען!

און מען האָט געשריבען, גע׳חתמ׳עט. אָוועקגעשיקט, וואו מען דאַרף... ליבלין, וואָס אַ דאָקטאָר האָט פערנייהט דעם נאָז-פליגעל, האָט מען אויך אָבגעשיקט וואו מען דאַרף.

נאָך עטליכע חדשים, קומט זיך דאָס אַלץ צוזאַמען אין „סוד"...

ליביל, די קאָסטראָמער: צוויי פון זיי אַלס היטער, די רעשט אַלס עדות און — דער פראָטאָקאָל...

אַלץ—אויסער דעם פיפיקל. —

זיצען, ביים רויטען טיש די אדונים שטרענג.

— פרעגט דער פרעדסיעדאַטעל:

— ביסט מודה?

שווייגט ליביל... ער הייבט נישט אָן צופערשטייהן

ברומט אַ סודיאַ:

— ער וועט נישט ענפערן!

דער קטיגור:

— פערקרעקט!...

הערט מען אוים די עדות...

זאָגען זיי : טאַק טאַטשנאָ !

„עפּיס אַ פּעקיל געטראָגען... נישט געפּאָלגט... גע־
האַמפּערט זיך... געזאָגט : „ראָזבאָיניקי״...

פרעגט דער סניגור, דער אַדוואָקאַט הייסט עס :

— וואָס פאַר אַ פּעקיל ?

זאָגט איין עדות :

— ד׳ווייס נישט... אָבגעגעבען אין צירקעל.

— וואו איז עס אַהין געקומען ?

ברומט אַ סודיאַ :

— יודאַליך — אַרויסגעגנבעט...

און דער פּראָקוראָר :

— דערויף זענען זיי שוין בריה׳ס !

וויל דער אַדוואָקאַט ווייטער פרעגען, ווינקט זיך דער
פּרעדסיעדאַטעל איבער מיט די חברים, און זאָגט שטרענג :

— דאָס געהער נישט צו דער זאַך !...

— נישט דאָס צירקעל ווערט געמשפּט ! זאָגט ער.

לאָזט דער אַדוואָקאַט דעם קאָפּ אַראָב און הייבט אָן, צו
בעטען רחמים :

— רבותי, איהר זעהט דאָך : איין אַלטער...

ברומט מען :

או—הו ! די שנאה וואַקסט מיט די יאָהרען !

און מען צוּוואַרטעלט זיך : דער מליץ יושר מיט׳ן
פּראָקוראָר :

— אויף אַ קוליע... זאָגט דער אַדוואָקאַט.

— אַזוי קומען זיי צום פּריזיוו אויך ! לאַכט דער פּראָ־
קוראָר.

— און טויב איז ער, און בלינד —

— געמאַכט... גאַנץ יידישליך...

— אַ האַלב טויטער !...

לאַכען שוין אַלע...

ווערט שוין דער אַדוואָקאַט בייז. ער איז דאָך עפּיס

אויך אַ מענש מיט אַ דעה, — גיט ער אַ געשריי צו ליבלין אויף רוסיש לשון:

עה, זשיד, פאַדנימי סוואָיו פאַלקו...

פערשטייהט דאָך ליבול נישט אַ וואָרט, רופט מען צו אַ מבין אויף יידיש־לשון, זעצט ער איהם איבער:

— מען הייסט, ליביל, דו זאָלסט אויפהייבען די קוליע דיינע.

מוז ער.

האָט ער דאָך אָבער קיין כח נישט, ציטערן איהם דאָך די הענד, און די קוליע איז אַ שווערע... שלעפט ער, אַז מען הייסט!

שלעפט ער און הייבט, און הייבט און גיט מיט אַמאָל אַ פאַל אַנידער...

. . . .

קורץ און בקיצור:

מען האָט׳ם נ י ש ט פערמשפּט!

צווייטע אבטיילונג:

(משלים.)

קַיִן און הֶבֶל.

1.

אַמאָל איז געווען אַ קין, אַמאָל איז געווען אַ הבל; צוויי ברידער זענען זיי געווען.

דער ע ר ש ט ע ר קין און דער ע ר ש ט ע ר הבל.

האָט הבל געהאַט גאָט אין האַרץ, געהערט זיין שטים ביי זיך אין די ניערען און האָט זיך קיין גאָט נישט געוואָלט.

דאַגעגען קין, אַבוואָהל דער עלטערער, האָט נור די ב ע נ ק ש אַ פ ט צו גאָט געהאַט; האָט ער אַ וואַנדערשטאָק גענומען און איז געגאַנגען זוכען גאָט, אויף וועג און שטעג.

„גאָט מוז זיין ג ר ו י ס, אונגעהייער גרויס; שטאַרק, אויסטערליש שטאַרק מוז ער זיין!" — אַזוי האָט קין געטראַכט.

און אַז ער האָט דעם ערשטען, אונגעוועהנליך גרויסען, שטאַרקען פעלז אויף זיין וועג געטראָפען, איז ער אויף די קניה געפאַלען און פון האַרץ אַרויס אַ געשריי געטהון:

— אָט איז גאָט!

און פול פאָרכט, דאַנקבאַרקייט און ליעבשאַפט צום גאָט, וואָס האָט זיך איהם בעוויזען, פאַלט ער פאַר'ן פעלז אויף די קניה און בעט מיט פערציטערטע ליפען:

„לאָז מיך אייביג זיין נעבען דיר, גאָט, מיין גאָט!"

„דערווייטער מיך נישט פון דיר, דו קוואַל פון גרויסקייט און מאַכט..."

— אַ ווינטעל בלאָזט און רוישט אין דער שטיל —

דערהערט קין אינ׳ם ווינטעל גאָטס וואָרט; פערנעמט ער זיינע רייד אין געראוש —
געהט הבל פאַרביי, רופט ער איהם בעגייסטערט צו;
— ברודער, קום צו און זעה בעשיינפערליך גאָט!
— ברודער, דאָס איז גאָט! און איך, דיין ברודער קין, בין זיין נביא און, —
„אַזוי זאָגט גאָט״ — —
ער ענדיגט נישט!
הבל שטעלט אַרויף אַ פוס אויפ׳ן פעלז:
ער טרעט אויף גאָט!
שפרינגט קין אויף און האַפט דעם וואַנדערשטאַק, און טייט זיין ברודער הבל, וואָס האָט געלעסטערט גאָט...
. . . .
„בלוט פאַר בלוט״ איז דאָס געזעץ.
לויפט אַ ווילד־טיער פון וואַלד אַרוים און צורייסט קינ׳ען, וואָס האָט זיין ברודער הבל געטייט. —

2.

„בלוט פאַר בלוט״ איז איין געזעץ;
„געשטאָרבען איז עמיץ, עמיץ זאָל לעבען!״ — דאָס צווייטע!
און אַ נייער קין ווערט געבוירען; און — אַ נייער הבל.
האָט הבל גאָט אין האַרץ און זוכט נישט גאָט; קין — נור דאָס פאָרגעפיהל פון גאָט און אַ ברענענדיג בענקשאַפט צו איהם, — זוכט ער גאָט אין וואַלד און פעלד.
„גאָט איז לעבען, גאָט איז פרייד!״
איז זיין געדאַנק.
„געזאַנג איז ער און בליהונג... אויסער גרוים און שטאַרק!״

געפינט ער אַ בוים — אַ ריעז אין וואַלד, און פאַלט אויף די קניהען פאַר גאָט!

„ווי גרויס דו ביזט, גאָט; די הימלען שפּאַרסט דו אונטער. און שטאַרק, — צוואַנציג ריעזען נעמען נישט אַרום דיין שטאַם!"

„און ווי דו בליהסט, גאָט; דאָס ביזט די בליהונג אַליין!"

און ווי זים צוגיסט זיך דער געזאַנג אין דיינע צווייגען, — לאָז מיך רוהען אין דיין שאָטען, גאָט . . ."

„און אַז אַ ווינטעל בלאָזט און די בלעטער הייבען אָן צו רוישען, הערט קין די שטים פון גאָט און פאַלט אויף די קניהען.

געהט הבל פאַרביי:

„זעה, ברודער, גאָט! און איך, דיין ברודער, בין זיין נביא!

„אין די אויערן רוישט מיר זיין געזאַנג; ביז'ן האַרץ אַריין — זיין קלינגענדיג וואָרט . . .

און — אַזוי זאָגט גאָט. . .

וויל הבל נישט הערען גאָטס וואָרט; שטרעקט ער אויס זיין האַנר און האַפּט אָן אַ צווייג פון בוים.

— איך בייג אַראָב דעם קאָפּ פון גאָט; איך רייס איהם ביי די האָהר!

און רייסט אויס, און צעוואַרפט אַ הויפען בלעטער פון גאָט.

פאַלט הבל, דער גאָט-לעסטערער, פון קין'ס הענד דערוואָרגען; ענטלויפט קין, דער ברודער-מערדער, צום ים, פערפלייצט איהם אַ וואַל!

„בלוט פאַר בלוט!"

3.

„געשטאָרבען קין און הבל, לעבען זאָלען קין און הבל!"
און ניי־געבוירען, קומען זיי צוריק אויף דער וועלט.
האָט הבל גאָט אין האַרץ און זוכט איהם נישט.
און קין האָט איינמאָל גאָט אין חלום געזעהן; און איז דער חלום פערשוואונדען, האָט ער זיך אויפגעחאַפּט נאָך מיט אַ גרעסער, ברענענדיגער בענקעניש צו גאָט.
און אַ שניצער איז שוין קין געווען. מוז ער זיך אויסשני־צען דעם גאָט, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן.
פערווירקליכט מוז דער חלום ווערען; צוריקקומען און אייביג בלייבען מוז דער פערשוואונדענער טרוים!
ער קאָן אָהן גאָט שוין נישט לעבען!
נעמט ער מיט זיך מעסער, האַק, הובעל און זעג און גייהט אין וואַלד אַריין.
דעם שטאַרקסטען, העכסטען בוים קלויבט ער אויס; און דער פאַלט אונטער זיין האַק, און ווערט דערנאָך מיט האַק, הובעל און מעסער בעאַרבייט...
און טעג און נעכט טרעט קין פון דער אַרבייט נישט אָב. פון די שפּענער האָט ער זיך אַ פייער, צום וואַרימען און קאָכען געמאַכט; פון אָבגערייניגטען שטאַם זיך זיין גאָט געשניצט...
און עס איז אַרויס אַ גאָט!
דער גאָט, וואָס האָט זיך איהם אין חלום בעוויזען, וואָס ער האָט אין שלאָף געזעהן...
און גרויסע אויגען האָט ער איהם געמאַכט — גאָט זעהט פון עק וועלט ביז עק... אָבער נישט גלייכע אויגען:
קוקט איין אויג לייטזעליג און בעשענקענדיג־ליעב — גאָט איז אַ גוטער! —
דאָס צווייטע — שטרענג, — אַ ריכטער איז גאָט אַ שטרענגער און בעשטראָפט יעדע זינד!
און אין איין האַנד האט ער איהם אַ הענגעל־טרויבען

אריינגעשטעלט — פרולטבארקייט איז דער גוטער גאָט!

די צווייטע האָט ער אויף אַ פויסט פערשניצט און זיין האַק אין דער פויסט אַריינגעשטעקט — דעם זינדיגען אָבצי־שרעקען; גאָט שטראָפט!

און פאַרטיג איז געוואָרען דער גאָט, און ער האָט איהם אויפגעשטעלט און — פאַלט פאַר איהם אויף די קניה!

— אָ, גאָט!

ווי ליעב האָב איך דיך, גאָט, מיין גאָט! און ווי פאָרכט איך מיך פאַר דיר!

— און איך בין דיין נביא, גאָט!

איך האָב דיך געפונען!

און איך וועל דער וועלט זינגען דיין לויב און שאַלען דיין קראַפט!

איבער דער ברייטער וועלט וועל איך דיין נאָמען צוטראָ־גען; ווי שמעקענדיגער בוימאייל וועט זיך, אָ, מיין בעשעפער, דיין נאָמען צוגייהן — —

און בעטען בעט ער זיך!

„רייד מיט מיר, גאָט!"

פליהט, איבער זיין, צו גאָטס פיס פערזונקענעם קאָפּ, אַ מחיה וואַנדער־פייגעל פאַרביי; רוישען זייערע פליגעל אין דער לופט; הערט ער גאָטס רייד צו זיך אין גערויש.

גייהט הבל פאַרביי.

— הבל, זעה בעשיינפערליך גאָט! און —

„אזוי זאָגט גאָט! — —"

— דיין בעשאַפענער בעשעפער? — פאַלט איהם הבל אין די רייד אריין מיט שפּאָט.

— האָסט אַ בוים אויסגעהאַקט, ביים פייער פון זיינע שפענער דיך געוואָרימט און דיין שפּיז געקאָכט, און די קניהסט פאַר'ן טויטען אָבגעשיילטען שטאַם, וואָס דו האָסט, לויט דיין אייגען בילד, געמאַכט?

דערקענסט דו דיך נישט, קין, אין דיין גאָט?

און זעה, איך שפיי אויף דיר און אויף דיין עבענבילד — דיין גאָט!

—גאָט — שרייט קין אוים אין ברענעדיגען צאָרן — פערשטאָפּ דאָס לעסטער־מויל, בעניץ דיין האַק פאַר'ן זינדי־גענעם קאָפּ!

און ער פאַלט נאָך אַמאָל אויף די קניהען:

— ער איז מיין ברודער, גאָט! פון איין טראַכט זענען מיר אויף דער וועלט אַרוים, דיזעלבע בריסטען האָבען אונז גענעהרט, — נור דו ביזט מיר טייערער, גאָט, געדעכטער גאָט — און איך בעט, און איך פערלאַנג פון דיר: שטרעק אוים דיין האַנד און שטראָף!

— און ווילסט דו נישט? מוז איך עס טהון; איך, דיין נביא, דיין קנעכט!

און שפרינגט אויף; און מיט דער האַק פון גאָטס האַנד אַרוים, האָט ער זיין ברודערס קאָפּ געשפּאַלטען...

4

און ווייטער איז אין גאָטס נאָמען אַ ברודער־מאָרד גע־שעהן —

און „בלוט פאַר בלוט" איז דאָס ערשטע געזעץ; „דער, וואָס גייהט, קומט צוריק" — דאָס צווייטע.

„קין און הבל געשטאָרבען; לעבען זאָלען קין און הבל".

און אַזוי וועט זיין, אייביג זיין. —

דער מַלְאָךְ.

אויפגעבליהט האָט דער מזרח־שטרייף.

שווער עטעמט־אויף דאָס פעטע שטיק פעלד, מיט טוי בעדעקט.

אין שטאָל בלעקט דער אָקס, וואָס וויל אויפ׳ן פרייען ארוים.

און באַלד עפענט זיך די טיר פון הויז; דער ערדמאַן בעוויזט זיך אויף דער שוועל.

אָפּען איז די שטאַרקע ברוסט; פערשאַרצט די ריעזי־גע הענד.

מיט אַ קלאָר, ליעב און דאַנקבאַר אויג בליקט ער — ארויף צום צושמייכעלטען הימעל, אַראָב צו זיין פּיַטער שפּייזערין — ערד, און דערהערענדיג די שטים פון געטריי־ען אָקס, צושמייכעלט ער זיך:

— איך גייה, ליעבער, געטרייער אָקס!

נישט לאַנג האָט געדויערט, און דער אָקס איז שוין צום אַקער געשפּאַנט.

אונטערן אַקער שטייהט דער ערדמאַן, דריקט דאָס מעסער טיעף אין דער ערד אַריין, און דער אָקס ציהט אויס האַלז און קאָפּ צום ערשטען שריט.

בעוויזט זיך פלוצלינג אַ מלאך פון הימעל, ציהט־אויס זיין פייערדיג שווערד איבערן אַקער, צווישען אָקס און מענש...

און אין די אויגען פון מלאך זענען שמערץ און ליעב־שאַפט צוזאַמענגעגליהט; בארמהערציגקייט און דראָהונג.

און פייערליך ווענדט זיך צום מענש דער מלאך, און בעפעהלט, און שטאָלערן קלינגט זיין שטים דערביי:

„פערלאָז דיין אָקס, דיין אַקער, דיין פעלד און גייה!"

און אַז דער ערדמאַן וויינערט זיך דערשראָקען, קלינגט נאָך האַרטער דעם מלאכ׳ס שטים:

„און ווענסט דו נישט גערנוויליג גייהן; טרייבען וועל איך דיך!"

„ווילסט דו דיין שפייזערין-ערד נישט פערלאָזען, פער-שלים איך איהר טראַכט, און זי וועט דיר איהר שפראָצונג נישט געבען."

„ווי אייזען וועט זי ליגען אויסגעשפרייט פאַר דיינע אויגען; און אָנזאָגען וועל איך די הימלען, און זיי וועלען איבער איהר קיין טראָפען רעגען נישט לאָזען; קיין טראָ-פען טוי".

„און ווענסט דו מיט שרעק פון דיין ערד ענטלויפען, און אין דיין שטוב, פאַר מיר און פאַר מיין געבאָט, זיך בעהאַלטען —"

„שיק איך מיין בליץ און צינד אָן דעם דאַך איבער דיין קאָפּ . . ."

„רוף איך פון אַלע עקען וועלט ווינטען צוזאַמען, און זיי וואַרפען איבער דיר די ווענד פון דיין הויז."

„און ווענסט דו נאָך ווידערשפּענסטיג זיין, און אַלץ נישט אָברייסען זיך פון דאָס דייניגע, און פון דיין האָב-און-גאָב, —"

„ווינק איך צו די ווילדע אין סטעפּ, אין שטויביגען וואָלקען קומען זיי געפלויגען, און בעפאַלען דיין האָב-און-גאָב . . ."

„און אין דיינע אויגען קוילען זיי דיין אָקס און דיין שאָף און רינד, און פרעסען זייער פלייש!"

„דו מיט ברענענדיגע אויגען ווענסט עס צוזעהן, און פערהונגערט בלייבען!"

„און דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען זיי בעצווינ־גען; מיט פייכטע שטריק בינדען, און פאר זיך טרייבען, אויף קנעכט און דיענסטען צו פערקויפען — אין קיינם וועט צו דיר שוין צוריק נישט קומען, — די אויגען וועלען דיר אויס־גייהן, ווארטענדיג אומזיסט!"

— דו מוזט גייהן!

— וואו אהין — ? פרעגט דער ערדמאן פערציטערט.

„גאט האט דיך אלס זיין שליח אויסדערוויילט, און דו וועסט גייהן איבער דער וועלט שאלען, און רופען זיין נאמען!"

„איבער דער וועלט וועסט דו גייהן!"

„נע ונד וועסטו זיין".

„און אהן וועג און שטעג וועסט דו גייהן; איבער דערנער שארפע און שטיינער שפיציגע, בארוויס וועסטו וואנדערן; אייביג בלוטיגען וועלען דיינע בארוועסע פיס..."

„און אז דו וועסט מיעד ווערען און זיך אבשטעלען, דעם אטעם נורצו האפען וועל איך אנצינדען די ערד אונטער דיינע פיס, און זי וועט דיך טרייבען!"

„וועל איך דיך פון הימעל פערפאלגען מיט דונער און בליץ."

„און בלוטיגע שונאים וועל איך אויפשטעלען אונטער דיר, און זיי וועלען דיך מיט זייערע פיילען יאגען... דאס ווילדע טיער וועל איך רופען אויף דיר פון וואלד, און עס וועט דיך טרייבען..."

„און צו איין אברוה, צו א הערבערג וועסט דו לעכצין:

„און וואו א טיר, וועסט דו אנקלאפען און בעטען זיך:

„לאזט מיך איבער דער שוועל!" און וואו א פענסטער:

„גאכטלעגער פאר א קראנקען וואנדערער, בעטלען —"

„און טרייבען וועט מען דיך פון אומעטום! —"

„מיט שאנד און שפאט טרייבען, מיט קלעפ און שלעג — ווי א קרעציגען פון ישוב ארויס! און משוגע פאר שרעק וועסטו ווייטער לויפען..."

„און אז דו וועסט פאר א וואסער־שפיגעל פארביי, און דיך אליין דערזעהן, וועסט דו דיך פאר זיך אליין דערשרעקען! זועט דיך אנחאפען א גרויל פאר זיך אליין! א שרעק פאר דיינע אפענע וואונדען; איין עקעל פאר דיין שמוץ אויפ'ן צובלוטיגטען לייב . . . און וועסט דיך וועלען פון דיין שליחות, פון גאטס־נאמען־שאלען — בעפרייען, און וועסט גישט קאנען!"

„דעם טויט וועסט דו רופען און ער וועט נישט קומען!"—

„די נעגעל וועסטו אריינשטעקען אין דיין אייגען לייב, דאס הארץ ארויסצוררייסען, די נשמה און גאטס ווארט פון דיר, — און וועסט נישט קאנען!"

„און נאך א גרעסערע שרעק וועט דיך יאגען . . ."

„און ווי הויסע טראפען בלוי וועלען פאלען די טרערען פון דיינע אויגען איבער דיין פנים; און פון דיינע, אייביג אפענע וואונדען וועט זיך גיסען אהן אויפהער דיין בלוט. . ."

— נאך וואס?

פיל בארמהערציגקייט ווערט די שטים פון מלאך:

„פון יעדער טרער, וואס וועט פון דיינע אויגען פאלען— אזוי וויל גאט! — וועט אויסשפראצען פון דער זינדיגער ערד א ווייסע ליליע —"

„און פון יעדען טראפען בלוט, וואס וועט טריעפען פון דיין איטליכער וואונד — א רויטע רויז! אזוי האט גאט בעשטימט!"

און צוריק שטאלערן קלינגט די שטים:

„אבער דאס אלץ וועט זיין הינטער דיר; דאס אלץ וועלען דיי:ע אויגען נישט זעהן . . ."

„פאר דיר — דערנער; שטיינער אונטער די פיס; ווי הייט די אויגען זעהען — א וויסטעניש — —"

„און וועסט, משוגע פאר שרעק און פיין, אלץ ווייטער און ווייטער לויפען . . . די וועלט אונטער דיר מיט בלומען פערזייהען, די ערד אונטער דיר אין א גן־עדן פערטווישען, און דו וועסט עס נישט זעהן — ביז — —"

— ביז וואַנען, מלאך ?!

„ביז דו וועסט צוריקקומען צום אָרט, פון וואַנען דו גייהסט אַרויס — — אויב . . .״

—אויב וואָס, מלאך ? — פרעגט דער ערדמאַן נאָך מעהר פערציטערט.

„אויב גאָט וועט דיך אויף אַנדערע פון זיינע וועלטען נישט שיקען . . .״

„צו דעם ביזט דו געבענשט און פערשאָלטען . . .״

„צו דעם — אויסדערוויהלט !״ —

דער אייבינער פריעדען אין ערגיץ־לאַנד.

דערציידהלט אַזוי דאָס מעשה׳לע פון ערגיץ־לאַנד:

אין ערגיץ־לאַנד איז אַ הויכער גרויסער באַרג פערהאַן. האַלטען זיך אויפ׳ן שפּיץ פון באַרג די אָדלער די גרעסטע, שפּיעלען אויף זיין הייך די ווינדען די שטאַרקסטע; — שפּיעלען זיי און ראַנגלען זיך.

זעהט אייך דער שפּיץ פון באַרג דאָס גרעסטע הימעל־שטיק פון געוועלב איבער ערגיץ־לאַנד, און דעם שענסטען אויפגאַנג פון דער זון יעדען מאָרגען פריה אין ערגיץ־לאַנד...

באָדט זיך דער שפּיץ באַרג אין העלסטען, רייכסטען ליכט. עס איז דאָך דער העכסטער באַרג אין ערגיץ־לאַנד: די זון פערשטעלט איהם קיינער נישט, פון ערגיץ פאַלט אויף איהם קיין שאָטען נישט...

און שטאַרק איז ער, דער באַרג: פעלזען זענען זיינע גליעדער, קופּער און גאָלד — זיינע אָדערן... דאָס ווייסט די ווילדע ציעג, וואָס שפּרינגט איבער זיין רוקען...

אָט אַזוי האָט דאָס מעשה׳לע פערציידהלט. —

. . . .

האָבען די מיטער דאָס מעשה׳לע געהערט, דערפון אַ וויעגען־ליעד פערפאַסט, און שלעפערן די קינדער איין דערמיט. מיט׳ן ליעד פון ערגיץ־לאַנד, פון הויכען גרויסען באַרג אין ערגיץ־לאַנד...

וואַקסט אָבער אויף דאָס קינד און עס פערגעסט דאָס וויעגען־ליעד; אין לערנען און אין שפּיעלען ווערט עס פערגעסען;

דערנאָך אין לעבען, ליעבען און ליידען... אינ'ם וועלט־גערויש!

ערגיץ דאָך, אין אַ פערבאָרגענעם ווינקעל פון האַרץ, ציטערט נאָך אַלץ אַ סטרונע שטיל, און עס קלינגט דאָס ליעד, דאָס וויעגען־ליעד, פון שפּיץ פון באַרג אין ערגיץ־לאַנד, — פלייצט דאָס לעבען אַרום און אַרום, רוישט עס און זידט, הערט מען די סטרונע נישט —

גייהען אַזוי יאָהרען און צייטען פאַרביי — —

טרעפט זיך אַמאָל —

שפּינט אַ יונגער־מאַן זיין גאָלדענעם פאָדעם פון לעבען, און עס שטרעקט זיך אוים דעם מזל'ס האַנד, און רייסט איהם דעם פאָדעם איבער: גייהט דער יונגער־מאַן פון לעבען אַוועק אין דער איינזאַמקייט... דערפיהלט ער פלוצלינג אין דער שטילער איינזאַמקייט: עפּיס ציטערט ווינקעל פון אין האַרץ ביי איהם, אין פערבאָרגענסטען ווינקעל פון האַרץ קלינגט...שטעלט ער זיך אָב און הערט זיך איין...

זינגט אַמאָל אַ יונגער־מאַן זיין גליקליך ליעבעס־ליעד אויף זיין האַרף, אויף זיין גאָלדענער יוגענד־האַרף: דערהערט דאָס בייזע מזל און שלייכט זיך צו און שטרעקט אוים די בייזע ביינערינגע האַנד, און רייסט איהם אַ סטרונע נאָך אַ סטרונע מיט געוואַלט; ווערט שטיל די האַרף און שרעקליך שטיל אין האַרץ;—שטייהן איז דאָס האַרץ געבליבען... און אין דער שטילקייט קלינגט פלוצלינג אויף דאָס וויעגען־ליעד. דאָס ליעד פון ערגיץ־לאַנד, פון הויכען, גרויסען באַרג אין ערגיץ־לאַנד...

און אַמאָל וועקט זיך עס עמיצען אין חלום אויף, און קומט אין אַ שטילער לבנה־נאַכט צום אויער, חאַפּט זיך יענער אויף...

און אַזוי אַמאָל, פערטראַכטערהייד, וועקט זיך ביי לייטען די בענקשאַפט אויף, און טרייבט קיין ערגיץ־לאַנד; צום הויכען באַרג, צום גרויסען באַרג אין ערגיץ־לאַנד...

ציהט דאָס ערגיץ־לאַנד און ציהט; וואַנדערט מען...

און אין אלע צייטען, און אויף וועגען אלערליי, און פון אלע עקען וועלט וואנדערט מען קיין ערגיץ־לאנד...
בלאָנזעט מען, פערבלאָנזעט מען, —
ביינער בלייבען אויף וועג און שטעג קיין ערגיץ־לאנד...
מאנכע טרעפען דאָך און דערגרייכען עס.
קומען מאנכע קיין ערגיץ־לאנד; ווייסט איינער דאָך פון צווייטען נישט...

אויף איינזאמע וועגען גייהען זיי, פון פערשיעדענע עקען וועלט קומען זיי... איינער טרעפט זיך מיט'ן צווייטען נישט.

שפינט זיך און שפינט ווייטער דאָס מעשה'לע...
פון לבנה־שטראהלען שפינט זיך עס; און שטילע נעכט אין לבנה־נעכט...
דערציילט עס ווייטער אזוי;

צופוסענס ביים הויכען בארג אין ערגיץ־לאנד ליעגען לענדער פרייע, פעט און שווארץ... וואקסען וועלדער טיעפע טיעפע, און שטראָמען, יאָגען און טייכען פליסען... און רינגלען ארום דעם גרויסען הויכען בארג...

און קומען די וואנדערער, — איינציגווייז, פאָרענווייז אָדער פאמיליען גאנצע — און דערגרייכען זיי דעם בארג אין ערגיץ־לאנד, בעזעצען זיי זיך ארום און ארום דעם בארג, צופוסענס דעם בארג...

גייהט דער יעגער מיט פייל־און־בויגען אין וואלד אריין; זעצט זיך דער פישער מיט נעץ און ווענטקע ביים קלאָרען טייך; זוכט זיך דער פעלדמאן זיין אקער אוים; טרייבט דער הערט זיין פיה איבער דער פעטער לאָנקע... ווערען קאָלאָניעס מיט דער צייט...

גרוים איז אָבער דער צופוסענס פון בארג, טרעפט זיך

איין קאָלאָניע מיט דער צווייטער נישט; ווייסט איינע פון דער צווייטער נישט.

בויט זיך יעדערע איהר וועלט פאַר זיך, און אָרדענט זיך איין די „איינציגע" וועלט. בויט זיך איטליכע איהר הייליגטום פאַר גאָט דעם „איינציגען", און דיענט דעם האַר פון דער וועלט דעם איינציגער...

און מען לעבט זיינע יאָהרען אוים, און מען שטאַרבט צו דער רעכטער צייט, און אַלץ לויט ווילען און געזעץ פון גאָט פון איינציגען...

און מען בעט גאָט, און מען רעדט אויף דער „איינאיינציג" מענשליכער שפּראַך.

און מען אַרבייט; און מען מעהרט, און מען פּרוכפּערט זיך, און מען הויבט זיך פאַמעליך, פאַמעליך אויפ'ן רוקען פון הויכען באַרג, פון געגלוסטען באַרג...

לאַנגזאַם—מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, גייהט דער אַקערמאַן; מיידט איהם אוים דער פלאַנצער פון וויין; העכער שפּרינגט דער הערט, איבער שטיין און פעלז, נאָך דער וויל־דער ציעג; מיט דער מעטאַלענער אָדער גייהט דער בערג־מאַן פעסט און טיעף...

און נאָך העכער שטייגען מאַנכע...

דאָס זענען די, וואָס האָבען זיך, מיט'ן גאַנצען האָב־און־גאָב, בערוהיגען נישט געקאָנט...

שוין צו פערבענקטע נשמות זענען זיי; צו פערבענקטע נשמות צו דער היָיך, צו דער הויכער הייך.

ווייל שאַרפער קלינגט אין האַרץ ביי זיי דאָס וויעגען־ליעד...

לייגט מען אַמאָל די װענטקע אַוועק און דעם פּייל־און־בויגען, און מען גייהט פון וואַלד אין טייך... פאַלט רידעל אין קאָסע אַמאָל פון האַנד אַרוים; פערלאָזט מען דעם אַקער. פערלירט מען שער און שניידמעסער פון האַנד, קומט מען פון וויינבערג אַרוים. און מען וואַרפט די האַק אַוועק, און מען

קוקט פון דער מעטאַלענער אָדער אַרויס אויף דער ליכטיגער שײַן... פערלאָזט מען אויף גאָטס בעראָט די ווילדעציעג, און מען שטײַגט...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג...

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן, אנדערע — איהרע בענקענדיגע לײַט — שטײַגען זײ...

שטײַגען זײ.

איז, וואָס העכער, דינער און דינער דער רוקען פון באַרג; בלאָנזשען זײ און טרעפען זיך אַמאָל.

און טרעפט מען זיך...

און טרויעריג ווערט דאָס מעשה׳לע, ווען עס דערצײלט דערפון... און שרעקליך...

טרויעריגע געשיכטען; בלוטיגע געפעכטען...

עס שפּינט זיך און שפּינט דאָס מעשה׳לע אַזוי:

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן; מאַנכע — איהרע בענקענדיגע לײַט ——

צום שפּיץ פון באַרג בענקען זײ...

צו די ווינדטען די שטאַרקע, צו די אָדלער די גרויסע... צום גרויסען פרײַען הימעל; צום רײַכען העלסטען ליכט, צום שענסטען אויפגאַנג פון דער זון בענקען...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג...

און אײנציגווײז גײהען זײ איבער די גרעניצען פון פעלדער גײהען זײ... פון ווײַנבערג־געוועלבען קומען זײ אַרויס... בײ די רענדער פון די מעטאַלענע גרובען שלײַכט מען זיך...

איבער שטײן און פעלז, איבעריאָגענדיג די ווילדע ציעג. —

מיט פערבענקטע אויגען, אין דער הויכער הויך פערקוקט, בלאָנזשען זײ; זאַפּענדיג מיט אויפגעשפּיצטע אויערן

די גערוישען פון דער הייך — און טרעפען זיך אַמאָל...
און טרעפען, און — דערשרעקען זיך.
און מיסטרויאיש פערוואונדערט, קוקט איינער אויפ'ן צווייטען, זיך אָבשטעלענדיג:
פון פערשיעדענע ערטער געקומען, אויף פערשיעדענע וועגען געגאַנגען און—אַנדערש געקליידט, אַנדערש געשוירען און אַנדערש דעם קאָפּ בעדעקט...
שטאַמעלט מען, זיך גריסענדיג און זאָגענדיג:
— גוט מאָרגען!
זאָגט עס יעדערער אויף זיין שפראַך, אויף זיין איינציגער שפראַך... קלינגט עס דעם צווייטען פרעמד, האַרט, נישט־מענשליך און פיינדליך אין די אויערן... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָהט.
„ער בעליידיגט מיך, ער שילט!"
שטייהט מען זיך געגענזייטיג צו:
—ביסטו אַ מענש, גלויבסט דו אין — —
און אָנגערופען ווערט דער נאָמען פון גאָט פון „איינציגען" גאָט...
ווערען אין צוויי שפראַכען גערופען צוויי נעמען פון גאָט; און יעדערער פון צווייטען טראַכט:
— רעדען רעדט ער נישט ווי קיין מענש און גלייבען גלייבט ער נישט אין גאָט...
גרייט מען זיך צום שטרייט...
רופט יעדערער פאַר'ן שטרייט זיין גאָט צו הילף...
אויף פערשיעדענע שפראַכען ריידען זיי, פערשיעדענע נעמען רופען זיי.
זאָגט יעדערער: ער לאַכט פון מיר און לעסטערט נאָך מיין גאָט! —
אָדער: ער דיענט איין אַנדערן גאָט, אַ פאַלשען גאָט, אַ שלעכטען גאָט!
פלאַקערט מיט אַמאָל שטאַרקער אויף דער האַס, און

מען ראַנגעלט זיך; אויף טויט און לעבען גייהט דער שטרייט...

זיעגט איין מענש און זיין איינציגער גאָט...

און דער בעזיעגטער שעלט צו בענשט זיין גאָט און—פֿאַלט...

קאָלערט זיך דעם בעזיעגטענס קערפּער באַרג־אַראָב, באַרג־אַראָב... און צייכענט מיט בלוט זיין וועג איבערן באַרג, איבערן רוקען פון הויכען גרויסען באַרג...

און זיין גאָט אויף זיין שפּראַך דאַנקענדיג, שטייגט דער זיעגער אַלץ העכער און העכער...

און די צאָהל פון די בענקענדיגע אין די קאָלאָניען, און די צאָהל פון די, וואָס טרעפען זיך און ראַנגלען זיך אויפ'ן רוקען פון באַרג, וואַקסט פון טאָג צו טאָג...

עס וואַקסט די בענקשאַפט, וואָס טרייבט אַלץ אַרויף און אַרויף... און עס וואַקסט דער צאָרן קעגען דעם ווילדען, וואָס מען טרעפט אויפ'ן וועג; קעגען דעם ווילדען טיער, וואָס גלייבט נישט אָן גאָט. האָט אַ שלעכטען פֿאַלשען גאָט און שטאַמעלט אויף אַ נישט־מענשליכער שפּראַך...

און וואָס אַמאָל העכער שטייגט דער מענש מיט זיין צאָרן! און מיט'ן מענש, אַלץ העכער און העכער — שטרייט און שלאַכט...

ראַנגעלט מען זיך וואָס אַמאָל נענטער צום שפּיץ פון באַרג...

און די טויטע קערפּער פון בעזיעגטע קאָלערן זיך אַלץ עפּטער און עפּטער, און פון אַ העכערער הייך, באַרג־אָב, באַרג־אָב... און צופלייִשען זיך, זיך קאָלערנדיג, אויף בלוטיגע פּעצען און פעדעם, אָן שפּיצין פון שטיין און פעלז; און אַלץ עפּטער און עפּטער רייזעלט דאָס בלוט באַרג־אָב, באַרג־אָב; און שטראָמט, און טרענקט, און רייטעלט דעם רוקען פון באַרג...

און אַ דאַנק די אַראָבגעפאַלענע צופלייִשטע לעסטערער

פון גאָט, ווערט אַלץ פעטער און פעטער די ערד צופיסענס דעם באַרג; אַלץ פולער און געבענשטער — די זאַנג פון ווייץ און קאָרן; פולער און גליהענדיגער—די טרויב, זיסער—דער זאַפט אין איהר... און דער ווילדער ציעג שפּראָצט אַלץ מעהר און מעהר גראָז פון אונטער די פיס, און אַלץ מעהר און פעטערע מילך גיט זי דעם הערט...

און די פערבענקטע זיעגער דאַנקען גאָט און— שטייגען...

און ווייטער פערצייהלט דאָס מעשה'לע:

און עס פרוכפּערן זיך אַלץ, און מעהרען זיך די קאָלאָניען צופיסענס דעם באַרג. און די פערבענקטע צו דער הייך וואַקסען אויך אין צאָהל,—שטייגען שוין מעהרערע מיט אַמאָל...

און געפעהרליך, און מיט יעדען טאָג געפעהרליכער ווערט דער וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פרייע ווינטען דער שטעג... און צום אויפגאַנג פון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אין דער הייך...

אַלץ מעהר ווילדע שטאַמלער און גאָט-לעסטערער טראָגען זיך אויפ'ן ריקען פון באַרג.

און שוין בעוואָפענט ווערט געשטיגען...

און מחנות בעוואָפענטע טרעפען זיך אָפּט און עפטער...

און שלאַכטען ווערען ביי יעדען טרעפען-זיך געפיהרט,

און אַלץ — אין נאָמען פון גאָט, פון איינציגען גאָט!

און דערהערט מען הינטען די קריעגס-געשרייען פון דער הייך, לויפט מען אַרויף צו הילף...

קומט דער הערט פון זיין געצעלט אַרויס, דער בערגמאַן פון זיין גרוב, פון טרויבען-געוועלב לויפט דער וויינבערגער אַרויף, עס איילט אויך דער ערדמאַן פון אַקער אַוועק, און דער פישער פון ברעג טייך, און דער יעגער

פון טיעפען וואַלד... און בעוואָפענט זענען אַלע; דער בערגמאַן האָט פאַר אַלע וואָפען געמאַכט...

און אַלץ עפּטער און העפטיגער ווערט די שלאַכט...

הילכט דער באַרג פון אייביגען קריעג; פון העלדען-געשריי, פון געוועהר-געקלאַנג... און פון גאָטס נעמען, וואָס ווערען אין אַלערליי שפּראַכען גערופען...

און מאַסענווייז קאָלערן זיך די טויטע אַראָב, אַראָב, און צופּליישען זיך אויף שטיין און פעלז, איבער וועג און שטעג... און בלוטיגע טייכען שטראָמען באַרג-אָב, באַרג-אָב... יאָגען זיך און שטראָמען.

און וואָס אַמאָל, ווערט אונטען פעטער די ערד, פולער די זאַנג פון ווייץ, האָבער און קאָרן. זיסער און גליהענדיגער דער וויין און אַלץ זאַטער און זאַטער פּיטערט זיך די ווילדע ציעג צווישען שטיין און פעלז און מעהר און ניט פעטערע מילך...

נור איינמאָל — אַזוי ווערט דאָס מעשה'לע דער-צייהלט — האָבען זיך צוויי, אין צופלאַקערטען קאַמפף, אַלץ העכער און העכער געיאָגט, ביז זיי האָבען פּלוצלונג דעם הויכען שפּיץ פון באַרג דערגרייכט, און פּלוצלונג גאָר פערבאָרען זיך אין אַ שטראָם פון ליכט, פון העלסטען רייכ-סטען ליכט פון דער הייך...

און מיט אַמאָל און פּלוצלונג רייסט זיך זיי ביידע אַ נייע, גאַנץ נייע שפּראַך פון דער צונג אַראָב! — דאָס איז געוועזען די שפּראַך פון דער הייך, די ליכטיגע שפּ־אַך, — די שטראַהלען-שפּראַך.

און מיט אַמאָל און פּלוצלונג האָט איינער דעם צווייטען דערהערט און פערשטאַנען; האָט יעדערער אין'עם צווייטען אַ מענש דערקענט, דעמזעלבען גאָטס נאָמען פון זיינע ליפּען אַראָב געהערט, און זיי זענען זיך איבער די העלזער געפאַלען. —

און נאָך זיי זענען געקומען אַנדערע און אַריינגעפאַלען אין ליכט, און נאָך אַנדערע — און אַלע, אַלע האָבען אָנ־געהויבען רעדען אויף דער איינציג־מענשליכער שטראַהלען־שפּראַך . . .

איז אַ פריידּ געווען!

אָבער פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט פון הינטען אַ קריעגס־געשריי, פון אַלע זייטען באַרג אַ ליאַרם פון שלאַכטען . . .

אונטען איז געשעהען, וואָס עס האָט געמוזט געשעהען... ווי אויבען די איינצעלע פערבענקטע מענשען, האָבען זיך אונטען די קאָלאָניען געטראָפען . . .

געמערהרט איבער דער צייט און געפּרוכפּערט זיך האָבען די קאָלאָניען, און פערשפּרייט זיך און פערשפּרייט, און אַלץ שמעלער און שמעלער זענען די פרייע פעלדער און די פרייע וועלדער געוואָרען . . . האָבען זיך יעגער מיט יעגער געטראָ־פען, דער ערדמאַן מיט׳ן ערדמאַן; און הערטשאַפט מיט הערט־שאַפט בעגעגענט, און בערגמאַן מיט בערגמאַן — אונטער דער ערד . . .

— פרעמדע זענען געקומען! פרעמדע אַקערן אונזער לאַנד! ווילד פרעמדע חאַפּען פיש אין אונזערע טייכען; שטאַמלער אָהן אַ שפּראַך גראָבען זיך איין אין אונזער ערד . . . גאָט־לייקענער האָבען אונזערע וויינבערגער פערנומען, — דיענער פון פאַלשע, שלעכטע געטער די ווילדע ציעג בעצוואונגען! —

אַזוי האָט מען גערופען.

און אויפגעפלאַקערט האָט אויף אַלע גרעניצען די שלאַכט...

לויפען די פערברידערטע פון דער הייך אַראָב:

— שטיל! געוועהר צו די פיס! אַלע זענען גלייך! פערהאַן איין איינציג מענשליכע שטראַהלען־שפּראַך!

. . . .

— און דאָס — פערציילט דאָס מעשה׳לע — איז דער אָנהייב געווען . . .

פון אייביגען פריעדען דער אָנהייב.

פון אייביגען פריעדען און ערגיץ-לאַנד, צופיסענס דעם גרוי-סען, הויכען באַרג...

. . . .

און אַזוי פערצײַילענדיג, צושטראַהלט זיך עס, דאָס מעשה׳לע, און צושמייכעלט זיך...

ווי דער מזרח׳דיגער מאָרגען-גלאַנץ פון שפּיץ אַראָב געזעהן, פון שפּיץ פון הויכען גרויסען באַרג אין ערגיץ-לאַנד געזעהען...

עס ווייסט, ס׳וועט ווערען אַ ליעד דערפון, אַ וויעגען-ליעד; זינגען וועלען די מיטער עס, איבער דער ליעבסטער קינדער-וויעג...

און אינ׳ם קינדס הערציל-קליין, הערציל-פיין, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליעד, און ס׳וועט דערפון אַ בענקשאַפט ווערען...

אַ בענקעניש, צו ערגיץ-לאַנד, צום הויכען באַרג אין ערגיץ-לאַנד; צום פריעדען-לאַנד, מיט דער שטראַהלען-שפּראַך, דער איינציג מענשליכער —

אַ בענקשאַפט-פיין, אַ בענקשאַפט-ריין!

צווי ברידער.

אייגענטליך, וואָלט איך ליעבער די מעשה דעם גוטען גראַף טאָלסטאָי דערצעהלט. ער איז שוין צו גוט געוואָרען. לײדער בין איך אָבער מיט׳ן גראַף טאָלסטאָי נישט אַזוי גוט... אפילו זייער גאָט, זאָגט מען, איז נישט דער בעסטער! ווי עס איז, אויב „אַ מעשה מיט צוויי ברידער״ — פערשטעהט איהר אליין, אַז פון זיי האָט איינער געמוזט זיין אַ קלוגער און דער צווייטער — אַ נישט פאַר אייך גערעכט — אַ נאַר! עס איז טאַקי אַזוי; אַ נישט, וואָלט גאָר קיין מעשה נישט געוועזען. עס וואָלט אפשר גאָר קיין וועלט נישט געוועזען. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט יעדער מענש זיין לשון, און איך, אויב איך זאָג „איינער איז געוועזען אַ חכם און דער צווייטער — לא עליכם —״, מיין איך גאָר פשוט: איינער איז געוועזען אַ שלעכטער און האָט זיך געטויגט; דער צווייטער — אַ גוטער און האָט זיך געלאָזט מי[illegible]! אַ נישט, פערשטעהט איהר מיך, וואָלט ער געוועזען אַ מילנער ביז׳ן היינטיגען טאָג.

וואָרום ביידע ברידער זענען מילנער געוועזען און האָבען, אויף צוויי נאָהנטע בערגלעך, זייערע ווינד־מיהלען געהאַט. אַנטען, צו פיסענס די בערגלעך, אויף וועלכע די ווינד־מיהלען זענען געשטאַנען, האָבען זיך געצויגען גאַנצע טהאָלען

מיט וייץ און קאָרן. און די מענשען פון די טהאָלען פליגען עס ארויפפיהרען, אָדער קאָרץ־וויז ארויפטראָגען צום מאָה־לען. ניין־געלד פאַר דער מיהל לאָזט מען, ווי דער שטיינער איז, איבער אַ פערטעלע; מעהל אָדער תבואה, ווי דער מילנער פערלאַנגט. פון מעהל באַקט מען ברויט, קאָכט מען לאָקשען. די תבואה פיהרט מען אין שטאָדט אריין צו פערקויפען. פאַר געלד קויפט מען: זאַלץ, הייוען, הויז־גערעט, קליידער — וואָס נאָר אַ מענש בעדאַרף. מען קען אין אַזאַ מיהל האָבען אַ גוט יאָהר, נאָך איבערלאָזען אויף אַ שלעכטער צייט. דערצו אָבער מוז מען שכל האָבען. מיט דעם, ווייסט איהר שוין, זענען ביידע ברידער נישט גלייך געבענשט. און אַ שאָר. וואָרום שווערע צייטען טרעפען זיך ביי ווינד־מיהלען אָפט, עס גערעט נישט און מען האָט נישט וואָס צו טהון. אָדער עס מאַכט זיך אַ שטילע צייט און די פליגעל ריהרען נישט; נישט דאָ, מיט וואָס צו מאָהלען! טהיילמאָל טרעפט זיך אויך אַ שאָדען אין מיהל: אַ צו שטאַרקער ווינד דרעהט אַ פליגעל אויס; איין אָבגעריבענער מיהל־שטיין פלאַצט פאַר דער צייט, אָדער ווייס איך, וואָס עס קען זיך טרעפען!

און דאָ טאַקי הייבט זיך אָן דער אונטערשיעד צווישען קלוגען מיט'ן נאַר.

מאַכט זיך עפּיס אַ צופאַל ביים שלעכטען, דאַרף ער, ווי זאָגט מען עס, נאָר אַ פּיפּעץ געבען, אַ ווינק, לויפט איהם שוין דער גוטער צו הילף: „דיין מיהל שטעהט? האָסט קיין ארבייט נישט? עס פעהלט דיר ברויט? הייוען? זאַלץ? וואָס?"

יאָ געפעהלט, נישט געפעהלט, דער שלעכטער האָט שכל, ער טויג זיך און נעהמט, וואָס עס לאָזט זיך. פון צו־קומעניש — שמייכעלט ער אין זיך אריין — טהוט קיינמאָל דער קאָפּ נישט וועה!

איז אַ שאָדען אין מיהל, וואַרפט דער גוטער פון זיך אראָב דעם ראָק און שטעלט זיך צו דער ארבייט. אין צווייען, האָטש דער שלעכטער נאַרט זיך, ארבייט זיך געשווינדער,

בעסער, שפאָריוודיגער! עס דויערט נישט לאַנג, און דעם שלעכטענס מיהל איז צוריק גאַנץ, אַרבייט ווי פריהער, אויב נישט בעסער ווי פריהער!

מיט דער צייט האָט דער שלעכטער נישט געפרווּבט אפילו צו ווינקען. דער גוטער האָט זיך אַ לייטער געמאַכט און איז פון צייט צו צייט אויפ'ן שפּיץ-מיהל אַרויפגעקראָכען, צו זעהען, וואָס אויפ'ן צווייטען בערגיל, בײ'ם ברודער אין ווינד-מיהל, טהוט זיך, און קוים האָט ער בעמערקט, אַז די פליגעל שטעהען, אָדער אַז פון קוימען גערט צו דער רעכטער צייט קיין רויך נישט אַרויס, איז ער שוין געלאָפען פרעגען, צי מען דאַרף נישט זיין הילף...

אַנדערש איז אָבער געוועזען אויב פערקעהרט. אויב עס האָט זיך אין גוטענס מיהל אַ סבה געטראָפען. האָט מען אַרבייט געדאַרפט, איז דער שלעכטער פונקט נישט געווען בקו הבריאה! האָט פערפעהלט עסענוואַרג, האָט עס דעם שלעכטען נאָך פריהער פערפעהלט! גאַנץ אָפט האָט ער אפילו קיין פאַלשע תירוצים נישט געזוכט, קיין קרענק נישט אויסגעקלערט, און מיט איין אָפענעם שטאָהלערנעם בליק געענטפערט: „איך העלף נישט, איך באָרג נישט, איך צאָהל אפילו קיין חובות נישט; איך בין קיין נאַר נישט!" און דער גוטער געהט אַוועק מיט ליידיגע הענד, גאָר מיט אַ פול האַרץ מיט רחמנות אויפ'ן אומגליקליכען ברודער, וואָס „האָט אַ שטיינערן האַרץ, וואָס וועט קיינמאָל נישט פיהלען דעם אמת'ן נחת, דאָס אמת'ע גליק, וואָס אַ מענש האָט, בשעת ער העלפט דעם צווייטען". טרערען פלעגען איהם קומען אין די אויגען אַריין!

און דער שלעכטער, וואָס האָט זיך געטויגט, איז גע-וואַקסען פון טאָג צו טאָג. ער און די ווינד-מיהל זענען וואָס אַמאָל פעסטער און שטאַרקער געוואָרען. און דער הויפען תבואה אין שפּייכלער, און דער געלד-בייטעל אין טאַש זענען אויך געוואַקסען. בשעת דער גוטער איז געפאַלען פון טאָג

צו טאָג... די מיהל האָט זיך אַ ביסעל אויסגעקרומט, און גאַנץ אָפּט האָבען אפילו די שוואַלבען פאר דער מיהל קיין חיונה נישט בעקומען...

מענשען האָבען געשריגען: איין עולה! אויף די נעגעל האָט מען געבלאָזען. און דאָך, ווער עס האָט געהאַט אַ קערציל תבואה צו מאָהלען, האָט עס פריהער צום שלעכטען געפיהרט: זיין מיהל איז בעסער, אַרבייט געשווינדער, מיט ווייניגער פּחת! נישט איינמאָל האָט מען דעם גוטען נאָך בע׳גנב׳עט! עס איז געווען זיינע שטענדיגע הונגעריגע הונד אַ לעבעל ברויט צו וואַרפען, זיי זאָלען אַלץ דערלאָזען און שווייגען! און דער גוטער איז אַזוי לאַנג געפאַלען, ביז ער איז, נעבּיך, געבליבען ליגען...

עס האָט זיך אַ שטורם-ווינד געמאַכט. דעם שלעכטענס מיהל האָט ער ווייניג וואָס געשאַדט. אַ פליגעל האָט זיך אויסגעקרומט, נישט מעהר, און מיט ווייניג אַרבייט האָט מען איהם דעם צווייטען טאָג אויסגעגלייכט... דעם גוטענס — איז געפאַלען! מיט׳ן ערשטען בלאָז האָט דער שטורמווינד זי אויסגעדרעהט, מיט׳ן צווייטען — אויסגעריסען און אומגעקעהרט, און דערנאָך צושלאָגען, צוטרימערט, און די שטיקער אין טהאָל אַראָבגעשלײדערט...

— העלף מיר אויפקלויבען די שטיקער און צוריק אויפבויען מיין מיהל! האָט ער זיך צום שלעכטען געווענדט.

— איך האָב קיין צייט נישט! האָט דער קלוגער געענטפערט. איך האָב פיעל אַרבייט און שטעל מיר אַ צווייטע מיהל!

און דער גוטער איז, מיט האַרצוועהטאָג און פול מיט רחמנות אויפ׳ן אומגליקליכען ברודער מיט׳ן שטיינערנעם האַרץ, אַראָבגעגאַנגען אין טהאָל אַריין, זוכען הילף און האָט זי נישט געפונען...

— מיר האָבען קיין צייט נישט! האָט מען איהם געענטפערט; עס איז גראָד שניט-צייט געווען...

דעמאָלט האָט דער גוטער געוואָרפען דעם לעצטען

בליק אויפ'ן באַרג, וואו זײַן ווינד-מיהל איז געשטאַנען, און אויפ'ן טהאָל, וואו די שטיקער פון דער הורבה זענען גע-בליבען, און איז געגאַנגען אין דער וועלט אַרײַן, זוכען פרײַנד-שאַפט און אַרבײַט.

ער איז נע ונד עד היום!... און דער שלעכטער ברודער האָט פאַמעליך דאַס געהילץ פון ברודערס ווינד-מיהל אויפגעקליבען, דאָס שלעכטע פערברענט, דאָס גוטע אין דער נײַער ווינד-מיהל בענוצט.

די לײַט פון טהאָל האָבען פריהער געקריצט מיט די ציינער, מיט דער צײַט — אָן גוטען און זײַן ווינד-מיהל פער-געסען; צוויי ווינד-מיהלען זענען גענוג!...

די מעשה וואָלט איך ליעבער דעם גראַף טאָלסטאָי דערצעהלט. לײַדער בין איך מיט איהם נישט בעקאַנט און מוז יוצא זײַן מיט אײַך.

דאָם גלעזיל.

(הומאָרעסקע.)

אמאָל, ערגיץ אין אַ פערוואָרפען שטעדטיל אויף דער פּראָ־ווינץ, איז געווען אַ גאָלדשמיד און אַ בריליאַנטען־שלייפער דערצו. און געווען איז ער, דער גאָלדשמיד אַ בריה נפלאה אין דער מלאכה, אַ געבענשטע האַנד געהאַט, אין זיין פאַך אַ גאון געווען. עד היכן הדברים מגיעים, האָט קיינער נישט געוואוסט: נישט ער, נישט זיינע קונים. געזעסען און געאַרבייט ציהרונג פאַר בעלי־בתים: אויריינ־גלעך, פינגערלעך, קדושין־פינגערלעך וכדומה. קוים פּרנסה גע־האַט!.. נתגלה איז ער ערשט געוואָרען מיט דער צייט... און צופעליג. האָט זיך, כּדומה־למשל, געטראָפען, אז אַ בעל־הבית פון קליינעם שטעדטיל האָט אַ שדוך געטהון פון דער פרעמד, מיט זיין עושר פון אַ גרעסערער שטאָדט. פאָהרט מען אויף דער חתונה, בעוויזט זיך דעם גאָלדשמיד'ס ציהרונג אויף אַ העכער אָרט. יענער עושר איז שוין אַ שטיק מבין; אַ סוחר, אַ וועלט געזעהן, מאַכט ער: אי, אי, אי! — הייבּט אָן דער גאָלד־שמיד דאָרט אויך צו שמ'ען... בעקומט ער שוין פון דאָרט אַרבייט און מיט דער צייט ציהט ער זיך איבּער אין דער גרעסערער שטאָדט אַריין; שוין אַזוי פיעל קונים געהאַט.

מילא, צו'ן אַ גביר פון דער גרעסערער שטאָדט קומט אמאָל אַ פּריץ: צוליעב מסחר, אויף אַ שמחה, צי אַזוי אמאָל שבת אויף געפילטע פיש, — דער טיש אויסגעשטעלט, דאָס בני־

בית אויסגעציהרט... דער פריץ קומט אריין, ער איז נאך א גרעסערער מבין; פאלט איהם עפּיס אין אויג אריין.

— וואו איז דאס געקויפט? ווער האט עס געמאכט?

ווערט מען פון גאלדשמיד געוואהר צווישען פריצים...

כידוע, מאכט יעדער גובערנאטאר איין מאל אין יאהר א באל פאר גרויסע לייט. עס איז שוין אזא מנהג. מאכט יענער גובערנאטאר אויך א באל, קומען פריצים מיט פריצות, מיט טעכטער. טראגט מען דעם גאלדשמיר'ס ציהרונג... זעהט דער גובערנאטאר א פינגעריל, צו א בראש, צו א קאליע, נאפט ער. ער האט נאך אזא ארבייט נישט געזעהן.

„וועמעס ארבייט איז עס?"

— „דעמ'ס און דעמ'ס".

— „אזוי?"

צו מארגענס שיקט מען דעם גאלדשמיד רופען, ווערט ער א יוצא ונכנס ביים גובערנאטאר.

קומט אמאל צופאהרען, בעקוקען די גובערניע, איינער פון די שרי-מלכות, דארף מען איהם א קעגען-טראגען ברויט מיט זאלץ אויף א טאץ. ווער מאכט די טאץ? מן הסתם, שוין אונזער גאלדשמיד. קומט די טאץ אין עיר-המלוכה אריין, קלינגט מיט איהר די עיר-המלוכה...

נישט אומזיסט זאגט שלמה המלך: טוב שם משמן טוב!

טרעפט זיך א מעשה, דער אלטער מלך געהט פון דער וועלט, קלויבט מען אויס א נייעם מלך. געהט יענע קרוין אין שאנץ-קאמער, און פאר'ן נייעם מלך מאכט מען א נייע קרוין. זאלט מען גרויסע גאלדשמידם. בעט מען צווישען אנדערע אונזער גאלדשמיד אויך. קומט ער און ארבייט-מיט און צייכענט זיך נאך אויס על צד היותר טוב...

הכלל — מקימי מעפר דל!

אונזער גאלדשמיד וואוינט שוין אין דער רעזידענץ, איז א יוצא ונכנס אין הויף. ער ווערט נאר מרואי פני המלך.

אַ פּ ר אָ ס ט ע ר בּשר ודם , אַפילו אַ קלענערער ש ר , קאָן זיך שוין גאָר צו'ן איהם נישט דערשלאָגען . . .

איז דאָך אָבער אַ גלגל חוזר בּעולם און , אַז מען קאָן העכער נישט שטייגען (וואָרום וואָס קאָן זיין העכער פאַר אַזאַ גאָלדשמיד ?), הויבּט מען אָן פאַלען . . .

פאַר וואוילטאָג האָט ער שוין קיין נייעס נישט בּעוויזען. דאָס אַלטע ווערט צוגעגעסען , די אויגען זענען , קוקענדיג דעריוף , מיעד געוואָרען , דאָס האַרץ קריעגט אַ גליסטונג צו' עפּיס נייעס . בּעווייזט זיך , ערגיץ־וואו , אַ נ יי ע ר קינסטלער.. איז — ווי דער סדר עולם איז — זה נופל וזה קם . . . מאַכט דער נייער קינסטלער דעמזעלבּען וועג , וואָס דער אַלטער האָט געמאַכט. און, לעומת זה, מאַכט דער אַלטער גאָלדשמיד—דעם אייגענעם וועג צוריק : פון עיר־המלוכה צוריק אין גובּערניע אַריין, פון גובּערניע — אין פּאָוויאַט, פון פּאָוויאַט—אַ ה יי ם ; פון מלך, הייסט עס, צום שר, פון שר צום גובּערנאַטאָר , צום פּריץ , צום גביר, צום בּעל־הבּית אין קליינעם שטעדטיל . . . צוריק צו קדושין־פינגערלעך . . .

נידריגער פאַלען קאָן מען נישט ; אָרימע־לייט דאַרפען קיין ציהרונג נישט. בּלייבּט מען הענגען אין דער לופט, שטרעקט מען אויס די צונג . . .

און די צייטען אַ ל יי ן ווערען שלעכט, מען מאַכט עפּיס גאָר קיין חתונות נישט און די קאָנקורענץ וואַקסט . . .

מילא . . . דלות מאַכט פּסלות . און ויהי (וואו „ויהי״, איז אַ צרה !) כּי הציק לו הרעב , נישטאָ וואָס אין מויל אַריין צו לעגען , דער גאָלדשמיד געהט אַרום פוסטע־פּאַס , איז ער זיך מישב און הויבּט אויף פון דער ערד אין גאַס אַ שטיקעל גלאָז פון אַ צובּראָכענע פלעשיל : פון וואַסער , פון משקה און אפשר גאָר מיט אַ מעדיצין , ווער ווייסט ? נאָר אַ פּראָסט שטיקעל גלאָז, און געהט דערמיט אַהיים , און זעצט זיך עם אָני־דער — שלייפען . . . און אַזוי ווי ער שלייפט , הייבּט אָן אונטער די הענד דאָס גלעזיל צו פינקלען , צו גלאַנצען ... אַ

כשוף: עס שפּריצט מיט כּל המיני פונקען, עס שטראַהלט; ער אַליין גאַפט. ער האָט גאָר נישט געוואוסט, ווי וויט קינסט־לער ער איז! דערנאָך נעהמט ער דאָס גלעזיל, זעצט עס אַריין אין עפּיס אַ פּערוואָלגערט רייפעל, וואָס ער האָט קוים געפונען, און געהט אַרויס אָפּנאַרען די וועלט! — געהט ער. דאָס האַרץ קלאַפּט בּיי׳ן איהם, ווי בּיי׳ן אַ גזלן! קומט איהם אַקעגנען אַ בּחור מיט אַ פלאַכ׳ענדיג פּנים, פּאַלט איהם איין — אפשר אַ חתן און דאַרף אַ פינגעריל? שטעלט ער איהם אָפּ. האָט ער כּמעט געטראָפען: קיין קדושין־פינגעריל דאַרף ער נישט, אַ כּלה־מתּנה — אדרבּא; מעג זיין אַ פינגעריל! און ווי יענער גיט איהם אַ בּליק פאַר די אויגען מיט׳ן בּרילאַנטעל, פּאַלט ער צו מיט בּיידע הענד און פרעגט: ווי טייער?!

לאָזט דעם גאָלדשמיד דאָס האַרץ נישט זאָגען, נישט קיין שווינדלער בּטבע, פרעגט ער צוריק:

— וויפיעל ווילסטו געבּען?...

דער בּחור מיינט: גאָט ווייסט, צי ער וועט קאָנען קו־מען צו דער סחורה? נעהמט ער אַרויס אַ מטבּע און מאַכט זיך אַ שפּאַס:

— אַ טאָלער!

דריקט איהם דער גאָלדשמיד דאָס פינגעריל אין דער לינקער האַנד אַריין, חאַפּט איהם אויס דעם טאָלער פון דער רעכטער האַנד און לויפט אין שענק אַריין. דעם וואָרם פּערגיסען, דאָס האַרץ צו דערחאַפּען...

וועלען מיר איבּערלאָזען, פּערשטעהט זיך, דעם גאָלד־שמיד און נאָכגעהן דעם בּחור.

קלערט דער בּחור: משוגע? נאָר זיין דאגה און געהט מיט׳ן פינגעריל צו דער בּתולה, צו וועלכער ער האָט זיך גע׳שדכנ׳ט...

איז דאָך אָבּער נשים דעתן קלות, האָט די בּתולה, צו וועלכער ער שדכנט זיך, צוויי חתנים. איהם, אַ בּעל־בּתיש קינד מיט אַ פּאָר פאַים און אַ חלק הויז — איז איינער, און אַ הוזאר (אין

שטערטיל איז קאַוואַליעריע געשטאַנען), אַ הוזאַר מיט אַ קיווריע מיט שווערד, טראָלבען און שפּאָרען, אַ בריה נפלאה אויפ'ן פערד — דער צווייטער. אויסקלייבען איז שווער. בפרט: אַ הוזאַר, היינט איז ער דאָ, מאָרגען רייט ער אַוועק... ישוב'ט זי זיך אַלץ. דערווייל, דער בחור קומט אַרויף, נעהמט זי איהם צו בסבר פּנים יפות. דאָס פינגעריל אַוודאי, עס פערנעהמט די אויגען... הכּלל — מען רעדט, מען לאַכט, ווי דער שטייגער איז... די צייט שטעהט דאָך נישט, פאַלט צו דער אָוועגד, דערהערט זיך פון מאַרק, פון דער הוזאַר־וואַך, אַ טראָמפּייטיל, אַ פייקעל האַלט אונטער, מען הייבט אָן שפּיעלען זאָרעס... מיין בתולה דערמאָנט זיך אָן יענעם, ווערט אינרוהיג, זאָגט אַלץ אינ'ם איינעם: שפּעט, שפּעט! מען וועט זי, חס ושלום, בערעדען, און דערלאַנגט איהם, אָבצוקומען, דאָס מיילעכיל, און שטופּט איהם אַרויס פון טהיר. און עס איז שוין געווען די רעכטע צייט, קוים איז דער בחור אַראָב פון די טרעפּ, אַריבער דאָס געסיל און פערבויגען אין עק — טופּ, טופּ, טופּ: אַ רייטער פון דער צווייטער זייט! אָט איז ער שוין פאַר'ן פלויט; שפּרינגט שוין פון פערדיל אַראָב, בינדט עס צו צו'ן אַ שטאַכייט. אָט קלינגען שוין שווערד און שפּאָרען אויף די טרעפּלעך, דאָס טהיר'ל פּראַלט אויף...

איך וועל אייך נישט לאַנג ברייען: איבער נאַכט איז פון דער כּלה־מתּנה אַ חתן־מתּנה געוואָרען... קוים אויפ'ן שפּיץ פון יונגסטען פינגער ארויף...

דאָ ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט די מעשה; דעם „בריליאַנט" איז געווען עפּיס בעסערם בעשערט...

בעלות, קוים עס רייטעלט זיך דער מזרח... דאָס פערדיל קאָפּעט נאָך אַלץ און קאָפּעט מיט די פיס אין ליימיגען געסיל און קיינער הערט עס נישט, וועקט זיך פּלוצלונג אין דער וויטער שטילקייט אַ קול פון אַ טראָמפּייט... „טרעזאָגע" ווערט געבלאָזען! ביי־נאַכט איז פּלוצלונג אַ גרויסער

יעדנעראל געקומען, ווערען די הוזארען געוועקט, צום עק־זערציער פלאץ גערופען... א רעוויע וועט זיין—טרא־רא־טרא! מיין גבור מיט׳ן פינגעריל שפרינגט אויף, וויל לויפען, אבער נישט לייכט איז דעם פישעל זיך ארויסצורייסען פון דער נעץ... זי ווארפט איהם די ווייסע הענד איבער׳ן האלז. פלעכט ער זיי אויף, לויפט זי און בעהאלט איהם דעם קיווער, דאס שווערד... און נאכאמאל געזעגענען, און נאכאמאל... קוים מיט צרות פון די הענד ארוים. טראפ־טראפ־טראפ פון די טרעפ אראב, אויפ׳ן הונגעריגען, נור דערפרעהטען פערד ארויף, און פאף — פייל פון בויגען צום פלאץ, די ראטע שטעהט — אין ארט אריין... און — פאד קאזעראק! דער עסקאדראני קאמאנדיר שטעהט איהם אויג אן אויג, און זעהט, עפענט שוין דאס מויל אויף א „מי שברך״.

גיט איהם אבער דאס פינגעריל פלוצלונג א בליץ אין די אויגען. ווערט ער רויט, ווי א צונטער, און חאפט איהם דאס פינגעריל פון שפיץ פינגער אראב:

— גע׳גנב׳עט?

שטאמעלט ער: וואשע, אזוי און אזוי... חושד בכשרים... חס וחלילה...

מילא, דעם אמת אויסזאגען קאן ער דאך נישט. ער וועט דאך נישט אויסגעבען די בתולה פון א בעל־בתיש הויז! פלאצט ער ארוים:

— געקויפט!

— פאר וויפיעל? — פארשט שטרענג דער אפיציר.

שלעכט! טראכט דער הוזאר, עס מוז דאך עפּיס ווערטה זיין... און גיט א זאג פאר׳ן טייוועל:

— צוואנציג טאלער!...

א מטמון מיט געלד פאר א הוזאר! דער אפיציר עפענט שוין דאס מויל אויף א נייעם „מי שברך״... באותו הרגע שפרינגט אבער אן א וויים פערד, דערויף — אונטער איהם — אנדערע פערד — קלענערע גענעראלען.

ער אליין גיט א פרעג:

— געזונד?

אלע עסקאדראָנען ענטפערן: געזונד! א דונער א געפיל־דער! די ערד ציטערט...

און באלד — די רעוויע... און אז עס איז בעשערט, צייכענט זיך אויס דער עסקאדראָן פון אונזער גבור: געיאָגט ווי אויף פליגעל, געשפרונגען אויף די פערד, ווי די שדים, דורכגעלעכערט די ציעלען על צד היותר טוב... קריגען די הוזארען א „דאנק" און אויף משקה, אונזער אָפיציר ווערט אויפ'ן אָרט — פאָלקאָווניק... א שמחה, א גדולה, משתה ויום־טוב, טרינקט מען א הודש, צוויי... דער הוזאר האָט דער־ווייל אויסגעדיענט, און איז אהיים מיט גרויס שמחה: פטור בלא כלום, פאר נאריש פינגעריל, פאר'ן פערשפעטיגען. דער פאָלק מיט'ן קאָמאנדיר זענען באלד ארויס אין א גרעסערע שטאָדט, אין לאגער אריין... און דאָס פינגעריל וואָלט גאָר פערגעסען געוואָרען, ווען נישט דאָס, וואָס האָט זיך ווייטער געטראָפען:

אין פאָלק איז פלוצלונג געוואָרען א פגירה אויף פערד. מילא, א צער בעלי־חיים איז עס; פאלען ווי די פליגען. האָט דאָך אָבער יעדער מענש שונאים, בפרט איין אָפיציר, וואָס איז אזוי פלוצלונג עולה לגדולה געוואָרען. געפינט זיך איינער און שיקט צום מלכות א מסירה אויפ'ן פוראזש! באשר בכן דער האָבער איז גאָר קיין האָבער נישט...

איז עס פונקט פאר א מלחמה, איז די זאך שטרענג. שיקט תיכף ומיד דאָס מלכות אראָב גאָר א גרויסען גענעראל אויף א רעוויזיע. בעפאלט ער, לויפט גלייך צום מאגאזין, בעקוקט דעם האָבער, דרעהט מיט דער נאָז, פאָהרט אין קאנצעלאריע אריין, שיקט רופען דעם פאָלקאָווניק. קומט ער, נעהמט ער איהם אויף זיצענדיג, שטרענג, דער פאָלקאָווניק שטעהט פאָד־קאָזיראָק. עס ציטערן אונטער איהם די פיס... מישט זיך ווייטער אריין דער ברילואנט. דער גענעראל הייבט

אויף איין אויג — פון בריליאַנט שיסט אַ בליץ אין אויג אַריין, גיט ער אַ שפּרונג אויף און אַ בריל ווי ליבּ:

— לאַקלע-בחור!

אין אונזער מדינה הייסט עס: חאַבּאַרניק, וואָרום ווי קומט צו אַ פאַלקאָווניק פון נישט אַ רייך הויז אַזאַ גרויסער, טייערער בריליאַנט? רייסט ער איהם דאָס פינגעריל פון פינגער אַראָב, ער וועט עס צולעגען צו די אַקטען, און פרעגט:

— וויפיעל בעצאָהלט?

זעהט דער פאַלקאָווניק, אַז עס איז אַ דבר גדול, אויסזאָגען דעם אמת קאָן ער נישט, גיט ער אַ פלאַץ אַרויס:

— טייזענד טאַלער!

און אַז דער גענעראַל קוקט נאָך אַליץ, נישט גלויבענדיג, מיט איין אויג, גיט ער צו אַ וואָרט-צייכען:

— פאַר טויזענד איינס טרעט איך עס אָב...

לאָזט דער גענעראַל דעם קאָפּ אַראָב און שרייבּט:

ראשית שרייבּט ער אַ ראַפּאָרט צום מלכות... אַז דער האָבּער איז ריינע פּעריל. והשנית: אַ שטר חוב אויף טויזענד און איין טאַלער; לכשירויח וועט ער אָבגעבען... און פאָהרט צוריק...

צינד דאַרף געשעהן דאָס וואונדערליכסטע...

מען ווייסט נישט ווי אַזוי, נור דאָס פינגעריל איז געקומען אין חצר המלכות אַריין! איינמאָל, די מלכה זיצט פערטראַכט, פערליערט דאָס נאָטיכעל פון שוים, הייבּט עס אַ הויפדאַמע אויף, אַ יונגע, ערשט אָנגעקומענע און אַ יפה-פיה... און לעגט עס צוריק.

הייבּט די מלכה אַ ביסעל די ברעמען אויף, וויל דאַנקען מיט אַ האַלב מויל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלכה, עפענט די ליפּעליך, און בלייבּט מיט די אָפענע ליפּעליך זיצען. וואָס איז? דער בריליאַנט פון דער הויפדאַמע'ס אַ פינגעריל האָט עס איהר אָנגעטהון! ממש פער'כשופ'ט האָט ער זי.

נעהמט זי צו בעקוקען: זי האט נאך אזא ברילִיאנט אין א פינגעריל נישט געזעהן. נישט אין די שאצקאמערן, נישט אין כתרי-המלכות... פרעגט זי:

— פון וואנען קומט צו דיר א ברילִיאנט?

ווערט די הויפדאמע רויט און טויט און פערציטערט, און ענטפערט נישט א ווארט.

מוז דאך דא עפּיס זיין, און א ביסעל אייפערזיכטיג איז א מלכּה אויך ווארען ווער, אז נישט א מלך קאן קויפען אזא מתנה? הייבט זי זיך אויף און געהט אריין צום מלך אין קאבינעט און וויזט איהם דאס פינגעריל. זי וויל זעהן, וואס ער וועט זאגען... ווייסט ער לחלוטין פון גארנישט, און ווערט פון ברילִיאנט פער׳כּשופ׳ט. ער האט נאך אזא קלארען רייגעם ברילִיאנט, און אזא גרויסען, און אזוי אהן א שמץ פנימה נישט געזעהן. עפענט ער גרויסע אויגען און קאן זיך זאט נישט אנקוקען. דערצעהלט איהם די מלכּה אזוי און אזוי, די און די הויפדאמע האט עס געטראגען. זאגט דער מלך, אז פון וואנען דאס פינגעריל קומט, וויל ער נישט וויסען, מאלע וואס עס טהוט זיך אין הויף... נור דער ברילִיאנט פאסט נישט פאר קיינעם, נור פאר א מלך. דער הויפדאמע וועט ער זיין ווערטה בעצאהלען... און נעהמט צו דאס פינגעריל.

נעהמט מען באלד דאס פינגעריל, מען קריצט-אויס דעם מלך׳ס נאמען מיט׳ן הערב פון דער מדינה, ווערט דאס פינגעריל: א חותם-המלכות. דער מלך חתמ׳עט דערמיט אלע פאפירען, הן אין דיני ממונות, הן אין דיני נפשות, הן אין פאליטיקע. ווער עס קריגט דאס פינגעריל, א ווילע אויפ׳ן פינגער ארויף, קאן חרוב מאכען א וועלט, האט פראוו להשמיד ולהרוג. ווען און וועמען ער וויל אריינווארפען אין קייטען און אין תפיסות. לאזט עס טאקע דער מלך נישט פון פינגער אראב... און כדי צו בעלוינען די הויפדאמע, הייסט דער מלך רופען מבינים, זיי זאלען אבשאצען דעם ווערט פון ברילִיאנט... קומען זיי... ווערט זה בכה וזה בכה! איינער זאגט:

אדריטעל, איינער — אַ האַלבען, איינער גאָר — אַ גאַנצען מיליאָן... וואָס טהוט מען? דערמאָהנט זיך דער מלך אָן פריהערדיגען הויף-גאָלדשמיד און גיט אַ בעפעל:

— ברענגען...

ברענגען איז ברענגען!

נעלם געוואָרען; מאַכט מען אַ חקירה ודרישה. עס דויערט אַ צייט, מען ווערט געוואָהר. מען שיקט אַ דבר מלכות; ווי דער שטייגער. מילא, אַז די קליינע שרים פון קליינעם אָרט בעקומען אַ בעפעהל, צו צושטעלען דעם גאָלדשמיער צום מלך, וואָס קלערען זיי? ער האָט אוראי בע׳גנב׳עט אַמאָל די שאַצקאַמער, און צינד ערשט איז מען דערגאַנגען. וואַרפט מען אַריין דעם בחור אין קייטען און מען שיקט איהם צום מלכות, אַ צושלאָגענעם און אַ האַלב טויטען פאַר פחד... קומט ער קיים מיט צרות אָן.

מעלדט מען דעם מלך: ר׳אי׳דאָ, נור...

מען וויל איהם זאָגען, אַז מען נעהמט איהם אַראָב די קייטען, איז אָבער דער מלך בייז, שלעכטע ידיעות פון דער מלחמה בעקומען, גיט ער אַ געשריי:

— קיין שום „נור״!

ברענגט מען איהם שוין אַריין, ווי ער שטעהט און געהט.

בעמערקט עס אפילו נישט דער מלך, ער ווייזט איהם דעם בריליאַנט און פרעגט:

— וויפיעל ווערטה?

ענטפערט יענער: גאָר נישט!

— ווי הייסט?

און די שרים אַרום:

— ווי הייסט, חותם-המלכות... גאָר נישט?...

— און דער גרעסטער בריליאַנט אין דער וועלט! גאַפּען אַנדערע...

דער גאָלדשמיד ווערט גאָר נישט נתפעל:

— ס'איז נישט קיין בריליאַנט, — זאָגט ער.

— ס'טייטש, יענע שאַצן דאָך אויף הונדערט-טויזענדער...

— איך ווייס בעסער!

ווערט שוין דער מלך אונרוהיג און פרעגט, נישט מיט זיין קול:

— פאַרוואָס — בעסער?

— ווייל — ענטפערט ער — איך מיט מיינע הענד האָב'ס געמאַכט...

און ער וויל דערציילן ווען, ווי אַזוי — און האָט אָבער נישט דערציילט...

אַרויסגעשלעפּט און אין תפיסה אַריין, און מיט רעכט!

מען האָט מיט דעם בריליאַנט אַזוי פיעל פסקים גע'פּסק'עט, אַזוי פיעל גיטער גענומען און געגעבען, אַזוי פיעל הייזער, אַזוי פיעל שטערט... און אַזוי פיעל מענשען געהייכט אין געקרייענט און אַנדערע אין קייטען געשמיעדט, אין תפיסות געוואָרפען, אין וואַסער, אין פייער אַריין און געפערטילט... די פסקים זענען און מוזען בלייבען וואָהר און דער מלך מוז זיין און בלייבען אמת, און דער חותם זיינער אמת; טבעת המלך — טבעת המלך, מוז זיין דער בריליאַנט — בריליאַנט...

אַזוי האָט גע'פּסק'עט דער גרויסער מיניסטער.

— — — — — — — — — — — —

ד' מעשה, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז, ווי אַלע מעשה'לעך, אַ משל. און, ווי יעדער משל, נישט מיט אַלע פרטים דומה לנמשל; מען מוז דאָך עפּיס צוגעבען לגוי... להדור המעשה...

אָבער אַ מעשה איז עס!

און שטאַמען שטאַמט זי פון אַ מקום גדול — איש מפי איש פון רבי'ן ר' יונתן!

דער בילדהויער.

„עס זענען אַמאָל צווי בילדהויער געוועזען“ . . .

און מיר זעצען זיך איבער : רזשעזביאַרזשים, סקולפּטאָ־רען, שטיין־שניצער . . .

“און ביידע זענען גרויסע מייסטער, גרויסע קינסטלער געוועזען. ביידע האָבען שוין געהאַט אזא כשוף אין די פינגער ; פון אונטער דעם האַמער לעבט אויף דער מאַרמאָר, און ער הערט, זעהט און רעדט ! ”

„נאָר אין חאַראַקטער זענען זיי פערשיעדען געוועזען ; צוויי אייגענאַרטיגע נאַטורען .“

„איינער איז געווען אַ טיעפע, ערנסטע און אַ ווינדערליך טרוי־עריגע נאַטור... דאָס לעבען האָט ער נישט פיינר געהאַט, ער האָט זיך נישט איבערגעלעבט, און דאָך וויים ער, אַז אונטען אין יעדען בעכער ווין ליגט אַ טראָפּען גאַל ; אַז נאָך יעדער אויסגעלאַסענער פרייד געהט קאַצעניאַמער ... אַז דאָס לעבען איז קיין וואַלץ צום אָבטאַנצען, קיין ליעד צום אָבזינגען, נאָר אַ טיעפע, טיעפע רעטעניש, אַ זיסע טיעפע וויטאָג ...“

„דער צווייטער איז, פערקעהט, אַ נאַטור־קינד ! אַ לעבּ־קינד ! די רויטסטע עפּעל, די שענסטע בלומען, די ברענענ־דיגע זון, ברענענדיגע ווייבער־אויגען !“

— „ווין, ווייבער און געזאַנג“ איז זיין ערשט—„בראָ־קאַט, גאָלד און פלאַמען“ דאָס צווייטע וואָרט . . .

און בשעת דער ערשטער האָט אינ'ם שטיין אידעען פער'כשופ'ט; בשעת ווען ער האָט — געמייסטערט העלדען, וואָס שליידערן גאָט און דער וועלט, פעלקער און קעניגע דאָס שאַרפסטע וואָהרע וואָרט אין פנים אַריין; מאָנאַרכען, וואָס שליידערן פּלוצלונג, ווי פון אַ דבוק בעפאַלען, די שווערד פון דער זייט אַוועק, און וואַרפען זיך אויף די קניען פאַר'ן אָפענעם הימעל און זינגען און שפּיעלען גאָט'ס לויב, — הייליגע, וואָס מאַכען קראַנקע געזונד מיט'ן גלויבען; פּראָפעטען, וואָס שפּאַלטען שטיינער און קוואַלען וואַסער שפּריצען, וואָס פיהרען פעלקער איבער מדבריות אין ימים — צום פרייען לאַנד — —

מאָלט דער צווייטער, שפּיעלענדיג, געטער און מענשען מיט יצר-הרע-פלאַמען אין די אויגען, שוימענדיגע בעכער וויין אין הענד. און שענהייטען, וואָס שפּרינגען אַרויס נאַקעט פון שוים פון ים.

דער צווייטער בילד-הויער פערשטעהט די וועלט, און די וועלט איז איהם דאַנקבאַר; ער מאָלט דאָס לעבען הייסער, דאָס בלוט קאָכענדיגער, דעם נענוס שטאַרקער...

מען זעצט איהם, אוים דאַנקבאַרקייט, אַ בריליאַנטענע נאָדעל אין קראַוואַט אַריין, מען שפּרייט איהם לעבעדיגע בלומען אונטער די פיס, מען שטאָפּט איהם אָן דעם מאַגען מיט אַלעם גוטען און די טאַשען — מיט גאָלד, און אַז ער בעוויזט זיך, רייסט מען זיך אוים דעם האַלז שרייענדיג:

— לעבען זאָל דער קינסטלער!

דעם ערשטען פערשטעהען נאָר יחידי סגולה...

ביי זיין אַרבייט שטעלט זיך זעלטען עמיץ אָב...

נאָר פאַר דאָס, ווער עס טהוט עס, דער געהט שוי אַוועק שטיל-שווייגענדיג, טיעפער און ערנסטער ווי פריהער... איינער זיפצט, אַ צווייטען בעוויזט זיך אַ טרעהר אין אויג...

און פאַר דעם זיפץ, פאַר דער טרער, איז דער רײַכער בילדהויער דעם אָרימען מקנא...

ער וויל, ער מוז זיך נוקם זײַן!

איין קינסטלער, איין בילדהויער, איין וועלט־הערשער מוז ער בלײַבען!

און איינמאָל, האָט דער רײַכער בילדהויער פערזאַמעלט הונדערטער פון זײַנע שילער און איז דעם אָרימען בעפאַלען...

מען האָט צערשטערט זײַן אַטעליע, די שענסטע און בעסטע אַרבײַט צובראָכען, איהם אַליין האָט מען געבונדען און אין רײַכענס ווערקשטעל אַרײַנגעפיהרט!

— דאָ וועסט דו אַרבײַטען, אונטער מײַן אויג, לויט מײַנע פּלענער, לויט מײַן בעפעהל!

און עס איז אַזוי געשעהן!

און מיט דער צײַט איז פון גרויסען בילדהויער אַ נאָכמאַכער, אַ נאָכמאַכער געוואָרען, אונטער אַ פרעמדען נאָמען, פון אַ פרעמדער ווערקשטעל און לויט פרעמדע מוסטערן געהט אַרוים זײַן אַרבײַט אויף דער וועלט...

נאַקעטע שענהייטען, פלאַמענדיגע ווײַנטרויבען, שוימענדיגע בעכער... שכור'ע מענשען און געטער...

מאַנכע דערקענען נאָך זײַן האַנד אָן דעם פײַן־ביטערן שמייכעל, וואָס בעהאַלט זיך דאָך אין אַ ווינקעל פון די געטער־ און מענשען־ליפּען... פון לײַכטען חוזק, וואָס שוועבט דאָך, קוים צו דערקענען, אונטער דער מאַסקע פון אויסגעלאַסענעם לעבען... אָבער נאָר מאַנכע...

פון דער אַלטער אַרבײַט זענען עטליכע מאָנומענטען געבליבען; זיי אָבער האָט מען פערגעסען...

די וועלט מיינט:

— דער אַלטער מײַסטער איז — געשטאָרבען!

דער פיער פארבינער לאמטערן

און די פיער קליינע הינטעלעך.

אַמאָל איז אַ פּריץ געווען.

געהייסען האָט ער, ווי מען האָט איהם אַ נאָמען גע־געבען; זאָל זיין — נמרוד:

„ונמרוד גבור ציד לפני ה׳״, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט!...

דער פּריץ איז אַ גרויסער יעגער געווען. די תּבואה האָט ער נאָך אויפ׳ן פעלד פערקויפט, פאַר דאָס, דעם וואַלד נישט גערירט! דאָרטען האָבען וועלף, בערען, פוקסען און האָזען געלעבט, און געריבען די האָהריגע פעל אָן אַלטע, הונדער־טער־יעהריגע ביימער...

איינמאָל איז ער, ווי געוועהנליך, אויף דער יאַגד גע־גאַנגען.

מיטגעגאַנגען זענען: ירבעם, נבוכדנצר, המן און אַנדע־רע הונד. איין זרש איז פון די בעסטע הונד אין דער היים גע־בליבען.

זרש איז דעמאָלט אַ פרישע קימפעטאָרען געווען; אויף פיער בלינדע הינטלעך איז די „יולדת״ געזעסען.

און שטיל איז אין פּאַלאַץ געווען. אַז נמרוד געהט יאָ־גען, געהען די משרתים און די משרתות אין קרעטשמע אריין טאַנצען. און אויף זרש׳ס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ העל־רויטליכע פאַרב פון ליעבשאַפט צו די הינטישע גבורים לעתיד

לבוא, און אין איהרע אויגען האָבען שוין די שטראַהלען פון זייער קינפטיגען ליוב געבליצט... די ערשטע „האָפער" וועלען זיי זיין, און „אַפּאַרטיערען" וועלען זיי צו דער האנדערליך און געשיקט... צווישען די אויסגעשאַרפטע ציינער וועלען זיי, אָהן אַ שאַדען, צוטראָגען פוקסען און העזליך... און זייער בילען וועט איבערשרעקען לייבען; עלעפאַנטען וועלען אַנטלויפען... און עסען וועלען זיי מיט נמרוד'ען פון איין טעלער...

און די אויגען איהרע ווערען פאַר'ן זיסען נחת שמעלער און שמעלער, ביז די זיידענע ברעמען פאַלען צו. און זרש, — עס קומט איהר, דער קימפּעטאָרען! — שלאָפט איין.

פּלוצים ענדערט זיך דאָס בילד:

פאַר אַ זינד, וואָס זי איז געוויס נישט בעגאַנגען, פאַר אַ בלבול, וואָס נבוכדנצר, איהר אייביגער שונא, האָט אויף איהר געמאַכט, האָט מען זי אין וואַלד אַריין נישט מיטגענומען... צוגעבונדען האָט מען זי פאַר דער טהיר, ווי אַ געמיינעם שעפּער-הונד... פון וואַלד הערען זיך טראָמפּייטען... פון וואַלד לויפט אַרויס אַ האָז. ער שטעלט זיך אין עק וואַלד, מיט די פאָדערשטע פיס אויפ'ן פעלד. ער זעהט זי און אַנטלויפט נישט... ער קוקט אויף איהר מיט בזיון, ער פאַרסקיט, ער לאַכט! די וואָנסאַליך ציטערן פאַר לאַכען!...

דאָס וועט זי נישט דערליידען! אַ שטריק איבעררייסען איז ביי איהר אַזוי פיעל, ווי, להבדיל, ביי שמשון הגבור; זי ציהט זיך איין און בלאָזט זיך אָן, און גיט אַ שפּרונג —

דער שטריק פּלאַצט און זי לויפט...

דער שטריק האָט געפּלאַצט אין חלום; אויפגעחאַפּט, האָט זי אַ שויב אויסגעהאַקט און איז אַרויסגעשפּרונגען אין וואַלד אַריין!

די קליינע בלינדע הינטליך האָבען דערפּיהלט: ערשטענס, קעלט, צווייטענס — הונגער.

און ביידע קוואַלען זענען גרעסער געוואָרען, אַז די זון

איז אונטערגעגאַנגען, און די, מיט מאַיאַליק אויסגעלענטע, קיך־דילען האָבען זיך שטאַרק אָבגעקיהלט...

און פון וואַלד הערט זיך אַלץ אינאײנעם דער האָרן...

פאַר שרעק, פאַר הונגער און קעלט זענען אַלע פיער הינטלעך פון קייש אַרויסגעשפרונגען, צולאָפען זיך אומגע־לומפּערט אויף די אויסגעבויגענע פּיס, און בלינדערהייט זיך שוין נישט אויפגעזוכט... יעדערער האָט זיך און זיין ווינקעל איינגעהויקערט...

און פון אַלע פיער עקען האָבען אַלע פיער געפּישצעט פאַר שרעק, פאַר הונגער, פאַר קעלט.

ווער וועט אויף זיי רחמנות האָבען און שטילען לע־רען הויז?

נמרוד יאָגט אין וואַלד, די דינערשאַפט טאַנצט אין קרעטשמע, די מוטער האָט זיי פערלאָזט און פ ע ר ג ע ס ע ן...

דאָך איז די וועלט אַזוי איינגעריכטעט, אַז ווען זאָגאַר בלינדע קליינע הינטלעך פּישצען, פּישצען זיי נישט אומזיסט...

ווייט ווייט אין גרין־געמאָלטען עס־צימער, אויפ׳ן טיש, אויף אַ שניי ווייס טישטוך, צווישען קריסטאַלען עס־ און טרינק־געשיר, אין אַ גאָלדענעם רעהרען־לייכטער, שטעהען ליכט, גרויסע סטעאַרין־ליכט.

זיי הערען און האָבען רחמנות...

פאַר גרויס צער בעלי־חיים, האָט זיך איינס אַזוי דער־היצט, אַז עס האָט זיך פון זיך אַליין, אָהן אַ פונק פרעמד פייער, אָנגעצונדען און צופלאַקערט!

און דאָס צופלאַמטע ליכט זאָגט:

— ברידער, איהר וואַרט דאָ אויף נמרוד׳ן!... לייכט איהם ביי דער מאַלצייט, מאַכט איהם פרעהליך דאָס האַרץ... איך געה צו די אָרימע הינטלעך.

— וואָס רעדסט דו, אַזוי נידריג אַראָב ווילסט דו?

— מיין מזל איז שוין אזוי. און זיי זענען אזוי אָרים, אזוי אָרים; פון דער אייגענער מוטער פערלאָזט...
— מיט וואָס וועסט דו זיי דיענען? וועסט זיי אָנזייגען?
— איך האָב נישט איהרע בריסטען, — ענטפערט עס טרויעריג.
— וועסט זיי אָנוואַרימען?
— איך האָב נישט איהר האָהריגע פעל.
— וואָס דען?
— איך וועל זיי ליי כטען!...
— זיי זענען בלינד!
— ביי מיר וועלען זיי געשווינדער די אויגען עפענען!
— וואָס טויג זיי ליכט? וואַרימקייט דאַרפען זיי, מילך...
— זאָל יעדערער טהון, וואָס ער קען... איך האָב ליכט, וועל איך געבען... זיי וועלען די אויגען עפענען און זוכען די רעשט און געפינען אליין...
— געה! — לאָכען יענע, נישט אָנגעצונדענע, צוריק אָבגעקיהלטע ליכט... וועסט גאָר נישט מאַכען, גיין!
— פאַר וואָס?
— פאַר דעם... זיי וועלען, נישט דיין ליכט מיט די בלינדע אויגען, נאָר דיין חלב מיט די אָפענע גנז דער־שפּיערען, אויפפרעסען וועלען זיי דיך!
דאָס באַרמהערציג־דערפלאַמטע ליכט דערשרעקט זיך.
אָבער א וואָרט — א מאַן! דער גורל איז געפאַלען!
עס גאַרטעלט זיך אונטער, רייסט זיך אויס פון ענגען לייכטער, עטעמט פרייער אָב, רוקט זיך פון טיש אויפ'ן דיוואַן איבער די דילען, און רוקט זיך ווייטער און ווייטער, און הערט אַלץ שאַרפער און שאַרפער דאָס רחמנות־בעטענ־דיגע־קליין־הינטישע געוויין און געהט אַלץ שנעלער און שנעלער.
נאָר אויפ'ן וועג האָט עס א גלעזערן הייזיל דערזעהן... א לאַמטערן מיט פיער פערשיעדענפאַרביגע שויבען! דאָס האַרץ

האָט אין איהם אַ ציטער געטהון פאַר פרייד! דאָס וועט זיין זיין פאַנצער, זיין רעטונג, פאַר הונגעריגע מײלער! און פאַר די שוואַכע אויגען וועט בעסער זיין דאָס פאַרביג, איידעלע ליכט, נישט ווייס מיט אַמאָל—ווייס קען שאַדטען...

און ער געהט אַריין אין לאַמטערן און געהט ווייטער אין זיין שליחות אָבער שוין לאַנגזאַמער...

קיין זאַך קען נישט ביישטעהן דעם שטאַרקען ווילען. וויל, און די גאַנצע וועלט וואַרפט זיך צו דיינע פיס! ביי די הינטלעך האָבען זיך די אויגען געעפענט· זיי האָבען ליכט דערזעהן, נאָר יעדעס אין זיין ווינקעלע, דורך איין אַנדער גלאָז...

— בורא מאורי האש! האָבען אַלע געבענטשט מיט אַמאָל, אָבער באַלד האָט זיך דער אונטערשיעד בעוויזען:

— ליכט איז געל! רופט אַ הינטעל פון זיין ווינקעל אַרויס מיט פרייד.

— נאַר! — רופט אַ צווייטס פון צווייטען ווינקעל — ליכט איז גרין!

און אַ דריטס:

— איהר האָט נאָך ביידע די אויגען ריעכט נישט געעפענט! איך זעה! ליכט, זאָג איך אייך, איז בלאָה! בעשיינפערליך בלאָה!

און דאָס פירטע שרייט:

— אויב דו האָסט די אויגען אָפען און דו זאָגסט, אַז ליכט איז בלאָה, ביסט דו אַ ליגנער! ליכט איז — רויט!

ווערט אַ וכוח!

שפּאַרט מען זיך הינטיש-היציג: —

— איך שווער, אַז ליכט איז געל!

— ביי מיין לעבען — ליכט איז בלאָה!

— ביי דער מאַמען — ליכט איז רויט!

— ביי גאָט אין הימעל — ליכט איז גרין!
שרייט איינס:
— פעלשער אָדער בלינדע! קומט נענטער!
ווערט אַ געשריי:
— נענטער, נענטער!
און אלע פיער שפרינגען אין דער מיט אריין...
אָבער שוין נישט צום לאמטערן, נישט צום ליכט...
די אויגען זענען שוין פון האס פערגאָסען, די הינטישע הערצליך זידען פון גרימצאָרן...

איינס צום צווייטען שפרינגט צו. אלע גרייט זייער רעכט צו בעווייזען. יעדעס מיט'ן פיסקעל אין יענעמס פעל אריין! מיט די צייהן אין יענעמס פלייש די וואָהרהייט צו בע־שטעטיגען, צו בעפעסטיגען...

ליגנער מוזען פערטיליגט ווערען, ליגנער האָבען קיין רעכט אויף לעבען; דער פערפיהרער, און ווען עס איז מיין אייגענער ברודער, מוז שטאַרבען...

און עס פלאַמט אויף דער גערעכטער צאָרן...

און פון די צונויף־געשפרונגענע, נאַר־וואָס זעהעוודיג־געוואָרענע הינטליך ווערט אַ קנויל, וואָס וואַרפט זיך און צאַ־פּעלט צוזאַמען אין שטרייט פאַר דער וואָהרהייט...

יעדעס איז גרייט פאַר'ן אמת צו ט י י ט ע ן און — געטייט צו ווערען...

וואַרפט די פערצאַפּעלטע קנויל דעם לאַמטערן אום; פערלאָשען געוואָרען דאָס ליכט, און נאָך מעהר האָט זיך צו־פלאַקערט דער קריעג ווענען ליכט אין דער — פינסטער...

און אַז זרש איז, פערסאָפּעט און מיט שוויס בעגאָסען, צוריק אַרוים פון וואַלד, האָט זי אויף דער שוועל פון פּאַלאַץ דערזעהן איינעם פון איהרע שפּעטערע גבורים ליגען צובי־סען און צובלוטיגט...
זי לויפט צו.

— וואָס איז מיט דיר? גאָט! וואָס איז געשעהען, וואו זענען דיינע ברידער?

— איך האָב קיין ברידער נישט — ענטפערט דער האַלב-טויטער, — ליגנער זענען זיי, פאַלש געשוואָרען האָבען זיי! איינער שווערט, אַז ליכט איז געל, דער צווייטער, אַז ליכט איז גרין, דער דריטער — רויט, און איך האָב אַליין געזעהען, אַז ליכט איז בלאָה, איינפאַך בלאָה! זיי ליגען דאָרט, די ליגנער, די ליכט-לייקנער! אויך צובּיסען...

און געענדיגט האָט ר' שלמה:

— „ויהי אור"! האָט גאָט געזאָגט. פאַרבּיגע לאָמטערן האָבען נאַרישע מענשען געמאַכט.

דאַרף איך אייך זאָגען, אַז מיט דעם מעשה'לע האָט זיך געענדיגט אַ וכוח, ווי אַזוי מען דאַרף רעדען צום פאָלק, שרייבען פאַר'ן פאָלק?

די היסטאריע פון היילינגען פייער אין טעמפעל.

(לעגענדע.)

דער מענש פון דער אנטיקער וועלט האָט וועגען פייער אַזוי געטראַכט:

„פייער גיט וואַרימקייט, פערטרייבט די קעלט; קעלט איז טויט, וואַרימקייט איז לעבען — דער קוואַלן פון לעבען איז פייער".

„פייער פערטרייבט דאָס ווילדע טיער פון וואַלד, פייער איז גוט".

„פייער איז די מוטער פון ליכט. ליכט פעריאָגט די שאָטען פון דער נאַכט... פייער איז וואויל."

„און ריין איז פייער און רייניגט אַלץ — אַ ריינינקייט, אַ הייליגקייט איז פייער..."

„זון, לבנה און שטערען — אַלץ, וואָס לייכט, — וואוינט אין הימעל; פון דאָרט האָט געמוזט אַ גאָט דעם מענש דאָס פייער ברענגען; אויס באַרמהערציגקייט. ווי וואָלט אויסגעזעהן אַ מענש אָהן פייער?"

אַזוי האָט אונזער עלטער-עלטער-עלטער-זיידע וועגען פייער געטראַכט; און אין זיין טעמפּעל ריין און הייליג דאָס פייער געהאַלטען און געהיט. —

און צום היטען דאָס פייער איז געוועהלט געוואָרען די יונג-פרוי: דאָס ריינסטע, דאָס שענסטע, דאָס הייליגסטע און ריין-שטראַהלענדיגע...

האָט די אויסדערוועהלטע יונג-פרוי דאָס פייער אין טעמפּעל, ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט. איהר לעבען דעם העלסטען און היילינגסטען (אָדער דעם סימבאָל פון העלסטען און היילינגסטען) געאָפּפערט... איהר הארץ און איהר ריין-יונגפערליך-געפיהל דעם פייער איבערגעגעבען; מיט שמעקענ-דיגע קרייטעלצער גענעהרט, מיט'ן ריינסטען מענשען-אָטעם אונטערגעפאָכט, און ריין, און לעבענדיג געהאַלטען...

האָט זיך אָבער געטראָפען, און די פייער-היטערין האָט א רגע אָן היילינען פייער פערגעסען; האָט זיך פון אַלטאַר אָבגעווענדט, פון טעמפּעל אַרוים — און דאָס פערלאָזטע פייער איז אויסגעגאנגען —

דאַן — וועה איהר:

לעבעדיגערהייד האָט מען זי אין א גרוב אַריינגעוואָרפען און פערשיט...

. . . .

איז אַמאָל בעלעגערט געוואָרען א גריכישע שטאָדט.

אויף טויט און לעבען האָט אויפגעפלאַמט די שלאַכט צווישען בעלעגערער און בעלעגערטע.

און צו קיין זיעג איז נישט געקומען.

פעסטע מויערן רינגלען אַרום די שטאָדט; ריעזיגע טאַ-ראַנען שלאָגען אין די מויערן.

העלדען שטירמען די טויערן; נישט ווינציגערע בע-שיצען זיי.

דיזעלבע צאָהל בעפאַלט; דיזעלבע — פערטיידיגט.

די צאָהל פון די פיילען, וואָס פליהען פון די מויערן אַראָב, און די צאָהל פון פיילען, וואָס פליהען צו די בע-שיצער אַרויף — איז גלייך.

און — זעלטען איינע זאָל נישט טרעפען!

און די צאָהל פון די טויטע, וואָס פאַלען אונטען, פאַר די פיס פון די בעלעגערער, און די צאָהל פון די טויטע, וואָס

קאָלערן זיך פון די מויערן אראָב אין שטאָדט אַרײַן איז — דיזעלבע.

וואַרט אומזיסט די פײַער-היטערין, קניהענדיג בײַ'ם אלטאַר, אין הײליגען פײַער אַרײַן, מיט שרעקיגע אויגען פערקוקט פון דרויסען אויף אַ צײַכען פון זיעג.

איהר אויער פערנעהמט קײן אײנציגען פרייד-געשרײ, קײן פאַנפאַרען רוף: מען הערט נישט קײן טריט פון זיעגער צום טעמפעל...

ציטערט איהר רײן יונגפערליך האַרץ:

איהר פאָטער-שטאָדט איז נאָך אַלץ אין געפאַהר; און צוזאַמען מיט דער שטאָדט דער טעמפעל דער הײליגער, און דער אַלטאַר מיט'ן הײליגען פײַער...

און אַ שרעקליכער פערלאַנג בעפאַלט זי:

זי מוז פון טעמפעל אַרויס און זעהן; אײן סעקונדע זעהן די שלאַכט...

און זי קען דעם פערלאַנג נישט גובר זײַן און איז אַרויס פון טעמפעל.

און באַלד האָט זיך איהר צו די פיס, פון די מויערן, אַ טויטער קערפער אַראָבגעקאָלערט... אַ העלד האָט אין דער רײַהע פון די פערטײדיגער פערפעהלט, גרעסער איז געוואָרען די געפאַהר...

רײַסט זי פלוצלונג דעם פײַלענבויגען פון דער טויטער האַנד אַרויס. שנעל ווי דער בליץ שפּרינגט זי אַרויף אויף דער מויער; ציהט אָן מיט פערצווייפעלטער קראַפט די סטרונע, ציעלט, לאָזט אָב און טרעפט — אַ גרעסטען העלד צווישען די בעלעגערער...

און די וואָג פון מזל האָט אַ ציטער געטהון: איבער-וואויגען האָט די שאָל פון איהר פאָטער-שטאָדט!

אָבגעשטויסען און צוטריבען איז דער בעלעגערער; בעפרייט די שטאָדט, געראַטעט דער הײליגער טעמפעל — —

מיט פרייד-געשרײ און לויב-געזאַנג, מיט צעוויהטע פאַהּ-

בען, רוישענדיגע פלייטען-און פאנפארען-מוזיק, איילען די זיע-
נען, רוישענדיגע פלייטען-און פאנפארען-מוזיק, איילען די זיע-
נער צום טעמפעל, — זייער גאָט, דעם גאָט פון זייער שטאָדט צו דאַנקען און —

בלייבען פערשטיינערט...

פינסטער איז אין טעמפעל!

אין מאָמענט פון זיעג האָט זיך דאָס פייער פערלאָשען...

. . . .

פיהרט מען די פייער-היטערין, וואָס האָט דעם זיעג געגעבען, מיט געזאַנג און קלאַנג, מיט ליעדער פון לויב און דאַנק, אונטער הייליגע פאָהנען, פון טעמפעל אַרויס...

פיהרט מען זי אין גאָלד און זילבער בעקליידט, און איינגעהילט; איבער'ן וועג מיט בלומען געשטרייט, פון דער געראַטעטער שטאָדט אויפ'ן פרייען פעלד אַרויס צום גרוב...

שטעלט מען זי אָב ביים ראַנד פון גרוב און מען קריינט איהר דעם זיעגער-קאָפּ מיט אַ לאָרבער-קראַנץ...

לאָזען זיך די נאָהנטסטע צו טעמפעל און גאָט, און די עלטסטע פעטער פון שטאָדט פאַר איהר אויף די קניהען אַראָב, רינגלען זי, קניהענדיג, אַרום, און קושען, קניהענדיג, די זוימען פון איהר מאַנטעל און קלייד.

שטויסען די פאַנפאָרען דעם לעצטען פרייד-און דאַנק-געשריי אַרויס און פערשטומען...

שטויסט מען זי אין דער טיעפער גרויסער שטילקייט אין גרוב אַריין....

ווערט פערשיט דער גרוב...

. . . .

אַזוי האָבען צוויי טיעפע, שוואַרצע אויגען פון אַ בלאַס געזיכט אַרויס דערצעהלט; און איך האָב עס אייך איבער-דערצעהלט. —

דער קאָלאָניסט.

אמאָל איז געווען — האָט ר׳ שלמה, איין אַלטען יוד אין בית המדרש דערצעהלט — אַ קאַלאַניסט.

פרעמד איז ער געוועזען אין דאָרף; ער האָט מיט קיי־נעם און קיינער האָט מיט איהם נישט געהאַלטען.

ער האָט גאָר איין אַנדער לשון גערעדט, און קיינער האָט איהם נישט פערשטאַנען, און נישט געוואָלט פערשטעהן!

איינמאָל האָט ער, דער קאָלאָניסט, געפונען אַ בריליאַנט.

רעכט פערשטאַנען דערויף האָט ער זיך נישט; קיין האָהן איז ער אָבער אויך נישט געוועזען און וואָלט איהם אויף אַ קערנדיל ווייץ נישט פערטוישט.

עס שיינט און בליצט; „עס איז אַ קליינע זון", — טראַכט ער. עס מוז ווערט זיין אַנ׳אוצר.

נאָר מיט אַ טייערן שטיין צווישען פרעמדע לייט איז מען מיט׳ן לעבען נישט זיכער!

ווערט מען געוואָהר, וועט מען איהם די ערשטע נאַכט בעפאַלען, די פענסטער ארויסנעהמען און צונעהמען דעם אוצר מיט דער נשמה צוזאַמען!

מען מוז בעהאַלטען דעם שטיין!

דעם וויבּ אפילו וועט ער נישט זאָגען פון בריליאַנט אַ וואָרט. ער האָט זי ליעב, נאָר אַ יודענע — לאַנגע האָהר — קורצער שכל; זי וועט זיך נישט איינהאַלטען.

און ער נעהמט זיך צוריק צו וועגס צו דער קאָלאָניע און בעגראָבט דעם שטיין אין דער ערד, אין געמיזע-גערטיל פאַר'ן הויז.

פאַר א צייכען לעגט ער אויף דעם אָרט א קיזעל-שטיין; א שווערען קיזעל-שטיין, ער זאָל דאָס אָרט דערקענען, און אז עס וועלען קומען בעסערע צייטען, אָהן קנאה-שנאה צווישען שכנים און בפרט צו פרעמדע, וועט ער ויסען וואו צו זוכען און צו געפינען דעם אוצר. דעמאָלט זאָל ער שיינען און בליצען אין שענעם העלען טאָג!

איינמאָל האָט דאָס יונגע ווייבעל דעם שטיין בעמערקט. עס איז איהר א שאָד דאָס פיצעל ערד, וואָס דער קיזעל-שטיין פערנעהמט; אויף זיין אָרט קען אַרויסוואַקסען א ציבעלקעל'ע, איין אונערקא... א שאד!

אליין אָוועקנעהמען דעם שווערען שטיין קען זי נישט; רופט זי דעם מאַן צו הילף.

ער דערשרעקט זיך:

—גאָט בעהיט, — רופט ער אויס — ריהר נישט דעם שטיין!

— פאַר וואָס?

— עס איז א מזל'דיגער שטיין! ער ברענגט אונז מזל וברכה!

— עס איז דאָך איינפאַכער קיזעל-שטיין?!

— זעהסט דאָך! אזא סגולה האָט ער שוין!

זי גאַפט! זי איז נישט זיכער, צי דער מאַן מיינט עס ערנסט, צי מאַכט ער שפּאַס.

זי קוקט איהם אין די אויגען אריין און זעהט זיי ערנסט, במעט הארט, אָהן א לאַכעדיגען פונק.

נו, דעם מאַן האָט זי ליעב, און האַלט איהם פאַר קלוג און עהרליך. און גלאַט — א יודענע! א יודענע איז שטענדיג צופריעדען, אז זי קען אין עפּיס גלויבען, — אין א סגולה, אין א ווינק פון אויבען... און לאַנג צייט צו קלערען האָט זי נישט;

דאָס גערטיל מוז פּערזײַעס װערען! פאָלגט זי און טהוט איהרס.

אין צװײטען טאָג בעמערקט דער מאַן צ װ ײ שטײנער אין גאָרטען.

— װאָס איז דאָס? װער איז דער צ װ ײ ט ע ר שטײן? פרעגט ער.

און דאָס װײַבעל שמײכעלט.

דאָס יונגע װײַבעל איז גראָד בײַנאַכט שלעכט געשלאָפען. עפּיס האָט די לבנה אַזױ װאונדערליך אַרײַנגעשײַנט דורכ'ן לאָדען...

עפּיס איז איהר אַזױ ענג, אַזױ באַנג געװאָרען אױפ'ן האַרץ... זי האָט אַזױ מורא געהאַט...

דעם מאַן װעקען האָט זי נישט געװאָלט, האָט זי זיך מישב געװעזען, שטיל זיך אַראָבגעכאַפּט פון בעט, אַרױסגעשלײכט זיך פון שטוב און — צוגעלעגט נאָך אַ שטײן...

עס האָט זי בערוהיגט!

— אין צװײען — שמײכעלט זי — איז שטאַרקער.

און װאָס זאָל ער טהון, דער קאָלאָניסט? נעה, בײזער דיך אױף אַ יודענע, װען זי שמײכעלט אַזױ קינדיש־זיס און לעגט דיר אַרױף די װײסע שמאָלע הענד אױף די אַקסעל און דערלאַנגט דעם אַלאַבאַסטער־שטערן צום מױל — —

דעם װײסען שטערן קושט ער מיט פערגניגען, און די בלאָהע אױגען זוכט ער אין ענטפער אױף דעם, װאָס זי איז בײַנאַכט אַזױ אונרוהיג... און שװײַגט!

דעם קיש אױפ'ן שטערן האַלט דאָס יונגע װײַבעל פאַר אַ לױן פאַר איהר גוטסקײט און פרומקײט! און װען עס װילט זיך איהר אַ קוש אין שטערן — לעגט זי צו נאָך אַ שטײן...

טהוט ער עס נישט, בעװײזען זיך איהר טרערען אין די אױגען.

דאָס פאָר-פאָלק האָט קינדער געהאַט — אַ יונגעל מיט אַ מיידעל.

דאָס מיידעל וואונדערט זיך נישט, פרעגט נישט און טהוט נאָר דער מוטער.

די מוטער לעגט גרויסע, די קליינע טאָכטער קליינע שטיינדליך; נאָר די שטיינדליך וואַקסען מיט איהר צוזאַמען;

דער קלוגער זוהן פרעגט שוין: וואָס בעטייט עס?

— שטיינער — ענטפערט די מוטער שטאָלץ, אַז זי הייסט אַזוי פיעל — זענען מזל'דיג!

— פאַר וואָס? — וואונדערט זיך דער קליינער — און וואָס הייסט מזל'דיג? צי האָט מען אַמאָל מעהר ווי מען פערדיענט, ווי מען אַרבייט אוים?

דאָס פערשטעהט שוין די מוטער נישט.

— פרעג דעם טאַטען — זאָגט זי.

— ווערסט עלטער ווערען — ענטפערט דער טאַטע — ווערסט דו דאָס אויך פערשטעהן!

און, אַז דאָס יונגעל איז אויפגעוואַקסען, האָט איהם דער פאָטער דערצעהלט דעם סוד פון ברילאַנט.

און אַזוי איז געשעהן אין אַ גאַנץ לאַנגע שורה פון דורות.

איינער האָט איבערגעגעבען דעם צווייטען דעם סוד.

אין יעדען דור האָט איינער געוואוסט פון ברילאַנט און די רעשט האָבען געגלויבט, אַז קיזעל-שטיינער זענען מזל'דיג; אַז וואָס מעהר, איז בעסער, און האָבען שטיינער געלעגט.

שכנים קוקען און גאַפען!

טייל לאַבען אין די פויסטען אַריין; אַנדערע, פערקעהרט, האָבען דרך-ארץ פאַר אַלטע מנהגים וואָס זיי האָבען שוין, קומענדיג אויף דער וועלט אַרויס, געטראָפען אַלס אַלטע מנהגים!

נישט איינער האָט געקלערט, עס כוז זיין נאָך פון

דער צײַט, ווען מלאכים זענען אויף לײטער געקראָכען און מענשען האָבען געזעהן.

טײל שכנים האָבען געוואָלט בעווײזען דער משפחה זײער ליעבשאַפט, און האָבען, פאַר חבר'קײט, אויפגעהויבען שטײנער פון וועג און אין גאָרטען אַרײנגעוואָרפען.

און אין דער משפחה אַלײן איז דאָס שטײנער-וואָרפען שוין אַ קולט, אַ הײליגער מנהג געוואָרען, אַ מין „עבודת-הבורא".

יונגע לײט פּראָטעסטירען; אַלטע בײזערן זיך און דראָהען מיט בײנערדיגע פויסטען!

יונגע לײט האַלטען רעדען געגען די שטײנער, און די אַלטע זאָגען:

— ווי אונזערע עלטערן האָבען זיך געפיהרט, ווע‍לען מיר זיך אויך פיהרען...

— אונזערע עלטער-זײדעס זענען קליגער געוועזען פאַר אונז און האָבען שטײנער געוואָרפען — מוז אַזוי זײַן!

— נישט אונזער וועלט, מיר זאָלען זי פערבעסערען, איבערמאַכען. אַ גוט פערד געהט אין קאָליע און ברעכט נישט די פיס!

און נאָך אַזוינע ווערטליך און קלוגע שפּריכען, אויף וועלכע עס שטעהט די וועלט; דאָס הײסט, אונזער מענשליכע וועלט!

און וויל אַ יונגער מאַן עפּיס טהון דאַנעגען, ווילען די אַלטע „צוברעכען די אײער, וואָס ווילען קליגער זײַן פאַר די היהנער!"

און יאָהר-יעהרליך שײדען זיך יונגע לײט מיט טרעה-רען אין די אויגען פון אַלטען הויז, פון דער אַלטער משפּחה

און געהן זוכען ארבייט אין דער פרעמד: עסען ברויט פון פרעמדע אויוענס, נעכטיגען אונטער פרעמדע דעכער; בע-טען זיך קוים איין.

ווייל אין דער היים איז שוין נישט אויסצוהאלטען!

דער בארג שטיינער וואקסט פון טאג צו טאג.

ער שיט זיך אב, און קומט מיט יעדען טאג נעהנטער צום הויז.

מיט דער צייט האבען די הייליגע שטיינער טהיר און פענסטער פערוואָרפען.

— עס שאדט נישט! האט מען געזאגט.

און מען שטעלט אויף א לייטער און מען קריכט דורכ'ן קוימען.

עס האט לופט פערפעהלט; קיין אונגליק נישט! אז מען עסט וועניג און לעבט וועניג, דארף מען וועניג לופט!

און לעבען איז נישט דא פון וואנען.

נישט דא וואו צו זייען, וואו צו אקערן — סאמע שטיי-נער, סאמע שטיינער!

— לאזט האטש — בעטען זיך די יונגע — צוזאמענ-שארען די שטיינער; זאלען זיי וואקסען אין הימעל אריין, נאר וועניגער ארט פערנעהמען אויף דער ערד! זאל זיין וואו צו ארבייטען, וואו צו אקערן און זייען.

— אפקורסים! שרייען די אלטע. איבער אונזערע פגרים וועט איהר צוקומען צו די שטיינער...

ר' שלמה פערטראכט זיך א ווילע, נעמט ארויס א שמעק-טאבאק.

מיר, וואס האבען שוין לאנג די ביינעל פערגעסען און האבען כיי דער מעשה דעם אטהעם פערהאלטען, עטעמען אב, און עמיץ פרעגט:

— און פארוואס שווייגט דער, וואס הייסט פון ברי-

ליאַנט און מאַכט קײן שלום נישט צװישן די אַלטע און די יונגע?

— כאַ — ענטפערט ר׳ שלמה מיט אַ זיפץ — דאָס אומגליק איז מאַקי, װאָס מיט דער צײט האָט מען גאָר אינגאַנצען אָן בריליאַנט פערגעסען!

צי איז עמיץ פלוצלונג געשטאָרבען און קײן צײט נישט געהאַט אַ צװאה צו לאָזען!...

צי האָט אײנער זײן אײגענעם טאַטען נישט געגלויבט און זײן אײגען קינד נישט געװאָלט גענאַרען!...

נענוג — דעם בריליאַנט האָט מען פערגעסען און אַלט און יונג שלאָגען זיך איבער שטײנער!

ר׳ שלמה האָט געענדיגט.

און מיר פרעגען זיך: װער איז דער בריליאַנט?

און מיר װילען טרעפען:

— דאָס פּינטעלע יוד?...

— „אנכי”?...

— „ואהבת לרעך כמוך”?

נאָר ר׳ שלמה ענטפערט נישט, אַ געהײמער שמײכעל בלאָנדזשעט איהם אויפ׳ן פנים.

— שקצים — רופט ער — אַהײם, עס גראָהט שױן דער טאָג!

דריטע אָבטיילונג:

(פערשיערענס.)

קינדער.

(א סכות-ערצעהלונג.)

מיין טאטע איז געווען: ווינטער א שניידער, זומער — א כאדאָווניק. געפעלט אייך נישט דער יחוס, לעגט אוועק די מעשה.

ס'איז אָבער אַ שאָד: אַ שענע מעשה.

איך בין נאָך דעמאָלט א חדר־יונגעל געווען, און פלעג זומער, נאָכ'ן אָפּדאַווענען מנחה ומעריב, ארויסגעהן צו טאַטע־מאַמע, אין סאָד אריין, וואָס זיי האָבען געהאלטען בשותּפות מיט אַ וואַטענמאַכער, און צוזאַמען מיט איהם דאָרט איבער'ן זומער געוואוינט.

מיין טאַטע, אַ פּראָסטער יוד, האָט געוואָלט, אַז פון זיין ראובן־בנימין, זיין בן־יחיד, זאָל ארויס, נישט קיין שניי־דער און נישט קיין סאַדאָווניק, נאָר אַ בן־תּורה, אַ רב, חאָטש אַ דיין! און ווען אַ גוטער מלמד, איז אויך אַ כּבוד!

אַ קעפּיל האָב איך אפילו געהאַט נישט קיין שלעכטס, נאָר קיין מתמיד בין איך נישט געווען: מעהר חשק געהאַט צו שפּיעלען און צו היימיש־יודישע קונסט: הבדלות מאַכען, דרעדלעך גיעסען, אויסשניידען פאַפּירענע פייגעלעך און נאָך אזעלכע זאַכען. און דעם סאָד האָב איך ליעבער געהאַט פאַר'ן חדר... האָט אַמאָל שטאַרק גערעגענט, און עס איז מיר אויסגעקומען צו בלייבען אין שטאָדט און צו נעכטיגען ביי'ם רבי'ן אין שטוב, אויף אַ געטאַכטע געלעגער, צווישען טהיר און פעסעל־וואַסער, — האָב איך געמיינט, איך וועל

דערשטיקט ווערען. און האָב נאָך אַ גאַנצע נאַכט בייזע חלומות געהאַט: אַט איז מען דעם סאַד בעפאַלען. מען שאָקעלט די באַרלעך, דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט. אויף דער צווייטער זייט, אין ביידעל ביי׳ם וואַטענמאַכער, שלאָפט מען אויך. איך איינער שטעה אין העמד אין מיטען סאַד און שריי:

— טאַטע! מאַמע! ר׳ זעליג זלמן! טריינע! — אַזוי האָט ר׳ זעליג-זלמנ׳ס ווייב געהייסען — גאָלדעלע!

— שיינעץ איינער, — וועקט מיך איין מאָל דער רבי איבער, און נישט זעהר לייטזעליג, — וואָס פאַר אַ גאָלדעלע?—

געה זאָג אַ רבי׳ן, אַז גאָלדעלע איז אַ מיידעל, ר׳ זעליג זלמן וואַטעמאַכערס און זיין ווייב טריינים איינציג טעכטעריל, — אַ מיידעל עטוואָס יונגער פון מיר, מיט וועלכער איך שפיעל מיך אפילו אין זאַמד, צוליעב וועלכער איך מאַך אַמאָל אַ פייפעריל און שפיעל צווישען טאָג און נאַכט צווישען די ביימלעך אין סאַד...

דרעה איך מיך, שווייגענדיג, איבער אויף דער צווייטער זייט, שלאָף איין און חלום ווייטער...

. . . .

איינמאָל, אָנהייב זומער, האָט דער רבי מודיע געווען, אַז ער האָט שטאַרק קאָפּ-וועהטאָג און צולאָזט דאָס חדר מיט אַ האַלבע שעה פריהער. איך האָב שיער נישט אויסגעשריען פאַר פרייד! חברים ווילען מיך פערהאַלטען, שפיעלען אין „ציעג-און-וואָלף“, האַנדלען קנעפּליך מיט שטאָלפעדערן. איך הער נישט. איך ענטלויף פייל פון בויגען. מעשה-סאַדאָווניק, וואַרף איך באַלד אונטער דער שטאָדט די שטיוועל אַראָב, פערבינד זיי און וואַרף איבער די אַקסעל. דורכלויפען דריי ווערסט איז נישט קיין סך, שוויץ איך אין לויף. כ׳קום אין סאַד אַריין, וואַרף די שטיוועל אַוועק ביי דער פורטקע, לויף דורך די ביימען אין מיט סאַד אַריין, געוואָלט מיט אַ מאָל אַרומנעמען ווערען מיט סאַד. —

אין סאַד איז שטיל. אַלע דרימלען אודאי אין די

ביידליך. אין סאַד איז נאָך קיין אַרבייט נישט דאָ, און אויס-שלאָפן מוז מען זיך אויף שפּעטער. עס גייען גאַנצע חדשים צום וואַכן: אַרום דערפער מיט שקצים — גרויסע בעלנים אויף אויבס...

איך שטעל מיך אָב, קוק מיך אום...

בעכערק איך, עפּיס ריהרט זיך אונטער אַ צו-בליהט באַרען-ביימעל. איך קום עטוואָס נעהנטער — גאָלדעלע. עפּיס גראָבט זי אין דער ערד, שטעקט אַריין ריטלעך, און איז אַזוי פֿערנומען, אַז זי הערט נישט מיינע באָרוויסע טריט... שלייך איך מיך שטיל נאָך נעהנטער און פֿון אַ זייט צום ביי-מעל צו, נעהם אָן דעם יונגען דינע שטאַם און טרייסעל. דער באַרען-בוים רעגענט מיט שנייעליך איבער גאָלדעלע׳ס קעפּעלע...

גאָלדעלע האָט זי געהייסען און — גאָלדענע האָהר גע-האַט, און עפּיס אַזוינע שטיל-לאַכעדיגע אייגעלעך און טאָ-פּעלטע חן-גריבלעך אין די בעקלעך. הערט זי אויף צו גראָ-בען אין דער ערד, לאָזט אויף זיך רעגנען די ווייסע בליט-העלן איבערן קאָפּ, אין שוים אַריין, און ערשט אין אַ גוטער מינוט אַרום, הייבט זי די אויגען אויף און זאָגט, אַ ביסעל נערוויטעלט.

— אַ שאָד, ראובן-בנימין, מאַכסט אַ היזק!

איך לאָז אָב דאָס ביימעל און פֿרעג, וואָס זי טהוט.

גאָלדעלע פֿערצעהלט:

זי מאַכט זיך אַ בעזונדער גערטיל. און ווייזט מיר די אַריינגעשטעקטע ריטלעך.

— וואָס וועט וואַקסען אין דיין גערטיל, גאָלדעלע?

וואַקסען, וויל זי, זאָלען ערשטענס בלומען. רויטע רויזען, ליליען ווייסע און נאָך, און נאָך...

— און פּירות נישט?

פּירות אויך! נאָר נישט אַזוינע פּירות... פֿערגאַמע-

מען מעגען זיין... אָבער דער עיקר: ציטרינען, אתרו־גים... ל־ו־ל־בים...
ציהט זי מיט'ן דינעם קול'כעל און פערחלום'טע אייגלעך.
און כּדי די שקצים פון די דערפער זאָלען נישט בע־פאַלען איהר גערטיל און אָבשאָקלען די פּירות, מאַכט זי אַרום גערטיל אַ פעסטונג — אין אונזער שטאָדט איז אַ פעס־טונג געווען. איך זעץ זיך צו. מיר געפעלט די המצאה, און מיר אַרבייטען צוזאַמען.
עס פאַלט צו דער אָווענד.
ווערט אַ געריפעריי פון איין זייט:
— גאָלדעלע! וואו ביזטו, גאָלדעלע?
און פון דער צווייטער זייט:
— ראובן בנימין! ראובן בנימין! און אונרוהיג פער־יאוגדערט: נאָך פון חדר נישט געקומען?
דער מאַמעס קול!
אין ביידע זייטען פאַר די ביידלעך ברענט שוין אַ פייער, ביי'ם פייער שטעהען טעפּ, וויעצערע קאָכט מען. מען רופט גאָלדעלען, מען רופט מיך, מיר הערען אזוי ווי אין אַ חלום, אין דער אַרבייט פערטהון, און ענטפערען נישט.
דריי וואַלען וועט מען מאַכען אַרום, אַזוי ווי אונזער פעסטונג איז אין שטאָדט. צווישען די וואַלען וועט מען אָנ־גיסען וואַסער.
— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע?
— וואָס?
— זעלנער וועלען שטעהן אויף די וואַלען!
זי פרעגט:
— זעלנער, פון וואָס?
איך קלער נישט לאַנג און ענטפער:
— פון דינע שטעקעלעך. איך וועל אויסשניצען; חייסט דאָך, אַ מעסעריל האָב איך!
זי ווייסט.

און איך דערמאָהן מיך, אז איך האָב מיין אייגענם עטלי-כע פאַרצעליייענע שערבלעך.

— „וועט דאָס זיין אָפּיצערען!"

זי הייבט ראָס קעפּיל אויף, פער'חדוש'ט:

— פון וואַנען האָסטו פאַרצעליייענע שערבלעך?!

— כ'האָב שוין — ריהם איך מיך. — געקויפט פאַר קנעפּלעך! אויסגעטוישט! זעהסט? און איך וויוז איהר, ווי-פיעל קנעפּלעך עס פעהלען ביי מיר.

— און איך האָב, זאָגט זי, געפונען אין שטאָדט א לענגעליג גלעזעל — כ'בין געוועזן קויפען זאַלץ — א לענגעליג רויט גלעזעל. עס לייכט דורך אזוי שען!

— וועט זיין, זאָג איך, א גענעראַל!

— א גענעראַל! איז גאָלדעלע מסכים.

און מען אַרבייט ווייטער.

— גולן, שרייט טריינע צום מאַן, — לויף דורך דעם סאַד. אפשר אונטער א בוימעל איינגעשלאָפען.

און מיין מאַמע פון דער צווייטער זייט סאַד לאָזט זיך הערען, איין אָנגעשראָקענע:

— רוצח, בעריל! (מיין טאַטענ'ס נאָמען) לויף אין שטאָדט אריין! וועה מיר, געמוזט עפּעס געשעהן... אפשר די ווערמלעך זיך אָנגערופען!

מען מוז איבערהאַקען! מיר קריכען ארויס פון אונטער באַרען-ביימעל און צעלויפען זיך, יעדעס צו זיין ביידעל.

— — — — — — — — — — — — — —

די זאַך האָט אויסגעזעהען ביי טאַטע-מאַמע נישט גלאַ-טיג... אזוי שפּעט, אינגאַנצען איינגעשמירט אין ערד, אין גראָז. נאָר — אבי ר'איז דאָ! און די קאַרטאָפעל זענען פאַר-טיג... נאָכ'ן עסען ווערט מען שלעפעריג.

בשלום אריבער. און ביי דער פעסטונג אַרבייט מען יע-דען אווענד! טיילמאָל שלייכט מען זיך אוועק נאָך דער וויע-ששערע נאָך אמאָל, און מען אַרבייט ווייטער.

די שותפים — ביידע פאַר-פעלקער — שפּאַצירען אַרום

איבער'ן סאָד, בעקוקען דאָס נערעטעניש, בעשטימען, וועלכע ביימלעך מען וועט דארפען אונטערשפּארען; מען רעכענט אויס, וויפיעל עס וועט זיין אויבס, און אויב עס וועט זיין א מקח — וויפיעל עס וועט בלייבען. מען פערגעסט אָן אונז א ביסעל... און עס ארבייט זיך געשמאַק. די פעסטונג וואקסט פון טאָג צו טאָג. פאַר מיר, וועניגסטענס, איז די פעסטונג דער עקר! גאָלדעלע וויל דאָס גערטיל אויך נישט פערלאָזען. וואו זי געפינט א שען פריש ריטעל, זעצט זי אריין; מיט יעדען טאָג נעהמט זי דאָך די פעסטונג אלץ מעהר און מעהר. מאָרגען, אז גאָלדעלע וועט ארויסגעהן מיט דער בלעכערנער קאַן בעגיסען די מעהרען מיט די רעטעכלעך, וועט זי אָנגיסען וואַסער. אז איך וועל קימען פון חדר, וועלען שוין צווישען די דריי וואַלען פליסען צוויי טייכער!

— אָבער וואָס וועלען די זעלנער עסען? — פאַלט מיר פלוצלינג איין צו פרעגען.

— ברויט! — ענטפערט גאָלדעלע. — פאַרהאַן אין יענער זייט גאָרטען ליים, וועל איך ברענגען קנעטען בולקעס. א מולטעריל וועל איך מיר מאַכען פון א גרויסען רעטאַך. נאָר — פערזאָרגט זי זיך, — וואו וועט מען באַקען דאָס ברויט?

— מוז מען — זאָג איך — מאַכען א בעקעריי, א זעלנערישע בעקעריי, אין א פעסטונג מוז עס זיין!

גאָלדעלע שפּרינגט אויף, פּאַטש מיט די הענדטלעך פאַר פרייד.

— שטילער, שטילער! מען וועט דערהערען!... און איך נעהם מיך באַלד צו דער מלאכה. גאָלדעלע העלפט. באַלד ווערט אויסגעגראָבען אין דער דיק פון אינוועניגסטען וואַל א באַק-אויוועז. מען דאַרף נאָך ארויף- און ארויסציהען א קוימען. ערגעץ אין סאָד ליעגט א שטיק בלעך, גאָלדעלע ווייסט וואו.

זי שפּרינגט אויף, פליהט אויף די באָרוועסע קליינע פיסלעך. איך קוק איהר נאָך און ציטער, זי זאָל זיך נישט

אײַנשנײַדען אַ פיסעל אין אַ שאַרף גלעזעל... נאָר אָט איז זי צוריקגעקומען בשלום...

זי לאַכט:

— זײַ שטעהען בײַ די בײַטען און צעהלען די ריעבען! גאָלדעלע דערלאַנגט די בלעך. איך נעהם און וויל זי אויסבײַיגען קײַלעכדיג, און שנײַד מיר אײַן אין אַ פינגער.

גאָלדעלע דערשרעקט זיך, שפּרינגט אויף מיט אַ געשרײַ. איך שפּרינג אויך אויף, כאַפּ איהר אַרום דאָס קעפּיל, פערשטאָפּ איהר דאָס מײַלכעל מיט דער געזונטער האַנד:

— מען וועט דערהערען!

און מען האָט דערהערט.

— וואָס שרײַסט דו, גאָל—דעלע, גאָל-דע—לע! איהר מאַמע'ס קול.

— גאָר נישט, גאָר נישט! — ענטפער איך פאַר איהר.

זי איז געלאָפען אין בײַדעל אַרײַן נאָך שפּינוועבס, אַ שטיקעל לײַוואַנד און אַ פאָדעם אַרומצובינדען.

— דו? ראובן-בנימין? — הער איך מײַן מאַמעס קול.

— וואָס טהוסט דו דאָרט ערגעץ אין סאָד, שײַנעץ אײַנער! — כאַפּט אונטער דער טאַטע.

— גאָר נישט! ענטפער איך, גאָר נישט! ה'געה שוין שלאָפען... און לאָז מיך צו אונזער בײַדעל צו, און וואַרף מיך מיט'ן בלוטיג-טריפענדיגען פינגער אויף מײַן געלעגער.

— איך שלאָף שוין, טאַטע! שרײַ איך אַרויס אין סאָד אַרײַן.

— גוט! גוט! ענטפערט די מאַמע, נאָר עפּעס אַזוי ווי לאַכענדיג. אפשר האָט זיך מיר נאָר געדאַכט. דערווײַל שלײַכט זיך צו מיר אַרײַן גאָלדעלע, פערבינדט מיר בײַ'ם בלאַסער לבנה-שײַן דעם פינגער —

צומאָרגענס פיהרען מיך טאַטע-מאַמע אָב אין חדר אַרײַן. דער טאַטע געהט פאָראויס, די מאַמע — פון הינטען,

איך — אין דער מיט. די פנים'ער פון טאַטע-מאַמע זעה איך נישט, נאָר איך פערשטעה, אַז זיי זענען „אָנגערוקטע". איך האָב געמוזט עפּיס זינדיגען, מען וועט מיך פאַר'ן רבי'ן פער-מסר'ן...

שטאַרק מורא האָב איך נישט. איך בין דאָך פאָרט אַ בן יחיד. די מאַמע זאָגט: „איינער פון אַלט געבליע-בען". —

און די גערדאַנקען פערפיהרען מיך באַלד אין אַ זייט: „ווי גוט! איך — אַ בן יחיד, גאָלדעלע — אַ בת יחידה". פאַר וואָס עס איז גוט, גיב איך מיר קיין חשבון נישט אָב, נאָר אַרוים פון דעם געפיהל קאָן איך עפּיס נישט. „עס איז פאָרט גוט!"

ענדליך אָנגעקומען.

— רבי, — הייבט אָן דער טאַטע נאָכ'ן „גוט מאָר-גען — גוט יאָהר". מהיום והלאה קומט דער יונג נישט מעהר אין סאַד אַריין.

און פערטייטשענדיג:

— אַ יונגאַטש, שפּיעלט זיך אין זאַמד!

— און מיט מיידליך! — גיט צו די מאַמע.

— איי-איי-איי! — שאָקעלט דער רבי מיינער מיט'ן קאָפּ, ווי איין אומרוה אין דער ברייט.

און די רבי'צין, וואָס קען נישט אַוועק פון קוימען און שוימט עפּיס אין טאָפּ, זיפצט אָב:

— היינטיגע קינדער! היינטיגע קינדער!

נאָר פון איהר מאַכט זיך קיינער נישט.

— ער וועט שלאָפען ביי'ן אייך! איז גוזר דער טאַטע.

מיך פרעגט מען קיין עצה נישט. מען רעדט ווייטער. דער טאַטע, די מאַמע, דער מלמד, נאָר איך הער שוין נישט:

שוימענדיג אַזוי ערנסט אין טאָפּ, האָט די רבי'צין, וואָס לעגט קיינמאָל נישט דעם זאַק פון האַנד אַרוים, אַרוים

געלאָזט פון אונטערן אָרעם די קנויל מיט'ן פאָדעם ... די קנויל קאָלערט זיך איבער דער פאָדלאָגע, די קאַץ בעווייזט זיך איבער'ן ראַנד פון אויבען און שטעלט אַרוים אַ פּאָר בליצענדיגע אויגען; זי האָט מורא פאַר די פרעמדע, און קען זיך דאָך נישט איינהאַלטען, און גיט אַ שפּרונג אַראָב, און הייבט זיך אָן שפּיעלען מיט דער קנויל ...

„ווי זי זעהען דאָס אַלץ נישט", וואונדערט מיך שטאַרק. אָבער אָט חאַפּט מיך דער טאַטע ביי'ם אַקסעל:

— און וואָס וועט זיין פון דיר? אַ בור, אַ שניידערוק, ווי איך?

איך האָב מורא צו זאָגען, אַז איך וויל האַלטען אַ סאַד, און מאַכען אַרום סאַד אַ פעסטונג צו פערהיטען פאַר די שקצים.

— געדענקט זשע, רבי, 2 גילדען אַ וואָך פאַר'ן שלאָ-פען! און אַכטונג זאָלט איהר געבען ...

דער רבי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין דער לענג.

— נאָר שלאָגען — נעהמט איהם די מאַמע אָן אַ זייט, פון טאַטען אַוועק—חס ושלום! איינער פון אַלט געבליבען!...

אוי, ווי ליעב איך האָב מיין מאַמען!

— — — — — — — — — — — —

שווער איז מיר געווען אויסצוהאַלטען אין חדר אָהן דער פעסטונג. ווער ווייסט, צי זי וועט זי קענען ענגיגען אָהן מיר... און עס בענקט זיך אַ ביסעל צום סאַד אַליין, און— צו טאַטע-מאַמע. און וואָס אַמאָל מעהר — צו גאָלדעלען. מאַך איך די אויגען צו — זעה איך זי זיצען אונטער'ן באַרען-בוים, מיט ווייסע בליטען בעשיט...

מען טאָר אָבער נישט וועגען דעם טראַכטען... איידער מען קוקט זיך אום — אלול. איך לערן מיך שופר-בלאָזען. עס געהט אַ גאַנג.

— „וואָלסט דו אַזוי צוגעלעגט די חושים צו דער גמרא!" — מאַכט דער רבי.

— און שופר-בלאָזען — פרעג איך — איז אַ קלייניגקייט? נישט אַ גרויסע מצוה?!

— דאָס קען — ענטפערט דער רבי — אַ שניידערוק אויך!

— וואָס רעדסטו, מיכל — מישט זיך אַריין די רבי'צין.

— אַ מענש, — בורטשעט זי בײַ'ם קוימען — פערגעסט, וואו ער האַלט אויף דער וועלט...

— מיין טאַטע, — רוף איך אויס, בעליידיגט, — איז דער עיקר אַ סאַדאָוניק...

דער רבי וויל זיך פערענטפערן, פעררעדענדיג:

— נישט דאָס בלאָזען איז דער עיקר; דער עיקר איז די כונה פון שופר-בלאָזען!

שלאָגען שלאָגט מען מיך נישט. מיט מיין מאַמען מאַכט מען קיין קונצען נישט. זי וואַרפט שקצים אַריבער איבער'ן פלויט. און מאַכט זיך אַ סכסוך מיט אַ סוחר פון אויבס, חאַפּט זי אַזאַ יודען אָן בײַ דער באָרד און שלעפט פון סאַד אין שטאָדט אַריין צום רב... דריטהאַלבען וויאָרסט!

— — — — — — — — — — — —

אויף ראש-השנה האָט מען געדונגען גוי'שע שומרים צום סאַד און אַלע זענען געקומען אין שטאָדט אַריין. מיין טאַטע-מאַמע — צו זיך, נישט וויט פון מיין מלמד, און דער שותף מיט'ן ווייב און מיט גאַלדעלען — אויך צו זיך, נאָר, וואו זיי וואוינען, ווייס איך נישט. פרעגען לאָזט זיך נישט.

דעם ערשטען טאָג ראש-השנה, אין דער שטילקייט פון „למנצח". איך שטעה בײַ'ם פענסטער, קוק אַרויס און פער-בלאָנזע מיך פריהער אין דער וויטקייט... אונטערן הימעל זענען אַזוינע מאָדנע חברות מיט פייגעלעך געפלויגען, — אַז זיי זענען אַוועק, וואַרף איך אַ בליק איבערן שוהל-הויף, — גאָלדעלע! געקומען הערען שופר-בלאָזען! איינגעהילט אין אַ וויים טיכעל, עפּיס אַזוי פרום צנועה'דיג איינגעבויגען... שטעהט צו מיר מיט אַ זייט. זעהט מיך נישט. קוקט נישט. דער חזן לאָזט אַרויס:

— למנצח!

דאָס בית־המדרש צורודערט זיך. די פּאַליע חאַפּט מיט מיין נשמה און טראָגט זי אַוועק, אַוועק...

— — — — — — — — — — — — — —

מוצאי־יום־כפור גערען מיר, מיין טאַטע־מאַמע און איך, צוריק אין סאָד אַריין. איך וויל פרעגען, וואו גאָלדעלע און איהר טאַטע־מאַמע זענען, און קען נישט! דעם וואַכענמאַכער ביי קדוש לבנה האָב איך געזעהען, געוואונשען איהם אַ גמר חתימה טובה... מען דאַרף טריינען אויך ווינשען, גאָלדעלען אויך. פרעגען קען איך פאָרט נישט, די ווערטער בלייבען אין האַלז. און אומרוהיג בין איך: צי האָט נישט גאָלדעלען דער תענית געשאַדט? איז זי, חס ושלום, נישט קראַנק גע־וואָרען און אין שטאָדט געבליבען? דאָס גלעזעל וואַרימס מיט׳ן פערבייסעכטס בעקומען מיר נישט. עס קריכט נישט אין האַלז אַריין. באַלד אָבער נעהמט די מאַמע דעם טאָפּ מיט די כפרות אין דער יויך.

— אַ שאָד — זאָגט זי — האָלץ! און זי געהט וואַרימען צו טריינען. דאָרט איז שוין אַ גרויס פייער געמאַכט. הייסט עס, יענע זענען שוין פריהער געקומען.

— געלויבט איז גאָט! — רייסט זיך מיר פון לייבט גע־וואָרענעם האַרץ אַרויס.

— וואָס?

פרעגט דער טאַטע. די מאַמע שטעלט זיך אָב.

— גאָרנישט! זאָג איך ראַש — גאָרנישט! געלויבט איז גאָט, אַלע זענען בשלום איבערגעקומען דעם תענית... גאָט האָט מוחל געווען די זינד...

איך פּלאַפּעל, די מאַמע קערט זיך עפּעס צו־פּלוצ־לינג אָב און געהט אַרויס. איך פיהל, אַז אַרויסגעהענדיג, שמייכעלט זי.

און דער טאַטע פרעגט:

— און וואָס דאַרף מען טהון אַצינד?

— איך ווייס!

— איך נעהם און צינד אָן אַ לאַמטער, דער טאַטע נעהמט אַ שייטעל האָלץ און אַ האַק. מען געהט אַריינשלאָגען אַ פלאָקען צו דער סוכה.

— געה, רוף דעם שותף!

מען דאַרף אָבער נישט רופען. פון ביידע קעגנעאיבער לאָזט זיך שוין אין גאָרטען אַריין דער וואַטענמאַכער. דעם לאַמטערן הינטער איהם טראָגט גאָלדעלע. — די בשותפות'-דיגע סוכה וועט שטעהן אין מיטען גאָרטען...

— איך — אַ פלאָקען און דו — אַ פלאָקען! — זאָגט דער טאַטע.

— איך אויף דער זייט. — ענטפערט דער וואַטענמאַכער, און שטעלט זיך אויף איין אָרט. דער טאַטע שטעלט זיך קעגנעאיבער.

זיי בייגען זיך איין, איך און גאָלדעלע קומען זיך צו-זאַמען און בייגען זיך אין דערמיט איבער ביידע, און לייכטען.

ווייל דאָס מזל און אונזערע קעפלעך טרעפען זיך, ריהרען זיך אָן; ציטערן מיר ביידע. די לאַמטערן אין די הענד וואַרפען זיך...

די העק קלאַפען און איך רוים איהר איין:

— אַ גמר חתימה טובה, גאָלדעלע!

— גם אתם! — ענטפערט זי שטיל.

— — — — — — — — — — — —

די מאַמעס האָבען יום-טוב געמאַכט, די טאַטעס — די סוכה. זי אויסגעציערט האָב איך מיט גאָלדעלעס הילף. אויסציערען אַ סוכה איז דאָך אַ מצוה! לאָזט מען. דאָס איז נישט „שפּיעלען"!

האָט גאָלדעלע ערגעץ צוזאַמענגעקליבען האַלבע אייער-שאַלען און אויסגעהאַנגען אַרום די ווענד; האָב איך אויס-געשניטען פון רויט פאַפּיער פייגעלעך; און אין יעדער האַל-בער אייער-שאַל אַ רויט פייגעלע אַריינגעזעצט; מיט'ן פּיסקעלע

אַרויס, אין דער מיט סוכּה אַרײַן. ממש לעבעדיקע פֿײגעלעך. גאָלדעלע שעפּט נחת, פּאַטשט אין די הענטלעך אַרײַן:

— ווערסט זעהען, זיי וועלען זינגען! זיי מוזען זינגען...

דערנאָך האָב איך געמאַכט אַ לאַמטער פֿון אַ גרויסער, אויסגעהוילטער דיניע. אויסגעשניטען אין דער שאָל שענע גע׳כתיב׳עטע אותיות: בסוכּות תּשבו —

„דאָס איז טײַטש, — האָב איך גאָלדעלען ערקלערט — גאָט האָט געזאָגט צום פֿאָלק ישראל, און געהייסען, ער זאָל זיצען אַכט טאָג אין סוכּה.

און האָב אַרײַנגעשטעלט אין דער דיניע אַרײַן אַ ליכט. פֿאַרנאַכט איז שוין געווען, ווערט מען פּרובירען! גאָלדעלע לויפֿט און ברענגט זאַפּאַלקעס. זי קומט צוריק צוהיצט; די אייגעלעך בליצען. איך צינד אָן, נאָר די הענד ציטערן מיר עפּיס; קיים אָנגעצונדען. אָט, עס ברענט. אַ פֿײַן-צנועה׳דיגע שײַן צושפּרייט זיך אַזוי ווייך איבער דער סוכּה. דער פּסוק שײַנט העלער, ווערט בולט און בולט׳ער...

— אוי, האָב איך ליעב סוכּות! — שרייט אויס גאָלדעלע.

מיר טרעטען עטוואָס אָב און בלייבען שטעהן אינ׳ם וואונדער פֿערקוקט...

— די פֿײגעלעך וועלען נאָך זינגען, זינגען! — האַלט זיך גאָלדעלע בײַ איהרס!

הינטער אונז שטעהען שוין טאַטע-מאַמעס.

מײַן טאַטענס קול:

— שוין פֿאַרטיג, באַסע-קאָמאַנדע?!

זיי בלייבען שטיל, פֿערקוקט און פֿערוואונדערט פֿון דער שענקייט, און קוקען זיך דערנאָך איבער. די מענער שמייכלען עפּיס אונטער די וואָנסען. בײַ די ווייבער אין די אויגען בעווייזען זיך פּיערלעך...

נישט ווילענדיג האָב איך אָן גאָלדעלען בײַ דער האַנד. מען שרייט נישט — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

סוכות.

נאָכ'ן עסען, אונטער א בוים אין סאַד שלאָפט דער טאַטע מיט'ן וואַטעמאַלער.

„אונטער די פערגאַמוטען!" ווייסט גאָלדעלע צו זאָגען.

איך קוק זי אָן און שמייכעל:

— און די מאַמעס ביי די בייטען!

— אונטער די פלוימען! — ווייסט זי א נעהנטערן בעשייר.

מיר זיצען אין סוכה.

איך מאַך אַמישנע מיט דער האַנד פאַר'ן פנים, גאָלדעלע זאָל זעהען, וואָס פאַר אַ שענע לולב-פינגערלעך איך האָב אויף די פינגער.

— אַליין — בעריהם איך מיך — געפלאָכטען!

— זאָלסט זעהען, — ענטפערט זי — ווי איך פלעכט קוילישען!

קיין פינגעריל בעט זי נישט.

מיר שווייגען אַ ווײלע.

די רויטע פייגעלעך זינגען נישט, נאָר ביי מיר עפּעס אין הערצעל זינגט.

— ווייסט, גאָלדעלע, פאַר וואָס מען זיצט אין סוכה? —

און ענטפער אַליין:

— זכר ליציאת-מצרים.

און פערטייטשט איהר,

פרעגט זי נאָך אַ ווײלע:

— ווייסט, ראובן-בנימין, פאַר וואָס מען עסט ריעבען און מעהרן?

איך ווייס און שעם מיך צו זאָגען...

— און האָניג? — פרעגט זי ווייטער.

— זאָלסט האָבען — ענטפער איך שטיל — אַ זיס יאָהר...

— און שמחת-תורה — זאָגט זי — שניידט מען די מעהרליך אין פלאַכע רעדעלעך, אזוי ווי רענדלעך גאָלדענע!

און נאָך אַ ווײלע — איך:

— ווייסט, גאָלדרעלע, ווער עס קומט צו גאַסט אין סוכּה אַריין? די אבות און די אמהות... און ווייסט, גאָלדרעלע, וואָס „שמחת בית השואבה" איז?

זי ווייסט נישט, און איך זאָג איהר.

— אוי, — ענדיג איך מיט אַ זיפץ — איז דאָס אין בית-המקדש אַ שמחה געווען — ווער עס האָט דאָס נישט געזעהען, האָט קיין רעכטע שמחה נישט געזעהען!

— פּערצעהל, ראובן-בנימין, פּערצעהל, — בעט זי זיך; זי קוקט אויף מיר, רוימעלט זיך, ווענדט אָב דאָס גאָלדענע קעפּעל און שפּאַרט עס אָן, אונטערוויילכם, בּיי מיר אויפ'ן האַרץ, — צו הערט זי, ווי עס קלאַפּט? איך וויל פרעגען. בלייב אָהן לשון.

— פּערצעהל! — בעט זי נאָך אַמאָל און עפּיס אַזוי שטיל-צימעריג.

און איך פּערצעהל איהר:

— פון נאָך מיטאָג הויבט זיך אָן די שמחה אין עזרת-נשים (איך פערטייטש איהר). אַלע יודען פון גאַנץ ארץ-ישראל, אַלע עולי-רגל פרעהען זיך. די עלטסטע, די ראשי ישיבות, די זקנים פון סנהדרין, — אַלע שבעים לשון האָבען זיי געקאָנט, בשוף אויך! — אַלע פרעהען זיך. אַלע האַלטען שטורקאַצען אין די הענד, אַזוינע ברענענדיגע פלאַ-קערען, און טאַנצען... די לויים האַלטען אַלערליי כּלי-זמר, וואָס זענען אויסגערעכענט אין תהלים, און זינגען גאַנצע קאַפּיטלעך תהלים... און דער עולם אַרום טאַנצט... אַ ראָד אין אַ ראָד... אַזוי רעדער אָהן אַ שעור...

ר' שמעון בן גמליאל — אַ גרויסער תנא געווען — גאָר אַ גרויסער! האָט געהאַלטען אַכט שטורקאַצען, צו פיער אין יעדער האַנד. און טאַנצענדיג, האָט ער די פלאַקער, איינעם נאָכ'ן צווייטען, אין דער לופט געשליידערט, פון דער לופט געהאַפּט... און אַזוי קונציג, אַז קיין איינציגער פלאַקער איז אויף דער ערד נישט געפאַלען, קיין איינציגער האָט זיך אין

דער לופט נישט פערלאָשען! און אזוי א גאַנצע נאַכט גע־טאַנצט. קיינער נישט געשלאָפען. ווערט מען גאָר מיעד, שפּאַרט איינער אָן זיין קאָפּ אָן צווייטענס אַקסעל און דרימעלט אַ ווײלע; האַפּט זיך אויף און טאַנצט ווייטער... און אַזוי ביז אין דערפריה, ביז די צווײ כהנים, די היטער בײ׳ם טויער פון דער עזרה, האָבען אַ בלאָז געטהון שופר — אַ צײכען, מען זאָל זיך צוגעהן. דעמאָלט ערשט איז מען זיך צוגאַנגען...

— — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב אָנגעהויבען דערצעהלען האָט זיך גאָל־דעלע׳ס קאָפּ אַראָבגעגליטשט ביז צו מיין שוים. די אייגעלעך קוקען אַרויף, צו מיר, צו מיינע ליפּען... און ווערען וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער... וואָס לענגער איך פּערצעהל, זעה איך, ווערען זײ פערחלום׳טער, שמעלער און שמעלער. די לאַנגע ברעמען לאָזען זיך פּאַמעליך, פּאַמעליך אַראָב. איך פּערצעהל דעריבער אַלץ שטילער און שטילער. זי עטעמט פאַר דאָס אַלץ העכער און העכער. איך זאַפּ איהר אָטעם איין. די פרישסטע עפּעל שמעקען נישט אַזוי...

אָט, זענען די אייגעלעך שוין איינגאַנצען געשלאָסען...

און עס פאַלט מיר איין, אַראָבצונעהמען אַ פינגעריל פון מיין פינגער און אַרויפצוזעצען אויף איהר׳ס אַ פינגער פון הענטעל, וואָס זי האַלט אונטערן קעפּעל...

און איך טהו עס.

זי הערט, צי ניין?

איך זעץ אַרויף, און מיינע ליפּען, גאָר אָהן מיין וויסען, רוימען שטיל, שטיל גאָלדעלען צום אויער:

— הרי את...

איך ענדיג נישט, גאָלדעלע שפּרינגט אויף. אין די ברייט־געעפנעטע אויגען: שרעק, צאָרן, אָבער אויך ליעב־שאַפט, און אַלץ ווערט צוזאַמענגעגאָסען אין אַ געשריי:

— וואָס האָסטו געטהון?

— נישט־קשה — דערהער איך באַלד מיין מאַמעס קול

אין סוכה-טהיר, — חול-המועד, אם ירצה השם, וועט זיין תנאים!

ווייזט זיך אויס, אז די אלטע זענען שוין לאנג אויפ-געשטאנען; אונז זולענדיג, צו דער סוכה געקומען, אבגע-שטעלט זיך, אונטערגעהערט. —

— — — — — — — — — — — —

חול-המועד זענען תנאים געווען.

שמחת-תורה איז גאלדעלע צוגעקומען קושען דאס ספר, וואס איך האב געטראגען ביי דער הקפה.

צוויי פעהנער האט זי געטראגען, אין יעדער האנד א פאהן; זעלטען געזעהענע פעהנער. וואו זי האט זיי בעקו-מען, ווייס איך נישט: „דגל מחנה ראובן" און „דגל מחנה בנימין"! —

צוריקגעקומען.

דעמאָלט האָט נאָר אָנגעהויבען צו יעהרען ביי אונז, און געיעהרט האָבען מיר אויף דער לאַנגער גאַס אין אַ קנייפּע, אין אַ בעזונדער צימער ביי'ן אַ קיילעכדיגען שטאָם-טיש. מיר האָבען ביער געטרונקען, ביים קעלנער קרעדיט געהאַט און גערעדט וועגען קונסט, וועגען אויפלעבונג פון דער קונסט א. ד. ג.

איין שטוהל איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען לעער. אַ יונגער דיכטער האָט געפעהלט. און יעדען אָוועגד האָט מען איהם אויסגעקוקט: ער מוז קומען. צושטעלענדיג דאָס ביער, האָט דער קעלנער געפרעגט: נאָך נישט דאָ אונזער יונגער העדר דיכטער? און פאַר דעם לעערען שטוהל דאָך אַ גלאָז געשטעלט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער יונגער דיכטער מוז קומען.

און ווירקליך איינמאָל, שוין צימליך שפּעט — ער איז געקומען!

אלע זענען אויפגעשפּרונגען, אלע הענד האָבען זיך אויס-געשטרעקט צו זיין הוט, צום מאַנטעל און אלע מיילער האָ-בען געפרעגט:

— עפּים בעשאַפען?

— אַ סקיצע?

— א בינטעל ליעדער ?
— א פּאָעמא ?
— א ראָמאַן ?
מען איז זיכער געווען, אַז איהם האָט איין „ארבייט״ פערהאַלטען.
ער אָבער ענטפערט :
— א שטיק לעבען איבערגעלעבט !
עס ווערט נאָך אינטערעסאַנטער. מען קוקט איהם אין געזיכט אריין :
— ווי געענדערט...
— מאָדנע אויגען בעקומען...
— א נייער שרומפּ אין שטערן.
— בלאַס —
— א מאָדנע גרימאַסע ארום די ליפּען...
— עפּים וואַרפט זיך א זילבער-פאָדעם אין די האָהר...
עמיץ אָבער פרעגט :
— מיט וועמען ?
מען בויגט זיך צו'ן איהם איבער :
— א ברונעטע ? א בלאָנדינע ?
אין דער נאָהנטסטער :
— איך קען זי נישט ?
— חברים — הויבט ער די ברעמען אויף — נאָך וואָס פרעגען ? איהר האָט מיך נישט איינמאָל מיט איהר צוזאַמען בעגעגענט ; מיך געגריסט, זי אפילו נישט בעמערקט... איהר האָט צו איהר געשטאַלט קיין שליסעל נישט געהאַט — פאַר אייך גאָר נישט געווען, פאַר מיר—אַלץ...
ער בויגט זיך איבער דעם אָנלעהן :
— צו אָרים, ברידער, איז די מענשליכע שפּראַך ; עס האָט דערפאַר קיין נאָמען נישט. שטאַרקער פאַר ליעבע, צערט-ליכער פאַר פריינדשאַפט —
„עס, א יום-טוב געווען !״...

„נישט קיין תמוז-זון, פון שייך אַרויסגענומען, און נישט קיין שטראַהל־ און שאָטען־שפּיל אין אַ פערכשופ׳טער לבנה־נאַכט״...

עמיץ רוקט זיך מיט אַ שטיל געריוש פון טיש אַב — בעליידיגט. קיינער אָבער מערקט עס נישט און ער רוקט זיך שטיל צוריק.

און ער מאַלט:

— אַ דיכטערישע ווירקליכקייט!

„אַ שטיק צייט אָהן אַ וואָכען־טאָג, אַ שכינה־אָבגלאַנץ אָהן אַ שאָטען פון איין אויסען־וועלט...״

— אויגען אַזוינע?

— אויגען! זי קוקט אויף דיר, און טיף אין דיר הויבט פלוצלונג אָן שטיל און זיס צו רוישען. דאָס ציטערען די פליגעל פון דיין נשמה יתרה... עס איז שבת, עס איז יום־טוב ביי דיר אין הארץ... קליינע גאָלדענע האַרפען קלינגען: מזמור שיר ליום השבת...

ער שטעלט זיך אויף, וואַרפט מיט אַ קאָפּ־בעוועגונג די האָהר אויפ׳ן נאַקען אַרונטער —

— ווייסט ווער אויף קלאָר, וואָס „אפּרסמון״ — וואָס „שמן אפרסמון״ איז?

מיר שווייגען; ער זעצט זיך צוריק; ער ווייסט אויך נישט אויף קלאָר.

— און דאָך, איבער דער גאַנצער צייט בין איך מיט איהר איבער אַ טייכעל פון שמעקענדיגען שמן אפּרסמון געשוואומען.

אַ וואונדערבאַרער שמייכעל וויזט זיך אַרום זיינע ליפען:

— אויף אַ לייכט זילבערן שיפעל אין געשטאַלט פון אַ פרומען, ערנסטען ווייסען שוואַן, וואָס האָט זיך געטראָגען, אָהן פון „וואַנען״, אָהן „וואו אהין״ און מיר האָבען נישט געפרעגט. אַ ווייס סאַמעטען פענדיל האָט קוים געוועהט מיט איין גאָלדען געשטיקט וואָרט: שטיל!

און נאָך איין אָבעטעמען:

— צווישען צוויי רייהען שטילע ציפרעסען איז עס, דאָס פּייכעל, געפלאָסען,—אין דער הויך קושען זיך די קרוינען מיט די גרין-פערטרוימטע בלעטער, אונטער א ליעב-אראָבגעלאָזטען הימעל ; אונטען — אַ גאלעריע פון ליכט ארקאַדען, אויף בלו-מען, אויף בשמים-פעלדער ארויס...

איך האָב נאָר געבּרויכט איהר האַנד צו נעהמען, די אויגען צו שליסען — — —

— און ?

— זי איז אוועק...

מען פרעגט :

— צו טאַטע-מאַמע ?

— צום מאַן ?

— צו קינדער ?

— אַלץ איינס ! אוועק האָט זי געמוזט . .

און צוריק ווייזאָנער :

„איך האָב זי נישט פערהאַלטען"...

— עס איז אָוענד געווען . אין דרויסען געהט אונטער די זון און איהרע אָבּגלאַנצען שפּיעלען ארום די װענד . זי געהט, זיי — נאָך... זיי רייסען זיך אָב פון די ווענד און ציהען זיך צו איהר און פערשווינדען, און מיר ווערט גרוי, גרוי...איך האָב די אויגען געשלאָסען...

איך זיץ און איך פיהל, אז נאָך עמיץ געהט איהר נאָך— מיין נשמה יתרה... גוט...

— געה—טראַכט איך — מיט איהר ! ביי מיר וועט שוין קיין שבת און קיין יום-טוב נישט זיין —

ער בּלייבט שטיל. עמיץ איז אויפגעשפּרונגען מיט א פול גלאָז אין דער האַנד :

— לעבּען זאָלען אונזערע שבתים און ימים טובים !

און אריינטפארענדיג דעם דילטער דאס גלאז אין דער האנד אריין:

— מאך הבדלה, ברודער!

— — — — — — — — — — — —

דער קעלנער האט אנגעהויבען לעשען. —

אַין אומבעקאַנטע.

אין אַ קליינער מענער-געזעלשאַפט האָט מען וועגען פרויען און זייער איינפלוס אויפ'ן מענער-לעבען גערעדט.

— אויף מיר — האָט זיך אָבגערופען אַ יונגער אַרצט — האָט אַ גרויסען איינפלוס געהאַט נור א י י ן פרוי און דערצו — איין א ו נ ב ע ק אַ נ ט ע.

געבעטען, האָט ער די קליינע געשיכטע פערצעהלט.

אַלס יונגער סטודענט איז ער אַמאָל פערבעטען געוואָרען אויף אַ טאַנץ-אָוועגד אויף אַ זומער-וואוינונג. דער אָוועגד האָט זיך פערצויגען ביז פאַר-טאָג. עס איז אַ משוגע'נע, לוס-טיגע נאַכט געוועזן. די טאַנץ-און פלירט-אַטמאָספערע האָט איהם בערוישט, און אַלס יונגער מענש, אָהן פאָראורטיילען, האָט ער פון לוסטיגען בעכער אין איין אָטעם געטרונקען: נישט איין טענצערין, מעהר אַלס מען האָט געברויכט, צוגע-דריקט צו די פערזילבערטע מונדיר-קנעפּ, נישט איינער, מיט קיים אויסגעשפּראָצטע וואָנסען-שפּיצען די פלאַמענדיגע בעקליך געשטרייפט. די, וואָס ער האָט אָבגעפיהרט אַהיים, קענגען דער אויפגעהענדיגער זון געקושט, און צו איהר אונטערגאַנג אַ ראַנדעוואו בעשטעלט. אַ פרעהליכער וויר-וואַר אין קאָפּ, אַ קאַפּעלע לוסטיגע זומער-פייגעלעך אין יונגען האַרץ — און די פרישע זון טרענקט מיט צופלאָסען גאָלד די שמעקענדיגע

לופט אין וואלד, די אויפגעהאפּטע פויגעל אויף די טהויע בעפּערלטע בוימער צווישערן און ער טאנצט אונטער זיין פרעהליכ'ן וועג.

פּלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען.

אין א זומער־וואוינונג האט זיך א טהיר געעפענט. עס איז ארויס א בארוועסע און קנאפּ־געקליידטע געשטאלט, האלב מיידעל, האלב קינד, מיט גרויסע גאזעל־אויגען און א באל צום שפּיעלען אין די לאנגע דינע הענד... א ווײלע איז זי שטעהן געבליבען, פערוואונדערט פון שענעם מארגען, פערבליפט... און אז זי האט איהם, זיך אומקוקענדיג, דערזעהן, האט זי זיך נישט פערשעמט; נאר אנגעשטעלט אויף איהם צוויי ריינע קינדער־אויגען, וואס האבען, קוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט אריין, געפרעגט: דיך האט אויך אויפגעוועקט די זון? ביסט א גוטער מענש? — ווילסט מיר נישט טהון קיין שלעכטס? וועסט שפּיעלען מיט מיר אין באל?...

און ער האט זיך פּלוצלונג פאר'ן ריינעם קינד טיעף אין טיעפסטען הארץ פערשעמט און איז ענטלאפען גלייך צו דער סטאציע און אבגעווארט דעם צוג אהיים. —

דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז ער וועט זי נאך אמאל טרעפען, און ער האט זיך צום לערנען גענומען... ער האט זיך געלערנט. לערנענדיג, אנ'עם קינד פערגעסען און זיין דיפּלאם בעקומען. ער מוז זיך איינריכטען אלס פּראקטיצירענדער ארצט. ער האט אנגעהויבען "ביוען" אין הייזער און אין קורצען בעקומען א גאנצען אויסוואהל פון כלות מיט נדן. אויף צוויי האט ער זיך ערנסטער אבגעשטעלט... און עס איז אויך געקומען דער טאג, ווען ער האט זיך געלאזט דעצידירען. ער געהט איבער דער מארשאלקאווסקא אין דער ריכטונג צום זאקסישען גארטען; לענקט אב רעכטס ביים גרינעם פּלאץ, טרעט אב אין א בלומען־געשעפט, קויפט א בוקעט און געהט

אין גאָרטען אַרײַן, פּאַסירענדיג דעם גאָרטען, װעט ער בעשליסען, װאוהין דעם בוקעט צו טראָגען: אויפ'ן טעאַטערפּלאַץ — אַ לוסטיגע בלאָנדינע מיט געזאַנג און קלאַװיר — אָדער אויף סענאַטאָרען־גאַס — אַ בלאַסע דעקאַדאַנס מיט פּאָרצעלאַן־מאָלעריי און פאָטאָגראַפיע... אַ שװערע װאַהל. פּלוצלונג גיט איהם עפּיס, װי אַ קלאַפּ אין האַרץ. ער הויבט די אויגען אויף און דערזעהט — זי! שלאַנק, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים איז זי געשטאַנען. בלאַס, װי נאָך אַ גליקליך איבערגעקומענער קרענק... פון אונטער די אַראָבגעלאָזטע ברעמען שטראַהלט אַרויס און צושפּרייט זיך איבער'ן בלאַסען געזיכט דאָס רײַנסטע, שטילסטע גליק, מיט װעלכען זי האָט אויף איהר קינד געקוקט, אויף איהר קינד אין אַ װיעג — —

און ער האָט זיך פּלוצלונג אין טיעפסטען האַרץ פערשעמט. אַװעקגעװאָרפען דעם בוקעט און איז צוריק אַהיים — אַרבייטען...

צום דריטען מאָל האָט ער זי אין שפּיטאָל אויפ'ן טויטען־בעט געטראָפען.

אין די אונרוהיגע טעג האָט מען זי פון גאַס מיט אַ דורכגעשטאָכענער ברוסט געבראַכט... אָהן דאָקומענטען, איין אונבעקאַנטע, צופעליג געשאָסענע, מיט אָפענע, צושראָקענע גאַזעל־אויגען, װאָס האָבען דעם גאַנצען טומעל נישט פערשטאַנען...

אַ חָנוּכָּה־לעמפּעל:

עס איז דאָך חנוכּה, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי אַ יוד, אַ יורד, לא עליכם, האָט זיך אַמאָל געראַטעוועט דורך אַ חנוכּה־לעמפּעל...

און מיינט איהר, אַ גאָלדענעם? האָטש אַ זילבערנעם? דוקא אַ מעשענעם און אַ שברי־כּלי. עפּעס איין אַלטע ירושה פון דור־דורות. אויסגעקרומט, אויסגעדרעהט און אַ האַלבּ רעהריל אָבּגעבּראָכען...

דער יוד איז פריהער געווען אַ בעל־הבית...

פּלוצלינג איז ער נתעשר געוואָרען.

ווי אַזוי? דאָס געהער נישט צו דער זאַך.

מען זאָגט, אַ זעלנער האָט געטראָגען אין גאַס אַ שטאַבּע אייזען צו פערקויפען. האָט ער געקויפט אונטערן מקח, אַהיימגעפיהרט... ער גיעט אַ שלייף — גאָלד!

גע'לקח'נט געווען פון דער באַנק!

אָבּער אַז אַ יוד ווערט רייך, איז „ישן מפּני חדש", קעהרט ער איבּער די שטוב. טוישט ער די מלבושים, ווערט ער אַ דייטש זי — אַ פראַנצומערקע; וואַרפט אַוועק דאָס שייטעל. צוויי בנים געהאַט — פון חדר אַרויס אין גימנאַזיום אַריין! מען הייבּט אָן משנה פּנים צו זיין די שטוב... אַ ספרים־שאַנק געווען, ווער דאַרף ספרים? געשיקט אין בית־

המדרש אריין; אַ מתּנה. די שאַנק — איין אַלטע, צעהאַקט, איין־קיך אריין אויף קיהנדלעך געשיקט... די פלונית'טע שטעלט אויף דעם אָרט אַ טרעמאָ. זי האָט זיך מיט אַמאָל ליעב בע־קומען, וויל זיך זעהען פון אויבען ביז אראָב... מען רופט אַריין אַ „האַנדעל", מען פערקויפט דאָס אַלטע מעביל בחצי חנם און מען קויפט „לודוויג דעם פיערצעהנטען" — קליין, חנו'דיג, נאָר געבעט; אויסגעקרומטע פיסלעך, אָבער מיט בראָנז. אויף רעדלעך, אַ מחיה. מען האָט זיך מורא צו זעצען.

אַ ביסעל אַלט זילבער געווען: אתרוג־פושקעלעך, בשמים שטעקעלעך, — פערקויפט אויף ברוך, צעשענקט דרשה־געשאַנק פאַר קרובים; געקויפט גלאָז, קרישטאָל... בלומען־טעפּ, וואַ־זען, כּמנהג העולם — מאָדערן!

איז דאָך גלגל־חוזר — אין אַ צייט אַרום הייבט אָן געהן קאַפּויר, מיט דער פוטער אראָב. די זיהן זענען שוין אין אויסלאַנד, מען האָט זיי נישט צו שיקען... קוים מען פראָ־לאָנגיערט די וועקסעלעך... פון דער האַנד אַ גמילת־חסד קריעגט מען נישט...

עס ווערט ערגער. מען קוקט זיך אום, נישטאָ עפּיס צו פערזעצען? דער „ליודוויג דער פיערצעהנטער" איז צו־פאַלען... גלאָז און קריסטאָל — אויסגעהאַקט, צובראָכען...
אַ פּאָר כּלים געבליבען — מיט גיפּס צוזאַמענגעקלעפּטע...
לעבט מען אין דחקות...

אַז מען לעבט אין דחקות דערמאָהנט מען זיך אַ ביסעל אָן יודישקייט...

די פלונית'טע באָרגט ביי'ן אַ שכנה אַ מאָל אַ „צאינה וראינה" און לייענט. דער פאַן סאָלאָמאָן, וואָס הייסט שוין צוריק שלמה זלמן, שטעלט זיך אַמאָל דאַווענען אין טלית ותפילין. און אַז עס קומט חנוכה, גלוסט זיך צו בענשען חנוכה־ליכט ...

ליכטלעך האָט מען ערגעץ אויסגעקאַשפּערט; מען

לויפט אין קיך אריין נאָך א שייטעל האָלץ, נישטאָ! פער־פעהלט אַפילו אַ קיהנדעל!

דערמאָהנט זיך שלמה זלמן, אז בשעת חדותא האָט ער געחאַפּט איין אַלט חנוכה־לעמפּעל און געוואָרפען אויף איין אויווען.

— שלמה זלמן, בעט זיך די פלונית'טע, נעהם עס אַראָב...

געהט מען אויף מסירת נפש, שטעלט מען אַרויף א בענקעל אויף א טיש, רוקט מען צו צום אויווען, עס טאַנצט, עס סקריפּעט. לודוויג דער פיערצעהנטער קרעכצט, די פלונית'טע האַלט אונטער — אַראָבגענומען...

פערשטויבט, קוים אָבגעווישט — מען בענשט...

דעם ערשטען, דעם צווייטען טאָג, אזוי ביז'ן אַלטען טאָג — נאָר לעגען וועט מען זיך אָהן וויעטשערע, איז אומ־עטיג. זיצט שלמה זלמן ביי איין זייט טיש, די פלונית'טע — ביי דער צווייטער און מען טראַכט — א פּאָל פּאַר הונגער אויסצוגעהען!

קלינגט ווער, שפּרינגען ביידע אויף. עפענט מען. קומט אריין א בעקאַנטער יונגערמאַן, אַ מעקלער פון כל'ערליי.

וואָס איז?

ער האַלט זיך קוים איין פּאַר לאַכען. קיין ווארשא איז א משוגע'נער ענגלענדער געקומען. א גלאַט־געגאָלטער, אָדער אפשר א נקבה א פערשטעלטע... קויפט אַלטע שברי־כלים. ווארט אין הויז.

— זאָל ער אַריינגעהן? מן־הסתם וועט זיך עפּיס גע־פונען... אזא'ן אַלטער בעל־הבית.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק קוקט זיך איבער. וואָס האָבען זיי פּאַר אַלטע כלים? דער ענגלענדער קומט דערוויל אריין; נישט געקאָנט זיך דערוואַרטען; די טהיר איז אָפען גע־שטאַנען. ער קומט אריין, נעמט אראָב די כובע, דערזעהט דאָס חנוכה־לעמפּיל, פאַלט צו ווי „צון א הייסען פּאָפּליניק",

חאַפּט עס אין די הענד אַרײַן, די הענד ציטערן, די אויגען בליצען...

— געזאָגט משוגע! מאַכט דער מעקלער.

וויפיעל? וויפיעל? פרעגט דער ענגלענדער אויף אַ צע־בראָכען דייטש.

קורץ און בקצור, מען האָט דאָס חנוכה־לעמפעל פער־קויפט. פערלאָזט זיך אויפ׳ן משוגע׳נעם ענגלענדער׳ס יושר און גענומען וויפיעל ער האָט געגעבען.

ענגלענדער און מעקלער—אָב; דאָס פּאָר פּאָלק בלייבט.

— טאַקי משוגע! מאַכט שלמה־זלמן.

— און אפשר — זאָגט די פּלונית׳טע נישט דרייסט — אליהו הנביא? און זכות פון חנוכה־ליכט־בענשען?...

סיי־ווי־סיי: געווען אויף וועטשערע, געווען אויף אָנבײַ־סען, געווען אויך מיט וואָס צו געהן אין גאַס אַרײַן...

און דאָס געלד איז עפּיס מזל׳דיג געווען... דאָס רעדעל הייבט זיך אָן צוריק צו דרעהען. ארויף!...

שלמה־זלמן ווערט צוריק פאַן סאַלאָמאָן...

און אַז עס געהט, געהט מיט אַלעם... בעקומט מען בריעף מיט נחת פון קינדער אין אויסלאַנד. אַליין זיך אויס־געאַרבייט. אייגער אין לאָנדאָן, אַיין אינזשענער! גרויס! חתונה געהאַט! פערבעט צו זיך. זאָלען טאַטע־מאַמע קענען די שנור...

פּאָהרט מען...

פרעהט מען זיך אָב אַ צייט אין דערהיים, דערנאָך נעהמט מען בעקוקען לאָנדאָן... הייזער, פאַבריקען. דערנאָך טעאַטער, קאָנצערט־הייזער, אויסשטעלונגען.

פיהרט מען זיי איינמאָל אין אַ קונסט־הויז אַרײַן — אין אַ מוזעאום...

און שטעלט אייך פאָר, ווי פערבליפט דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק איז געוואָרען, אַז זיי האָבען זיך, אין אַ זאַל, אונטער אַ גלאָז, געטראָפען אויג־אָן־אויג מיט׳ן אַלטען חנוכה־

לעמפּיל... דערקענט די אַלטע, לאַלענדיגע לייבען... די ביימ-לעך מיט'ן פויגעל... דאָס אויסגעדרעהטע פיסעל, דאָס האַלבּ-אָבּגעבּראָכענע רעהריל.

— נישט משוגע געווען! קלערט, אין ענגלאַנד שוין — מיסטער סאַלאָמאָן...

— און נישט אליהו הנביא! — די מיסטרים.

הויך רעדען, בּפרט פרעגען פאַסט נישט פאַר דער יונגער שנור.

פערטראַכטען זיי זיך...

אפשר וועט איהר אייך אויך פערטראַכטען?

מְשׁוּפָּע.

אַז דער אַלטער מנשה האָט געענדיגט זיין חצות מיט אַ צולאָג פון עטליכע קאַפּיטעל תהלים, איז שוין דער בלאַסער זומערדיגער פריה-מאָרגען געלעגען אין פענסטער׳ל פון קעלער־שטוב.

טרויעריג, מיט מידע אויגען, קוקט מנשה אויפ׳ן פריש־געבוירענעם טאָג. ער קנאַקט זיך אויס די דאַרע פינגער, פערמאַכט דאָס תהלים׳ל, פערלעשט דאָס קליינע נאַפּט־לעמפּיל און שטעלט זיך ביי׳ם פענסטער. ער קוקט אַרויף צום שמאָלען פּאַס הימעל, וואָס בלייכט זיך הויך איבער׳ן ענגען געסיל און. אין דער ראָם פון זילבערנע באָרד און פּאות, אויפ׳ן גרינלעך איינגעשרומפּענעם פּנים, בעווייזט זיך אַ בלאַסער שיין פון אַ טרויעריגען שמייכעל.

— אָבגעגעבען — טראַכט ער — דאָס פּקדון! אַ שענעם דאַנק, רבונו של עולם!

— און נויטיג — זיפצט ער — דאַרפסט דו מיך דאָ, רבונו של עולם! ווילסט נאָך אַ חצות, דאַרפסט נאָך אַ קאַפּיטל תהלים... האַ? עס פעהלט דיר!

ער דרעהט זיך איבער צו דער שטוב און טראַכט אַז, לויט זיין שכל, וואָלט גלייכער געוועזען, אַז אין בעט וואָס ער פע־געהמט, זאָל שלאָפען זיין אייניקעל רבקה;

וואלגערט זיך, נעביך. אַרום אויף דער פּאָדלאָגע צווישען אַלט־וואַרג, מיט וועלכען חיים, דער זוהן זיינער, האַנדעלט.

אַז לויט זיין יושר, דער יושר פון אַ בשר־ודם, וואָלט בעסער געוועזען, דאָס גלאָז מילך, מיט וועלכען ער לעבט כמעט איבער אַ טאָג, זאָל געניסען שרה, די שנור זיינע, וואָס לויפט גאַנצע טעג אַרום אויפ׳ן מאַרק אָהן אַ לעפּיל וואַרימס...

יענקעלי׳ן, דעם פרישען צולאָג צו דער משפחה, וואָלט אויך דערפון קיין רעה נישט אַרויסגעקומען!

ברויכען ברויך ער וועניג, דער אַלטער; עס וואָלט זיי דאָך גרינגער געווען, ער זאָל גאָר נישט דאַרפען...

חיים איז אָהן אַ מלבוש... חנה, דאָס עלטערע אייניקעל איז אַ קראַנקע... וועניג בלוט... דער דאָקטאָר זאָגט: „בלאַ־דאַטשקע״... הייסט נעהמען אייזען־טראָפּען, טרינקען טראָן... וויין אַ ביסעל... מען זאַמעלט פאַר איהר אַ בעזונדער קני־פּעל... חדשים לאַנג זאַמעלט מען און עס איז אַלץ וועניג. און די אָרימע חנה וואַקסט נישט; דער שכל איהרער וואַקסט אויך נישט... אַלץ שטאָקט... זיעבצעהן יאָהר — און פּער־שטעהט ווי פון צוועלף!

— וואָס האָסט דו מיך אויף זיי געוואָרפען, רבונו של עולם?

ער הערט זיך איין, ווי שאַרף און אָבגעריסען חיים עטעמט אין שלאָף. ער זעהט ווי שרה׳ס ביינינע האַנד, וואָס האָט, קענטיג, ערשט געוויעגט דאָס קינד, הענגט נאָך שלאָ־פעריג אַראָב פון בעט...

ער דערזעהט נאָך, אַז יענקעלע ריהרט זיך אין וויע־געל. „באַלד וועט ער שרייען און די מוטער וועקען!״ און מיט איילענדיגע, נאָר קורצע שריט, לויפט ער צו צום אייני־קעל און הייבט אָן שאָקלען דאָס וויעגעל.

— און אפשר, — טראַכט ער, זיך אויסדרעהענדיג צום פענסטער, — ווילסט דו, רבונו של עולם, איך זאָל נאָך אַט

אין דעם יענקעלי'ן נחת דערלעבען? איך זאל מיט'ם נאך ברכה זאגען, עברי זאל איך איהם לערנען... הא?

ווי א רויטער עפעל בליהען יענקעלי'ס בעקעליך אין שלאף. א זיסער שמייכעל בלאנקעט זיך איהם ארום די קליינע ליפליך... זיי ריהרען זיך אויף און אב... „דער פרעסער, אין שלאף וואלט ער געזייגט!"

ער בעמערקט דערוויל, אז רבקה ווארפט זיך אויפ'ן געלעגער.

זי ליעגט אויף א זאק-שטרוי, צוגעדעקט ביז דער ברוסט מיט א שווארץ-געשפרענקעלט לייליך. וואס זי האט צוקאפּעגס, זעהט מען נישט.

דאס פיין-געריטעלטע פנים, מיט'ן אלבאסטער-ווייסען, לאנג-געטאקטען האלז, ריהרט זיך חנ'עוודיג אויף איין אונטערלאג פון צופלאנטעטע, שרייענדיג-רויטע האהר, וואס פערדעקען דאס גאנצע צוקאפּעגס, און בעריהרען נאך די פאדלאגע מיט עקען, וואס ציטערן ביי רבקה'ס יעדען אבעטמען.

— מיינע, עליה השלום, אויס'ן אויג...— טראכט דער אלטער — היים בלוט, חלומות... איהר צו לענגערע יאהר!

— רבקה! — געהט ער צו און ריהרט זי ביי דער בלויסער האנד, וואס האט זיך בעפרייט פון לייליך.

— וואס? ווען? — ווערט רבקה אויפגעשראקען און עפענט ווייט א פאר גרויסע בלאהע אויגען.

— ש... ש... — בערוהיגט ער זי מיט א שמייכעל, — איך בין עס... געה אין מיין בעט אריין...

— און דו, זיידע? — פרעגט זי מיט א ברייטען, געזונדטען געניץ.

— איך וועל שוין נישט שלאפען... עס שלאפט זיך נישט אין מיינע יאהרען... איך וועל מאלען טהיי... האסט דאך געהערט ביינאכט! זיי וועלען פריה אויפשטעהן... דער

טאַטע האָט איין עסק אין שטאָדט, די מאַמע דאַרף איינ־קויפען פאַר די פּימסענהאָלצ׳ן אויף תּנאים...

— וועל איך מאַכען טהיי, זיידע.

— ניין, רבקה... דו געה אין מיין בעט אַריין... קאָנסט נאָך לאַנג שלאָפען... דו וועסט היינט, האָט די מאַמע געזאָגט, נישט געהן אין פאַבריק. זי וועט דיך דאַרפען... שלאָף דיך טאַקי אויס...

— אַה! — גענייצט רבקה בּרייטער.

זי האָט זיך שוין אַלץ דערמאַנט. דער פאָטער איז נעכטען אַהיים געקומען מיט אַ פרייד, אַז גאָט האָט איהם בּעשערט אַ שפּאָר בּיסעל אַלט־וואַרג.

די מאַמע האָט אויך געבּרענגט אַ בּשורה: בּיי די פּימסענהאָלצ׳ס, וואו זי איז איינגעהעריין, וועט שוין ענדליך זיין תּנאים, האָטש די כּלה קרימט זיך נאָך; זי וועט האָבען פאַר׳ם איהריגע און תּנאים וועט זיין!...

קיין גרויסע הנאה האָט רבקה נישט דערפון. אויס־שלאָפען טאַקי וועט זי זיך, אַרומגעהן אויפ׳ן מאַרק מיט דער מוטער איז בּעסער ווי זיצען אין פאַבּריק, נאָר שפּעטער — דאָס נאָכטראָגען די קיישליך מיט אייער און היהנער, בּפרט דאָס האַפּען אין מיט׳ן גאַס איין ענטלאָפענע הוהן, איז נישט פון די גוטע זיעבען זאַכען!

נאָר, אַז מען מוז, מוז מען.

זי נעהמט צוזאַמען אַרום זיך דאָס ליילעך און שפּרינגט איבּער צום אַלטענ׳ס בּעט.

פון שפּרונג האָט דער אַלטער ווייטער הנאה, אויך „זיין אַלטע אויס׳ן אויג“...

איידער דער אַלטער האָט פייער געמאַכט, איידער ער האָט צוגעשניצט אַ קיהנדיל אויף עטליכע דינע העלצליך, אויסגעלעגט זיי אונטער דער בּלעך, בּעשיט מיט קליינע

שטיקעליך קוילען, (טײַער קוילען, טראַכט ער דערבײַ), בע־
גאָסען מיט נאַפט, אונטערגעצונדען און געשטעלט אויף דער
פײַערקע, איין אַלטען, פון ראָסט רויטליך געשפּרענקעלטען,
בלעכענעם ציניק, — האָט שוין שרה געהאַלטען יענקעלין בײַ
דער ברוסט און געווינשען זיך, זי זאָל שוין דערלעבען צו הע־
רען, ווי יענקעלע וועט מאַכען א ברכה איבער דער מילך...

די בלאַסע חנה האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט און אויפ־
געזעצט זיך אויפ׳ן בעט.

אונטער דער מוטערס פּלײצעס שפּיעלט זי זיך מיט׳ן
קלײנעם ברודער׳ל, מאַכט איהם: „קוקו״.

איהר קלײן קעפּיל, די בלײכע באַקען מיט די פער־
חלומטע אויגען אין דער ראַם פון א מאַסע אש-גראָהע, צע־
וואָרפענע האָהר, בעווײַזט זיך אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס.
די בעוועגונגען איהרע זענען דאָך צו לאַנגזאַם, דער שמײ־
כעל אויפ׳ן פּנים — צו בלאַס און דער בליק אין די אויגען —
צו שטאַר, דער שפּיעל זאָל קענען אָברײַסען „יענקעלע פרע־
סער״, ווי מען האָט׳ן גערופען אין שטוב, באַלד אין דער־
פריה פון דער ברוסט.

ער איז שטאַרק פערטהון. ער קוקט אויף דער שוועס־
טער, נאָר קײן צײַט צו איהר האָט ער נישט.

איין הענדטיל האָט ער אונטער דער זײַט, אויף וועל־
כער ער ליעגט אויף דער מוטערס שויס, מיט׳ן צווײַטען
בײַגט ער אַוועק די זיים פון דער מוטערס אָפּענעם העמד,
עס זאָל איהם נישט פאַלען אין פּנים אַרײַן, און קוקט דער־
בײַ אויף דער שוועסטער געלאַסען און רוהיג, — זי וועט
איהם נישט ענטלויפען...

חיים שטעהט שוין אין טלית און תּפילין און דאַ־
ווענט, שפּרײַזענדיג אויף און אָב איבער דער שטוב.

אָפּט שטעלט ער זיך אָב, וואַרפט איין אויג צו שרה׳ן,
קענטיג, ער האָט מיט איהר עפּיס צו רעדען, נאָר ער

וואַרפט אַ צווייטען בליק אויפ'ן אַלטען און דאַוועגט ווייטער, און שפּרייזט ווייטער איבער דער שטוב.

פאַר'ן אַלטען האָט ער מורא.

„דער אַלטער מיינט, אַז עס זענען נאָך זיינע צייטען, די אַלטע, גוטע צייטען, ווען אַ יוד האָט צייט געהאַט צו דאַוונען, צו זאָגען וואָרט ביי וואָרט פון סדור „אורח-חיים"... היינט איז זיעבען סוחרים אויף איין פּאָר אַלטע פּלידערן!

ער האָט אַפילו נעכטען פערזאָרגט... די קניה האָט ער בעדונגען פאַר 6 רובל אָהן אַ צעהנעריל, איבערגעלאָזט האָט ער זיעבען גילדען מיט צוועלף גראָשען אַ ד'רויף... אַרויס-געהענדיג פון הויז, האָט ער געגעבען אַ זעקסער דעם סטרוזש, ער זאָל, ביז ער וועט קומען, קיין „האַנדעל" אין הויף אַריין נישט לאָזען.

אונרוהיג איז ער דאָך! ווער ווייסט... איידער ער וועט קריגען אַ שותף!

ער טרינקט שוין טהיי, האַלטענדיג דאָס גלאָז אויף דער פלאַכער האַנד און בלאָזענדיג פאַר יעדען זופּ, און ווייסט נאָך נישט וואָס צו טהון.

שווער צו קריגען אַ שותף!

צו וועמען געהט מען? צום וואַכער? ער וועט איהם אָבשינדען די הויט; צום סקלאַדניק — די קעשענע וועט ער איהם אָבשניידען!

און אַז מען קריגט שוין אַ שותף, מוז מען דאָך איהם אַוועקגעבען האַלב פערדיענכט, האָטש יענער האָט זיך נישט געדונגען!...

אַמאָל קריגט ער ביי שרה'ן עטליכע גילדען. היינט — ווי! נאָך נעכטען האָט זי איהם געזאָגט, אַז עס וועט פעה-לען צום איינקויפען!

און אפשר וועט זי איהם פאָרט געטרויען פון חנה'ס קניפּעל אויף אַ טאָג...

ער האָט אָבער מורא צו פּרוּוען... ער האָט נישט איינ־מאָל געפּרובט און חרטה געהאַט!

ער וואַרפט נאָך אַמאָל אַ בליק אויף שרה'ן און עס דאַכט זיך איהם, אַז עס איז אַ שעת-הכּשר!

זי האָט שוין יענקעלי'ן צוריקגעלעגט. שטעהענדיג ביים וויעגעל, טהוט זי זיך אָן און שמייכעלט אַזוי גוט, אַזוי מחיה־דיג גוט צום קינד, עס וועט אפשר געהן!

— איך האָב ביינאַכט געראַכענט, שרה, — פּרוּווט ער זיך, — די קניה איז גאָר אַ גוטע! ד'וועל, ברוך השם, פּער־דיענען...

— הלואי, רבונו של עולם, — ענטפערט שרה; — זאָל עס זיין אין יענקעלי'ס זכות! זייט ער איז געבוירען, מאַכט זיך געשווינדער אַמאָל אַ פּערדיענסט!

— איך מיין, — ווענדט חיים אָב מיט אַ חנופה־שמיי־כעל — אַז עס איז אונזער חנה'ס זכות; הערסט דו, שרה, — ביים קויפען האָב איך מיר אַזוי געטראַכט: בלי נדר ובלי מסקנא, וועט מען פון פערדיענסט אַראָבנעהמען פאַר חנה'ן חאָטש אַ דריטעל! און, ווי איך טראַכט אַזוי, ווערט די פּריצה ווייך, ווי אַ פּוטער, און לאָזט אַראָב איין צעהנעריל נאָכ'ן צווייטען!

— איז אַודאי גוט, — שמייכעלט איהם שרה צו. און ווערט — דאַכט זיך איהם — יונגער און פרישער... „אַמאָלי־גע יאָהרען — פליהט איהם דורך אַ געדאַנק — וואָס דען... ווען סאַמע גוטע צייטען..." ער האָט אָבער ווייניג צייט צו'ן אַזאַ קלער...

— הכּלל, איז חנה אַ שותּפ'טע.

— מהיכי־תּיתא! אַזאַ יאָהר אויף מיר!

— יאָ אָבער, — שטאַמעלט ער, — אַז חנה זאָל זיין אַ שותּפ'טע — טאַקי, איך רעכען בפירוש אויף איהר מזל, — נאָר, אַז אַ שותּפ'טע...

— איז וואָס? — פרעגט שרה מיט אויפגעשטעלטע אויע־

דען און אויגען... זי איז איהם שוין עפּיס חושד; ער פיהרט שוין צו'ן עפּיס... ער וויל שוין עפּיס!

— איז וואָס? —

— מיין איך טאַקי, זי זאָל זיין איין אמת'ע שותּפ'טע... זי זאָל אַריינלעגען אין מסחר אַ חלק געלד.

— וואָס? וואָס זאָגסט דו? — שרה גלויבט נישט איהרע איינענע אויערען. און אַז ער ענטפערט נישט, שפּרינגט זי איהם אַקעגען:

— גזלן, רוצח! — דאָס איז אַ טאַטע... דאָס איז אַ מאַן! ער ווייסט, דאָס קינד איז אַזוי קראַנק... אַז איך האָב אַ נדר געטהון נישט צו ספּעקולירען מיט איהר געלד... עס איז דאָך איהר שווער פערארבייט געלד! בלוטיג געלד... די קיישליך טראָגט זי מיר נאָך... קריגט אַ מאָל פאַר'ן וועג... איך דערלעג איהר עפּיס...

שרה קען זיך גאָר נישט בערוהיגען...

חיים וויל עפּיס ענטפערן; דער אַלטער לאָזט נישט.

— שווייג שוין בעסער, חיים, שווייג — מאַכט ער — זעהסט דען נישט, אַז שרה'לע האָט רעכט... געה, זוך דיר אַ שותּף... רייס נישט איין די וועלט... לעב און לאָז לעבען.

חיים נעהמט שטילערהייט אין טאַרבע אַריין אַ שטיק ברויט מיט אַ ציבעלע און געהט אַרויס. עס בעלייט איהם דעם אַלטענ'ס שפּרוך:

— האָסט געזעהען ווי פייגעלעך קלויבען בראָקען אויפ'ן הויף? אַ גרויסען בראָקען געהמען צוויי...

נישט פיעל רוהיגער שלאָפט רבקה אין אַלטענ'ס בעט. אינ'ם יונגען קאָפּ וואַלגערט זיך אַרום אַ געדאַנק, וואָס לאָזט נישט פעסטער איינשלאָפען... אַ „בעגעגעניש" האָט זי געהאַט!

איינמאָל פאַרנאַכט, אַהיים געהענדיג פון פאַבריק, האָט זיך איהר אויפ'ן טראָטואַר אַ יונגער מאַן בעגעגענט.

זי גערט גלײַך, מײנט, ער װעט אָבטרעטען, ער טהוט עס אָבער נישט, און קוקט איהר נאָך גלײַך אין פּנים אַרײַן מיט אַ פּאָר גראָהע לוסטיג-לאַכענדיגע אױגען, אַז זי איז רױט גע-װאָרען. זי האָט זיך גענומען אין אַ זײַט און געלאָזט זיך אַהײם מיט געשװינדערע טריט. נעהמענדיג זיך אין אַ זײַטען-גאַס, האָט זי זיך דאָך, נישט גערנװיליג, אומגעדרעהט, און דער-זעהן, אַז ער שטעהט נאָך; ער שטעהט אױפ׳ן זעלבען אָרט און קוקט איהר נאָך מיט׳ן אײגענעם שמײכעל, מיט די צװײ שורות װײסע צײהן.

„זי װעט עס חנה׳ן דערצעהלען", טראַכט זי און האָט עס דאָך נישט געטהון, „װאָס װעט זי, די אָרימע, קראַנקע חנה, פערשטעהן?"

עטליכע טאָג שפּעטער איז ער איהר װײטער אַקעגען געקומען. דאָס האַרץ הײבט איהר אָן געשװינדער צו קלאַפּען, זי שעמט זיך אױפצוהײבען די אױגען; גערט געשװינד פאַר-בײ, נאָר אַזױ אומגעלומפּערט, אַז זי איז שיער נישט געפאַ-לען אױפ׳ן גלאַטען טרעטואַר.

אין גאַנג דאַכט זיך איהר, אַז זי פיהלט, װי זײַן הע-לער, לוסטיגער שמײכעל גליטשט זיך איהר הינטען אױפ׳ן בלױזען האַלז.

און דאָס שרעקט זי; עס דאַכט זיך איהר, אַז אַלע אין גאַס קענען עס זעהען! און ענטלױפט נאָך געשװינדער.

אײן מאָל איז ער איהר װי פון אונטער דער ערד אַרױסגעװאַקסען.

זי האָט אױסגעשריגען: אַח! און ער שטעהט איהר אַ קעגען און פערשטעלט איהר דעם װעג.

— דאַכט זיך, מאַכט ער, — איך האָב דאָס גליק זי צו קענען, פרײלײן!

„פרײלײן" האָט ער געזאָגט!

דאָך װערט זי בעז׳, מײדט איהם אונגעדולדיג און נאָך האַלב דערשראָקען אױס. און דאָך, מוז זי זיך מודה זײַן, אַז

אַ שטימע האָט ער זעהר איין אַנגענעהמע. „אַ גאָלדענע שטי־מע״, זאָגט איהר אונטער דאָס הארץ...

פון דעמאָלט אָן טרעפען זיי זיך כמעט יעדען אָבענד, זי רעדט נישט צו׳ן איהם, שווייגט, נאָר ענטלויפען ענטלויפט זי שוין נישט...

און ער פיהרט זי יעדען אָבענד אָב פון פאַבריק.

זיי געהען צוזאַמען און שווייגען.

אָפט האַלט זי זיך נישט איין און וואַרפט אויף איהם אַ בליק פון דער זייט...

„די וואָנסאַליך זיינע...״

און דערויף ענטפערט ער מיט נאָך אַ לילטינגערן שמייכעל...

מאָדנע אויגען האָט ער... טייל מאָל, דאַכט זיך, פליהען פון זיי גאָלדענע שטראַהלען!

דערווייל איז מען דערפון געוואָהר געוואָרען אין פאַב־ריק; חבר׳טאָרען האָבען בעמערקט, און געמאַכט דערפון אַ גערעד.

מען לאַכט פון איהר, מען וויצעלט זיך אויף איהר חשבון.

יונגהייט—נאַרהייט, — זאָגט מען — היינט ענטלויפט זי, מאָרגען וועט זי נאָכיאָגען...

„נישט דערלעבען וועלען זיי עס!״ טראַכט רבקה.

— זי וועט אַרויסשטעקען די צונג — ווי אַ שעפס צו זאָלץ... וואו נעהמט מען עס...

רבקה פערבייסט די ליפען און שווייגט.

— און אַ שענער יונג, — זאָגט מען, — אַ גאָלדענער יונג! האָהר, אויגען, אַ נאָז — ווי אָבגעטאָקט. פון וועבטענ־טאַש שלעמפערט זיך נאָך אַ גאָלדענע קייט מיט אפשר צעהן גאָלדענע ברעלאָקען!

רבקה פיהלט זיך אַ ביסעל שטאָלץ.

— אפשר טאָמבאַק? ס׳איז איינע מסופק,

— חלילה! — טראַכט רבקה... אַנדערע זאָגען אויך:

— נעה שוין נעה... מען זעהט, — אַ גבירישׁ קינד!
וואונדערט מען זיך נאָך מעהר:
— ווילסט נאָך נישט שפּיעלען קיין ליעבע, נאָך צייט?
אָבער שׂכל האָב: רעד אַ גוט וואָרט, נעהם קליינע מתּנות, חאַפּ איין אָנבייסען... צוקערקעס... בילעטען אין טעאַטער אַריין.
עמיק לאָכט העל אויף:
— אודאי! נעהמען ווי אַ בייז פערד... נאָר געגאַרען זיך לאָזען, נישט! אַ מכּה זיי!
עס לאָזט זיך ענדליך הערען די עלטסטע מיט׳ן לאַנגען, ביינינען פּנים, פערשפּיצטער גאָמבע און זייטיגע, גרינליכע בליקען.
— טע, טע, טע, — מאַכט זי, — אַ קליינינקייט, וואָס דאָס האָט צו פערנאַרען! חופּה־שטאַנגען וואַרטען, הבדלות שוין גרייט, נדן, — ווי הייסט? אַ שׂלל! שדכנים רייבען אָב די שוועל, חתנים רייסען די טהירען!
רבקה פערבייסט שאַרפער די ליפּען, בויגט טיעפער דעם ברענענדיגען קאָפּ איבער דער אַרבייט און צוויי הייסע טרעהרען פאַלען איהר אויף די הענד, וואָס זענען בעשעפטיגט ביי דער מאַשין.
און דאָס לאָזט זי נישט שלאָפען!
ניין! זי וועט גאָר נישט, גאָר נישט נעהמען!
קיין בילעט אין טעאַטער אַריין, אודאי נישט!
איינמאָל האָט מען זי פערהאַלטען שפּעט ביי נאַכט אין פאַבריק; נייטהיגע אַרבייט געווען... איז די מאַמע געקומען צו לויפען אָהן אָטהעם, אָהן אַ נשמה... אַז די מוטער האָט זי דערזעהן, האָבען איהר די אויגען אָנגעהויבען פינטלען, דערנאָך שפּריצען ווי אַ פאָנטאַן... הינטען, אין פאַבריק־הויז, ביי די טרעפּ, איז ערשט געשטאַנען דער אַלטער ציידע און געקנאַקט די פינגער...

— געלויבט איז גאָט, — האָט ער געמורמעלט — געלויבט איז גאָט!

„ניין, זי וועט עס נישט טהון!“

שרה וויל שוין אויך געהן אין גאָס אריין. זי שטעלט דעם אלטען אַ גלאָז מילך בײם טישיל, רוקט איהם צו יענקע־לען מיט׳ן וויעגעל, און וויל נאָך פערזאָרגען עטליכע קליי־ניגקייטען אין בעל־בתי׳שקייט...

דערביי האָט זי דאָך צייט צו קלאָגען זיך פאר׳ן אלטען אויף דער היינטיגער וועלט.

— איהר האָט דאָך געהערט, שווער! תנאים דארפען זיין... דער לעצטער טערמין... טעלעגראַפירט, מען הייסט שוין איינקויפען... און זי, די כלה׳שי, מאַכט אַ סקאנדאל! זי וויל נישט! זי וויל נישט קיין חתן פון פראָווינץ... זי האָט אַ ווארשאָווער, זאָגט זי! אַ ווארשאָווער דייטשעל האָט זי!

חנה. וואָס איז ביז אַהער געלעגען מיט אָפענע אויגען צום סופיט און געקוקט ווי די פליגען רייסען זיך אָב איינע נאָך דער אנדערע און צופליהען זיך אין שטוב, דערהערט וואָס די מוטער דערצעהלט, זעצט זיך פלוצים אויף, איהרע גע־וועהנליך מאַטע אויגען בעקומען אַ גלאַנץ... זי הערט, זעהט אוים, און אינטערעסירט זיך... זי שפיצט נאָך אויף די אויע־רען און עפענט דאָס מויל, ווי צום איינשלינגען דער מוטער׳ס ווערטער.

די מוטער איז פון דעסטוועגען זיכער, אַז דאָס פערדיענסט וועט נישט ענטרינען „תנאים וועלען, אם ירצה השם, זיין! דער אַלטער פימסענהאָלץ וועט זיך זיין שטערטעל בעשטעהן... די „צוגאָסענע פימסענהאָלצען“ שווייגט אויך נישט... „איי, האָט זי נעגעלעך!“

— קודם כל, — האָט מיר די קעכין פון דאָרט דער־צעהלט, — האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע, געפונען בריעף פון עפּים אַ דייטשעל, אַ ימח־שמו׳ניק און מען האָט זיי פערברענט

דערנאָך ערשט האָט זי געלייזט, אָבער שוין געלייזט... בײַ די האָר האָט מען זי ארומגעשלעפּט.

חנה פּיהלט אַלץ, די אויגען ווערען איהר פייכט, דאָס פּנים — גערייטעלט און פערצערהרט פאַר רחמנות.

זי פאַלט צוריק אויפ׳ן קישען מיט אַ געוויין.

שרה דערשרעקט זיך, דער אַלטער לויפט אויך צו.

— וואָס איז חנה׳לע, וואָס איז דיר געשעהן?

— אַ שאָד מאַמע, אַ רחמנות...

— אויף וועמען, טאָכטער? אויף וועמען? וואונדערט זיך שרה.

— אויף דער כ־כ־כלה... זי איז אַזאַ — אַזאַ גוטע... אַזאַ האַרציגע... גיט מיר שטענדיג געלד... דאָס געלד, וואָס איך גיב דיר... זי גלעט מיך... זי קושט מיך אַמאָל... זי וויל מיך אפילו לערנען שרייבען.

— נאָך דאָס פעהלט מיר! מאַכט שרה נישט גערן — צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, צו זייער הענד און פיס! זי וויל דיר אויך דעם קאָפּ פערדרעהען... זאָלסט אויך נישט פאָלגען אַ מאַמען.

חנה ענטפערט אין מיטען געוויין:

— ניין, מאַמעשי, ניין! האָב גאָר קיין מורא נישט! איך וועל דיך שטענדיג פאָלגען! וואָס פאַר אַ חתן דו וועסט מיר נישט געבען!

עס הערט זיך פּלוצים אַ קלינגענדיג געלעכטער.

דאָס לאַכט רבקה פון דער שוועסטער׳ס נאַרישקייט.

— מרשעת. — שרייט שרה, — דאָס קינד איז קראַנק, מסוכן־קראַנק און זי לאַכט..! לאַכען זאָלסטו, וועל איך דיר זאָגען ווי.

— שילט נישט, שרה, — בערוהיגט זי דער אַלטער,— זי איז דאָך אויך אַ קינד.

שרה געהט אָב פערדראָסען און וואַרפט, ארויסגעהענדיג פון שטוב, צו רבקה׳ן אַ בעפעהל: שטעה אויף, פראַנ־

צימערקע... גיב חנה'ן טהיי, קעהר אויס די שטוב...

דער אַלטער מנשה האט אויסגעטרונקען זיין מילך און האָט זיך געזעצט צום פענסטעריל.

דורכ'ן פענסטער'ל פון סוטערינע זעהט מען נאָר די שמאלע לאַנגע שאָטען, וואָס די פיס פון די דורכגעהער וואַרפען אויף די קליינע שויבען.

וואָס גרעסער עס ווערט דער טאָג, ראַשער טוישען זיך די שאָטען; טרויעריגער ווערט דער אַלטער. מענשען איילען זיך, לויפען, האַנדלען און וואַנדלען; ער איינער (אַזוי דאַכט זיך איהם) טויג שוין צו גאָר נישט.

ער נעהמט זיך צום תהלים'ל מיט עברי־טייטש.

מיט אַ ציטעריג קול זאָגט ער אַ פסוק לשון קודש, אַ פסוק יודיש, און ריהרט מיט אַ ציטעריגען פוס יענקעלי'ס וויגעלע.

רבקה זיצט שוין האַלב אָנגעטהון ביי חנה'ן אויפ'ן בעט. ביידע טרינקען טהיי. נעבען רבקה'ן, וואָס שפריצט מיט פריש לעבען, זעהט חנה נאָך קרענקליכער, נאָך בלאַסער און קלע־נער אויס; נאָך קינדישער.

זיי האַלטען אין מיטען אַ פערטרויטען שמועס.

— איך וועל נישט אויסזאָגען, חנה, דערצעהל!

— שווער דיך!

— איך שווער...

— ביי וואָס?

— ביי וואָס דו ווילסט.

חנה קנייטשט איין דעם שטערן און קלערט אויס:

— ביי יענקעלי'ס געזונד!

— ביי יענקעלי'ס געזונד! חור'ט איבער רבקה.

— נו וואָס!

— אַז דאָס!... אַז איך וועל נישט אויסזאָגן, וואָס דו ווײסט מיר דערצעהלען...

חנה פערטראַכט זיך.

— זיצענדיג — זאָגט זי — קען איך נישט... איך וועל בעסער ליעגען און קוקען אויפ'ן סופיט; אַזוי פערגעס איך אַלץ און פלאָנטער מיך... אַז איך ליעג און קוק אַרויף, זעה איך אַלץ פאַר מיר... שטעלט זיך מיר אַלץ אַקעגען...

— נו, לעג דיך, חנה...

— דו אויך! לעג צו צו מיר דאָס אויער, עס איז אַ שרעקליכער סוד! איך וויל נישט, דער זיידע זאָל הערען!

און חנה קנייטשט נאָך שטאַרקער איין דעם שטערן. זי עטהעמט שווער, ווי פון אונטער אַ שווערער לאַסט. זי פאַלט צוריק אויפ'ן קישען.

שטאַרק פעראינטערעסירט, שטעלט רבקה געשווינד אַוועק די גלעזער און לעגט זיך צו.

דער אַלטער האַקט איבער זיין תהלים, וואַרפט אַ בליק צום בעט און פרעגט:

— נישט גלייכער אויפצורויטען, רבקה?

— באַלד, באַלד זיידישי, — ענטפערט רבקה, — חנה וויל מיר עפּיס דערצעהלען.

דער אַלטער בעוועגט דעם קאָפּ מיט אַ טרויעריגען שמייכעל און הייבט אָן ווייטער זינגען זיין תהלים מיט'ן עברי טייטש.

און חנה דערצעהלט מיט איין אַיין געקנייטשטען שטערן און ווייט-געעפענטע, כמעט שטאַרע אויגען, פאַר וועלכע רבקה שרעקט זיך אַ ביסעל. עס דאַכט זיך איהר, אַז חנה דערצעהלט נישט פון זכרון, נאָר זעהט עפּיס פאַר זיך און זאָגט, וואָס זי זעהט. און איהר שטימע איז אַזוי טיעף, און דער אָטהעם פּיהלט זיך איהר אַזוי הייס...

חנה דערצעהלט:

... די קעכין איז ערגיץ ארויסגעגאנגען ... איך בלייב איינע אליין אין קיך ... אויף דער מאמען ווארט איך; זי דארף נאך מיר קומען.

— רבקה, שלאגט זי זיך פלוצים איבער — ווען האָבען מיר געגעסען הירזש מיט האָניג?

— נעכטען! — ענטפערט רבקה מיט איין אונהיימליכער שטימע.

— איז עס טאַקי געוועזען נעכטען ... יאָ, נעכטען ... זיץ איך אַזוי און זופּ טהיי. די קעכין גיט מיר שטענדיג טהיי ... ווען איך קום, גיט זי מיר טהיי ... און דאָרט איז א מחיה טהיי צו טרינקען ... מיט אַ זילבערן לעפעלע, עס גלאַנצט ... פון טהיי ווערט אַזוי וואַרים אין אַלע אברים ... און צוקער — הערסט — אַריינגעלעגט.

איך וויל טרינקען צוגעבּיסען, די רעשט אהיים נעהמען; לאָזט זי נישט, די קעכין. זי זאָגט: צוקער איז פאַר דיר געזונד, זאָגט זי ... און קוקט, איך זאָל אַריינלייגען אַלע דריי שטיקער!

א פונט צוקער קריעגט זי דאָרט די קעכין; יעדע וואָך א פונט צוקער! אַ חוץ וואָס זי נעהמט אַליין, פון דער זילבּערנער פושקע, וואָס שטעהט אין דער ערשטער שטוב ... אָפען שטעהט זי; איך האָב אַליין געזעהען! נאָר איך וועל נישט נעהמען...

אויף דער פושקע איז דאָ אַ הירש. די פּימסענהאָלץ האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז עס איז אַ הירש; מיט אַזוינע גרויסע, גיזדרעהטע הערנער ... איין אמת'ער הירש.

— הכלל, דו זיצסט אין קיך? — מינטערט זי רבקה.

יאָ, זיץ איך אויפ'ן בעט. אויפ'ן שענעם בעט ... אוי, האָט עס די קעכין א בעט! דריי גרויסע קישען, ווייסע ציכלעך, ווי שניי ... געשטיקטע לאַנגעטען, עס קוקט אַרויס רויט... גרויסע פערלמוטערנע קנעפּ, ווי פערציגער גרויס! אַ געשטעפטע אַמלעסענע קאָלדרע. אין מיט'ן — א גרויס ראָד ווי

אַ בּרונען! אַרום און אַרום — גרויסע אָדלער מיט פליגעל... פון אויבען נאָך אַ גרינע, ווידענע קאָפּע... אַ גאַנצע פּריצה׳טע איז זי, די קעלין; נאָר אַ גוטע. בּעט מיך זיצען אויפ׳ן בּעט צופיסענס... שאַרט אַוועק די קאָפּע מיט דער קאָלדרע.. זי האָט מיך ליעב, זאָגט זי, און — ווייסט דו פאַר וואָס רבקה?

— פאַר וואָס?

— זי האָט אויך, געהאַט אַזאַ מיידעל ווי איך... נישט חנה האָט זי געהייסען, נאָר אין מיינע יאָהרען... געשטאָרבען איז זי... האָט זי מיך ליעב... זאָגט זי...

— וואָס האָסט דו אַ ציטער געטהון, רבקה?

— עט, גאָר נישט... דערצעהל ווייטער, חנה...

— איך זיץ און זופּ טהיי... און זי קומט אַריין...

— ווער?...

— די געשלאָגענע כּלה...

— וואָס? די געשלאָגענע —

— האָסט נישט געהערט? — די מאַמע האָט דאָך דערצעהלט! יאָ, יאָ, מען שלאָגט זי, ווייל זי וויל נישט דעם חתן —

— אַהאַ. — הכּלל — זי קומט אַריין?

— זי קומט אַריין — אַ בּלאַסע... רויטע אויגען — הערסט, רבקה, אין שטוב טראָגט זי אַ בּלאָה-זיידען קלייד, אַ שפּאָגעל נייעס, מיט רויטע פּינטעליך — הונטען שלעמפּערן זיך נאָך צוויי לאַנגע, בּרייטע, אַטלעסענע, אויך רויטע, שאַרפען, אונטען בּענייהט מיט שוואַרץ-זיידענע פרענז — און בּריליאַנטענע אויערינגלעך, — פערקעמט איז זי אויסטערליש — הויך איבּער׳ן קאָפּ אַ קרענציל — אין מיטען קרענציל — אַ טויב מיט צוויי אויסגעשפּרייטע פליגעל, — פערשטעהסט? פון די האָהר אויסגעלעגט! די בּייהאָהר פערנומען הינטען מיט אַ גאָלדענער קלאַמרע; פון פאָרענט — אַ גאָלדענע שפּילקע, אפשר צוויי! בּיים פּאַסיק ווייטער אַ גאָלדענע

קלאמרע — · א פערבלענדעניש! וואו זי גיט זיך נישט א ריהר גיט ווי א בליץ!

חנה שמאַקט.

— און שוין?

— וואַרט — עס איז א גרויסער סוד, רבקה. און זי גיט צו מיט שרעק:

— נאַט וועט שטראָפען, אז דו וועסט, חלילה, אויכזאָגען!

רבקה פערזיכערט, אז זי וועט נישט אויסזאָגען.

חנה לעגט רבקה'ן אונטער די האַנד, דריקט איהר קאָפּ נעהנטער צו זיך און דערצעהלט ווייטער מיט נאָך א שטילערער, נאָך א טיעפערער שטימע.

— זי דערזעהט מיך און פאַלט צו מיר צו מיט א געוויין. —

— וואָס האָט זי פון דיר געוואָלט?

— א טובה האָט זי געוואָלט פון מיר!

— א טובה? זי פון דיר א טובה?

— שטעקט מיר אין האַנד אריין א האַלבען רובל — דעם האַלבען רובל, וואָס איך האָב נעכטען אָבגעגעבען דער מאַמען — און נאָך עפּיס...

— וואָס נאָך? חנה'שי!

„חנה'שי" אין רבקה'ס מויל, איז א זילבערער שליסעל צו עפענען חנה'ס האַרץ.

— א בריעף — א בריעף, זאָל איך איהר אָבגעבען — בסוד סודות.

— און דו האָסט גענומען?

— וואַרט — זי לערנט מיך אויס אויסענווענדיג די אַדרעס; איך קען דאָך נישט לעזען! הערמאַן... דעם צווייטען נאָמען האָב איך שוין פערגעסען — די גאַס אויך — נומער, דאַכט זיך, 40 — יאָ פערציג.

— האָסט גענומען און אָבגעגעבען? פרעגט רבקה מיט א פערבאָרגענע שרעק.

— נישט אַזוי געשווינד, — ענטפערט חנה נאַאיוו — איך האָב פריהער געבלאָנדזשעט.

נישט דאָס אָבער אינטערעסירט רבקה׳ן.

— עס איז אַ בחור? — פרעגט זי שאַרף.

— ווייס איך? מן הסתם —

— וואָהנט אַליין? —

— דאַכט זיך — יאָ; ער אַליין האָט מיר געעפענט. איך האָב נאָר אַ דריק געטהון דאָס ווייסע קנעפיל — זי האָט מיך עס אויסגעלערנט. —

— ער האָט צוגענומען דעם בריעף? —

— צוגענומען.

— געגעבען תשובה?

— תשובה האָט ער נישט געגעבען. ער וועט שרייבען אויף דער פּאָסט, זאָגט ער. נור ער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט׳ן בריעף. ער האָט פאַר גרויס פרייד מיך אַריינגענומען אין שטוב, געזעצט אויף אַ בענקיל...

— נאָך וואָס?

— פאַר גרויס שמחה! ער האָט מיר אפילו געגלעט די האָהר — אַזוי ווי די מאַמע טהוט אַ מאָל — אַ יום-טוב, צי שבת, ווען זי האָט צייט...

דערנאָך האָט ער געלאַכט און האָט מיך אפילו געקושט... אין מויל אַריין, גלייך אין מויל אַריין... דערנאָך די אויגען... שענע אויגען, זאָגט ער, האָב איך...

רבקה בלייבט ליגען ווי פערשטאַרט...

חנה פערטראַכט זיך אַ ביסעל, און ענדיגט:

— אָבער שפּעטער, אַז ער האָט געוואָלט מיר עפענען דעם בוזעם און אַריינשטעקען די האַנד, האָב איך מיך פערשעמט און בין אַנטלאָפען... ער האָט פערגעסען צו פערמאַכען די טהיר... אָפען געוועזען...

— געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט... — שעפּצעט רבקה מיר אַ פערשטיקט געוויין...

— וואס זאגסט דו? רבקה...

— גאר נישט, חנה...

— זאג נור, רבקה, נאך וואס האט ער עס געוואלט אריינשטעקען אין בוזעם...

— שווייג! שלאגט איהר רבקה איבער מיט שרעק.

— — — — — — — — — — —

צום גליק הערט נישט דער אלטער. ער איז פערטיעפט אין זיין תהלים. ער זאגט א פסוק און פערטייטשט באלד:

„זיי האבען קיין וואהר ווארטנישט אין מויל... אינערוועניג, אין הארץ, הייסט עס, האבען זיי א בראך... זייער האלז איז אייז אפען קבר... א גרוב, הייסט עס, איינצושלינגען... און א גלאטינגע צונג האבען זיי..."

רבקה הערט זיך איין מיט א בלאס פנים און פערביסענע ציינער...

חנה קוקט זי אן דערשראקען...

פון וואַנען נעמט זיך:

„ער שפּיעלט פאַר'ן טייוועל".

(א פאַנטאַזיע.)

עס האָט געקאָנט זיין אַ כלי־זמר, וואָס האָט זיך אין אַ מיידעל אויף אַ חתונה פערליעבט. ער האָט זעלטען, זעלטען שען און טרויריג געשפּיעלט, ווייל ער האָט בעמערקט, אַז זי הערט, פיהלט און פערשטעהט איהם.

אויף דער חתונה, וואו זי איז געוועזען, האָט ער גע־שפּיעלט שטענדיג וויינענדיג, שטענדיג האַרץ־רייסענדיג; שטענ־דיג האָט זיך זיין ווייטאָג געגאָסען און געגאָסען.

און דער עולם האָט נישט פערשטאַנען, וואָס עס איז, און האָט דערביי „מצוה־טענץ" געטאַנצט; זי איינע האָט פערשטאַנען, און די ליכט אין איהרע אויגען, אָדער דער פּייכטער טהוי אין זיי, האָט אויף זיין שפּיעלען געענטפערט.

איז אָבער זי אויף דער חתונה נישט געוועזען, האָט ער גלייך ווי אַלע אָנגעהויבען גרימפּלען און רופען:

— שבת, שבת!

עס האָט געהילעכט, געשאַרפּיט, געריסען, די גערערים איבערגעוואָרפען...

און דער עולם האָט געזאָגט:

— היינט שפּיעלט ער וואויל! ער רייסט איין סטרונע נאָר דער צווייטער!

דערנאָך האָט ער אויף איהר איינענע חתונה גע־שפּיעלט.

זי איז אַ יתומה געוועזען, און בײ׳ם אל-מלא-רחמים האָט די פידעל אַזוי יעמערליך געוויינט, אַזוי געקלעמט, אַזוי געקרעכצט, אַז ...

אַז די מענער האָבען געוויינט ווי ווייבער, און ווייבער האָבען גע׳חלש׳ט.

— דער טײוועל שטעקט אין זיין פידעל, — האָט מען געזאָגט.

און ערשט, אַז די כלה האָט אָנגעהויבען חלש׳ען און ווייבער האָבען זיך מיט קרעמפען צופּאַכט, האָט מען איהם די פידעל פון די הענד אַרויסגעריסען.

דעמאָלט ערשט האָט מען בעמערקט, אַז ער האָט גלעזערנע אויגען ...

דערנאָך האָט ער אַ צייט לאַנג נישט געשפּיעלט.

ער איז ערגיץ פערפאַלען געוואָרען, אפשר ערגיץ קראַנק געלעגען ... אין אַ צייט אַרום האָט מען איהם ווידער אין קאַפּעליע געזעהן, נור — קיים דערקענט ... בלאַס, אויסגעמאָ-גערט, מיט פערלאָשענע אויגען; גאָר נישט דער מענש, און גאָר נישט דאָס שפּיעלען. ער האָט שוין מעהר קיין שטייגער נישט געשפּיעלט, אַפילו נישט פּרים געהאַלטען. איין אַנדע-רער האָט געשפּיעלט פּרים, און ער האָט צוגעהאָלפען, זיצענ-דיג, נישט ריהרעוודיג ...

איינמאָל האָט ער זי דערזעהען בײ׳ן אַ „וויעטשערע״. ער איז אויפגעשפּרונגען, אויסגעריסען די פידעל בײ׳ם פּרים און אָנגעהויבען שפּיעלען. שפּיעלען ווי אַמאָל: דאָס אויג פלאַמט, דאָס האַרץ דריקט, די פידעל וויינט —

נאָר קיינער הערט נישט... זי הערט אויך נישט! זי האָט זיך צוריק פערמישט צווישען די ווייבער, ער זעהט זי נישט, איהר בליק ענטפערט נישט —

— העי! כלי-זמר! — שרייט אַ מחותן — שפּיעלט עפּיס פריילּיכעס צו דער וויעטשערע! חאַפּט ער די פידעל, וואַרפט צו דער ערד און ענטלויפט.

— אין דעם יונג שטעקט דער טײַוועל,—האָט מען געזאָגט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער גאָר אויפגעהערט צו שפּיע־לען אויף חתונות. דער עול פון פּרנסה איז אין גאַנצען אויפ׳ן ווײַב געפאַלען; ער איז געזעסען אין שטוב, שטענדיג מיעד׳ בלאַס, אָהן כּח.

דאָס ווײַב האָט געזאָגט: אַ דבוק, און געמאַכט זיך אַ שטעל אויפ׳ן מאַרק מיט געקאָכטע אַרבּים.

זי דאַנקט אָין לויבט דעם אייבערשטען, וואָס האָט זי געשטראָפט מיט רחמנות, וואָס האָט איהר אַ גוטען דבוק געשיקט. איין אַנדערער שלאָגט און הרג׳ט און האַקט אויס שויבען. דער דבוק איז האָטש אַ גוטער, אַ שטילער... וואָלט זי געהאַט געלד, וואָלט זי צו׳ן אַ גוטען יוד געפאָהרען.

— ער איז אַזוי גוט,—ריהמט זי זיך,—אַז ער שעלט אפילו נישט. אַמאָל פלעגט איהם גיכער אַ קללה אַרויס פון מויל; היינט איז ער שטיל ווי אַ טויב. ער וויל אפילו נישט עסען... גיט מען איהם, עסט ער, נישט—נישט!

נאָר טייל מאָל, האַלבער נאַכט, מעהרסטענטיילס אין אַ לבנה־נאַכט — הייבט ער זיך אויף, נעהמט אַראָב די פּיע־דעל פון וואַנד, זעצט זיך צום פענסטער און שפּיעלט.

ער שפּיעלט אַמאָל וויינענדיג, אַמאָל לאַכענדיג; אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך, אַמאָל רייסט ער די סטרונעס, אַמאָל גלעט ער זיי אַזוי איידעל, אַזוי פיין, אַזוי האַרצענדיג־ווייך, אַז עס צוגעהט אין אַלע גלידער...

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּיעלט פאַר׳ן טײַוועל.

וואָס מתים פערצעהלען.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך געהונגערט.

און אַז דער קאָפּ איז שוין צו־שווער געוואָרען, דאָס בלוט האָט מערדעריש אין די שלייפען געהאַמערט, און פאַר די פינטעלדיגע אויגען האָבען ווערמליך געווימעלט, און איך האָב מיך, אָנהאַלטענדיג זיך בײַ די ווענד, אַרויסגעוואַקעלט פאַר דער טהיר בעטען ברויט, איז פּונקט געווען תשעה־באב, ווען אַלע פאַסטען.

די זון איז געשטאַנען הויך איבער'ן מאַרק, געגאָסען ליכט און היץ אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך אַריין... און עס געהען די פאַסטער אויפ'ן בית־עלמין אַרוים, זיך קיהלען.

געה איך מיט.

ביימלעך וואַקסען צווישען די קברים, נאָגען זײַ די טויטע אוים. צום הימעל רייסען זײַ זיך נישט, האָבען זײַ פאַר דאָס שטאַמען פעסטערע, צווייגען דיקערע, צושפּרייטע־רע, און בלעטער — פעטערע און גרינערע, און גיבען שאָטען אַ סך. —

געקומען בין איך, דער הונגעריגסטער, אַמשפּעטסטען.

פערדריכט עס מיך; אַלץ פערדריסט אַ הונגעריגען.

אויך פערדריסט מיך, פאַר וואָס געהען די לעבעדיגע צווישען די קברים און וואַקלען זיך, און וואָלטען געשכרוי־בעלט און געפאַלען, עס זאָל זיך וואָס אַמאָל אַ לעבעדיגער נישט אָנחאַפּען אָן אַמצבה פון אַ טויטען...

און פאַרוואָס, אַרומדרעהענדיג זיך צווישען די קברים, רעדען זיי אַזוי שטיל? פאַרוואָס זאָלען די טויטע נישט הערען? ווערען זיי מיר פערהאַסט, די לעבעדיגע, מיט זייער סור'ן און וואַקלען זיך, לאָז איך מיך פון זיי צום שטיק אַלטען בית-עולם אַוועק, וואו די לעבעדיגע געהען שוין נישט, וואו זיי קאָנען זיך שוין קיין קרובה'שאַפט נישט אויסרעכענען, און זייער פוס טרעט נישט. און וואַרף מיך אין הויכען גראָז אַריין, וואו איך זעה אַלע און מיך זעהט קיינער נישט. און אַז איך וויל אויך נישט זעהן, לאָז איך די ברעמען אַראָב, מאַך די אויגען צו פעסט, דרימעל איך איין — —

געדענק איך נישט, וואָס מיך האָט אויפגעוועקט: אַ חלום אַ בייזער, צו אַ בייסענדיגער קאָמאַר. נאָר אַז איך האָב מיך אויפגעהאַפּט — אַ גרויסע לבנה שווימט, אַ שטיל בית-עלמין, טויטע שטערען נישט, שפּעטער אָוונד, פון שטאָדט זעהען זיך נאָר די בעלייכטע פענסטער פון שוהל, דאָרט זאָגט מען „ויחל".

ווייסע פלעקען שוועבען דורך. דאָס געהען מתים פאַרביי, מיט די פּנים'ער צו דער שוהל, מיט די רוקענס צו מיר און זעהען מיך נישט.

נישט ווייט פון מיר, הער איך זיי.

— איך געדענק — זאָגט אַ לאַנגער מת — שוין גאָר נישט.

שאָקלען יענע צו מיט די קעפּ.

שטעלט מען זיך אָב.

— נאָר איין חלום — גיט דער לאַנגער צו — איז מיר אין זינען געבליבען; פון די יונגע יאָהרען.

— דעמאָלט גע'חלום'ט. און אפשר ערשט אַצינד, און דאָס לעבען דאָרט איז נאָר דער בעשייד צו דעם חלום געווען?

זאָגען זיי:

— דערצעהל!

דערצעהלט ער.

„ער גערט אויף א וועג, איינער אליין און אין א פינסטערניש. וואָס אונטער מיר, וואָס רעכטס איז און לינקס, ווייס איך נישט"...

„געוואוסט, אייגענטליך, האָט ער: סעדער געווען, גערטען געווען. אין די סעדער און גערטען זענען הייזער געשטאַנען, אין די הייזער האָבען מענשען געוואוינט; יונגוואַרג — אין די סעדער און די גערטען שפּאַציערט. פון בוים אראָב, אין די סעדער, פרישע אויבס אין מויל אַריין זיך געריסען. בלומען — אין די גערטען. און אין די גערטען האָט מוזיק געשפּיעלט, האָבען זיי אַרום דער מוזיק שפּאַציערט; צום טאַקט. אין די זייטען-וועגען — האַרציג געפלוידערט. אין די טונקעלע ווינקעלעך — זיך געקושט. אין די אַלטאַנען — געטרונקען און געלאַכט — — נאָר געזעהען דאָס אַלץ האָט ער נישט. פאַר איהם איז אַלץ אַרום איינגעזונקען געוואָרען אין חשך. געהערט האָט ער אויך נישט — פאַר זיין אויער איז אַלץ פערשטומט געוואָרען... זיינע אויגען האָבען נאָר געזעהן דעם וועג פאַר זיך, און די אויערן האָבען נאָר א געזאַנג פון ווייטען געהערט. און אפשר האָבען נישט די אויערן געהערט, נאָר דאָס האַרץ; א שטיל-פער'כשופ'ט געזאַנג געווען, א ליעד, וואָס האָט געצויגען... די ווערטער פון ליעד האָט ער נישט פערנומען; אפשר גאָר אויף א פרעמדער שפּראַך געווען, נאָר די מעלאָדיע. געפיהלט האָט ער, אַז ווען ער זאָל די ווערטער פערנעהמען, וואָלט ער אַלץ געוואוסט, אויף אַלעם בעשייד בעקומען, — אַזוי האָט איהם דאָס האַרץ געזאָגט... און דער וועג גלאַנצט אויך פער'כשופ'ט, עפּיס א שימערירענדיגער שאַרף ציהט זיך אין חשך, אויסגעצויגען ביז אַהין, ביז צום וואָרט פון דער מעלאָדיע"...

ער זעצט זיך, יענע שטעלען זיך אַרום איהם.

— היינט, זאָגט ער, ווייס איך, וואָס דער וועג האָט בעטייט...

„אַ סך, אַזוינע, ווי איך, זענען פאַר מיר געווען, האָבען זיי מיט די פיס דעם וועג אויסגעטרעטען. קיין גרעזיל, קיין בלימעל געבליבען"...

„איך האָב מיך גאַנץ אָפּט אָבגעשטעלט און געוויינט פאַר צער און צאָרן, פאַרוואָס מען קאָן נישט דערגעהן; זיי אויך...

פאַלען די טרעהרען פון פּנים אַראָב, ווערען זיי אויפ'ן וועג פערגליווערט, גלאַנצען זיי, שימערירען זיי, — די איינ-ציגע טרייסט...

„דערגעהן קאָן מען נישט".

„ווער עס זינגט און רופט, ווייסט מען נישט".

„אַמאָל האָט זיך מיר געדאַכט — אַ וויַיטער שטערן אין הימעל רופט, זינגענדיג. איך געה אַ זינגענדיגען שטערן נאָך. און באַרג-אויף געהט דער וועג, צו הימעל צו"...

„אַמאָל — אַז זי רופט"...

„זי האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. דאָס האָב איך געוואוסט, אָבער אַז זי רופט"...

„און טיילמאָל, אַז אַ פויגעל זינגט, נאָר עפּיס אײן אַנדערער, נישט ווי אַלע..."

ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, פערטראַכט זיך און עס דערהערט זיך אַ פרויען-שטימע:

„איך האָב אַנדערע ווענען געהאַט — אין אַ גאָרטען! — גיט זי צו אַ ביסעל בעריהמעריש! —

און זיפצט באַלד אָב:

— איך אַ חלום פון יונגע יאָהרען... און אפשר — גע'חלומ'ט ערשט אַצינד... איך קען נישט וויסען...

און זי פערצעהלט:

„אַ קליין מיידעלע בין איך געווען, און איינע אַליין אין שטוב".

„עפּיס זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען, אויף אַ לויה, אויף אַ שמחה?"...

„נײַן, געמוזט אַ קונצענמאַכער געהן אין מאַרק איבער אַ שטריק; די דיענסטען זענען אויך אַוועקגעגאַנגען".

„קיין ניאַניע שוין נישט געהאַט; לאַנג צוריקגעגאַנגען אין דאָרף אַרײַן".

„אָבער גלייך ווי געהאַט. איך האָב נאָך אַלע איהרע מעשה'לעך געדענקט. אַ גאַנץ ניאַניע-וועלטיל האָט אין יונגען הערציל געלעבט — און דאָס שפּיעל-צייג, וואָס איך האָב גע-האַט: העלדען אַלערליי, פערדלעך פלינקע, אַ בת-מלכה, וואָס האָט געקאָנט די אייגעלעך עפענען און פערמאַכען, ווען איך האָב געוואָלט. און אַ האָהן מיט אַ רויטען קאַם און אַ היהן, וואָס האָט געקוואַקעט, ווען איך האָב געהייסען... דאָס אַלץ איז געווען די בעפעלקערונג פונ'ם וועלטיל... אפילו דאָס טראָמפּייטעריל מיט'ן פּייקעל האָבען אַרײַנגעפּאַסט אין דער מלוכה פון די מעשה'לעך... בין איך ווירקליך אַ גוט און שטיל קינד געווען, קיינמאָל נישט געוויינט... לעב איך מיר, אַליין געלאָזט, אין מיין ניאַנעס וועלטיל און שפּיעל מיך"...

„שפּיעל איך מיך אַזוי".

„פאַלט מיר פלוצלונג איין, גיב איך איינעם פון די העלדען אַ פרעג:

— האָסט מיך ליעב, הוסאַר?

„און דאָס ערשטע מאָל בעמערק איך, אַז ער ענט-פערט נישט".

„זאָג איך: קוש מיך! און לעג-צו מויל צו מויל, און צום ערשטען מאָל דערפיהל איך אַ קעלט פונ'ם בלעכיל...

„האַפּט מיך אָן אַ פלוצלינגער צאָרן".

„וואַרף איך דעם הוסאַר אויף דער פּאָדלאָגע; די אַנ-דערע העלדען — נאָך. צורייס איך דאָס פערדיל; שיט זיך שטרוי. די בת-מלכה געשליידערט — פּאָרצעליי פלאַצט. אַזוי די פּייקלעך, דאָס טראָמפּייטעריל — טרעט איך זיי מיט די פים און שריי:

— ניאַניע! ביזט אַ ליגנערין, ניאַניע!

„הערט מיר א שאד; אַ וועלטיל טויט געוואָרען״...
„בעוויזט זי זיך, די ניאַניע״.
„די טהיר נישט געעפענט — אריינגעקומען״.
„שמייכעלט זי אַזוי ליעב, יעדעס שרימפּעלע שמייכעלט; פערגעס איך אַלץ. איינעלעך האָב איך שוין טרוקענע, די הענדטליך אַרום איהר האַלז, קוש איך זי״ —
— קום, זאָגט זי, קינד מיינס, שפּאַציערען.
— וואו אַהין?
ענטפערט זי:
— פאַר׳ן הויז! אין גאָרטען אריין, שפּאַציערען.
„וויים איך, אַז פאַר׳ן הויז איז קיין גאָרטען נישט פאַרהאַן; נאָר אַז די ניאַניע זאָגט...
„עפענט זי די טהיר אויף״.
— „דיר, זאָגט זי — מוז מען עפענען״.
„געהען מיר אַרויס פאַר דער טהיר — אַ גאָרטען״.
„אַרום גאָרטען — אַ מויער; אין דער מויער — אַ טהיר׳ל פאַרהאַן״.
„עפענט זי מיר דאָס טהירעל, שטופּט מיך פּלוצלונג אַריין זי בלייבט אין דרויסען און פערמאַכט מיך איינע אַליין אין גאָרטען... גיב איך אפילו קיין געשריי! אַזוי שען איז ער, דער גאָרטען. וועגען — גלאַנצענדיגע״.
און צום לאַנגען, וואָס האָט פריהער פערצעהלט, זיך וועגדענדיג:
„און נישט פון טרערען, ווי דיינער!״
און וויימער בעריהמעריש:
— „מיט גאָלדען זאַמד אויסגעשיט״!...
„און אַרום זיי — גאַנצע פעלדער בלומען, אַזוינע זאַפּ-טיג-ליכטיג-פאַרבינע, אַזוינע מיט וואָהלגערוך רייצענדיגע, און אַזוינע ליעבליכע״...
„און זיי ווינקען מיר, זיי עפענען חנ׳עוודיג די בעלערלעך און בייגען זיך, און נייגען זיך פאַר מיר, און יעדעס

בלימעלע, דאַכט זיך, לאַדט מיך איין, בעט זיך פײַן:

— „מיידעלע פֿיינס, קום צו מיר! רײַס מיך מיט דײַנע ווײַסע הענדטעלעך אָב... איך פּאַס צו דיר, בעשאַפֿען פֿאַר דיר!“

„טהו איך עס, און רײַס אַ בלום, — גאָט מײַן אײנציגער! אַ ברענענדיגער שטאָך אין האַנד; אַ דערנדיל, נישט קיין בלום!“

„נישט דערזעהן, טראַכט איך מיר, טועה געווען, און רײַס אַ צווייטס — דאָס זעלבע, — דאָס דריטע, דאָס פֿירטע — דערנדלעך און דערנדלעך, און איינס פֿאַר'ן צווייטען שטעכענדיגער, ברענענדיגער“...

„דערשרעק איך מיך. טראַכט איך מיר: אַ פֿאַלשען וועג גענומען! געה איך, לויף איך אויף איין אַנדערן“.

„בלימעלעך נאָך שענערע, פֿאַרבען נאָך רייכערע, נאָך שמעקענדיגערע בשמים; פֿאַר דאָס, אין דערנדלעך אויף דער האַנד פֿערביטען, שטעכען זיי מעהר, ברענען זיי שטאַרקער“.

וויל איך שוין וויינען, דער ניאַניע רופֿען... שוין אויפ'ן צעהנטען וועג, אויפ'ן צוועלפֿטען.

„פֿליהט אַ מחנה זומער־פֿייגעלעך פֿאַרביי. זיי שמעקען נישט, לעבען זיי! און ליכטיגער זענען זיי, און פֿאַרביגער. לויף איך נאָך, חאַפּ איך איינס — —“

„אַ ווערמיל אויף דער האַנד!“...

— ניין מאָס רייד! — בעמערקט דער לאַנגער.

איילט זי זיך צו:

— לויף איך און לויף, פֿון ווערם געעקעלט, פֿון דערנער צושטאָכען, די הענדטלעך צוהאַקט און פֿערברענט... און לויפֿענדיג, אַלע מאָל אויף נייע וועגען אַרום גאָרטען, בין איך פּלוצלונג צוריק צום טהירעל געקומען...

— געלויבט איז גאָט! — עטעמט אָב דער לאַנגער.

מאַכט זי עס נאָך קורצער:

— „עפֿענט זיך דאָס טהירעל אַליין פֿאַר מיר אויף“

קום איך אַרויס — אַ וואַסעריל פאַר'ן טהירעל! פריהער נישט געווען — אַ קלאָר קריסטאַלען וואַסעריל...

זאָגט יענער אונטער...

— "שפּיגעל איך מיך"!

בעשטעטיגט זי: יאָ!

און צוריק אין טאָן אריין פאַלענדיג:

— דערזעה איך מיך: איין אַלטע, אַ גראָהע, איין איינגעשרומפּענע...

רוף איך דערשראָקען: ניאַניע! ניאַניע!

בעווייזט זי זיך.

נעהמט זי מיך, ווי אַ מאָל, אויף דער שויס, צו זיך, און רוימט מיר עפּיס איין, אַזוי זיס גלעטענדיג און שטיל קושענדיג. און זינגט מיר עפּיס וואָס, און וויעגט מיך אַזוי איין, און שלעפערט מיך איין — — "

— אויפגעחאַפּט האָב איך מיך דאָ!...

עפּיס טונקעלער געוואָרען. די לבנה האָט געמוזט פערנעפּעלט ווערען, אפשר פון דונסט פון די טויטע מעשה'לעך; איך קוק אויף די מתים, נישט אַרויף. נעהט נאָך אַ מת, אַ נידריגער, אַ דיקליכער, מיט אַ האַלז אַ קורצען — געמוזט שטאַרבען אויף אַסטמאַ... און זעצט זיך, נישט ווייט פון מיר, אויף אַ שטיק אַלטער מצבה און זאָגט:

— איך בּיי'ם וואַסער'ל געווען! אַ שטילס, אַ קריסטאַלענס... גאָלדענע פישעלעך אינ'ם וואַסער'ל פאַרהאַן... בּין איך מיט אַ ווענדטקע געקומען... געשטעלט זיך, האָפּען געוואָלט.

"איידער איך לאָז די ווענדטקע אין וואַסער אריין, בעווייזט עס זיך"!

"אַ קינד, אַ הערליך קינד!" —

"פון הימעל אַראָב, פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען — אַ מלאך'ל אַ קליינס".

"און וואונדערליבע אייגעלעך: אָהן שוואַרצע אַפּעל — מאַטע פּערעליך אַזוינע... זעהט אַלץ, נישט קוקענדיג.

שטראַהלט מאַט, נאָר עפּיס גלײַך אין האַרץ אַרײַן. און האָט
אַ קלײַן זעקעלע אין דער האַנד."

— זאָמען אינ׳ם זעקעלע! זאָגט עס – און דאָס קול־
עכיל שפּיעלט".

"און עס שטרעקט דאָס הענדטיל אוים;

— נאַ, זאָגט עס, נעהם".

וואַרף איך די ווענדטקע פון דער האַנד אַרוים און
נעהם די ווענדקע.

— זייהע, זאָגט עס, זאָמען פון דעם זעקעלע אַרוים,
זייה אויפ׳ן וואַסער׳ל.. ווי לאַנג דו וועסט זייהען, אַזוי
לאַנג וועסטו לעבען".

"און פערשווינדט".

"פאָלג איך, וואַרף איך אַ קערנדיל נאָך אַ קערנדיל,
איבער׳ן וואַסער לאַנגזאַם. עס ווילט זיך ווי אַמלענגסטען
לעבען ... וואָס עס וואַקסט אַרוים דערפון, ווייס איך נישט;
עס טראָגט דאָס שטילע וואַסער׳ל, ראַש און ווייט אַוועק ...
מיט׳ן אויג דעריאָג איך נישט, דערזעה איך נישט ... זייה
איך אַזוי, ביז דער זאָמען האָט זיך אויסגעלאָזט" ...

ער פערשווייגט, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, און נאָך
איין אַנדערער נעהמט דאָס וואָרט:

— אַ קינד האָב איך אויך געטראָפען, נאָר אין וואַלד,
אָבער נישט קיין שענס. און גאָר, גאָר אַ קלײַנס —

"גאָר פריהער האָב איך אין דעם זעלבען וואַלד אַ גרוי־
סען געטראָפען, גאָר אַ גרויסען. און ער איז מיר נאָך אין
די אויגען געוואַקסען, "אַרויף און אַרויף" ...

"וואָס איך האָב אין וואַלד געטהון? געזוכט!"

"וואָס? האָב איך אַליין נישט געוואוסט. נאָר גע־
פעהלט עפּיס האָט מיר!"

"איך האָב געפיהלט, אַז מיר פעהלט עפּיס אַ תוך און
אין עיקר, אָהן וועלכען דאָס לעבען האָט קיין טעם און

קיין ריח נישט און עס איז קיין לעבען נישט; זוך איך און וויים נישט, וואס..."

„געה איך און טרעף איהם, דעם גרויסען, גאר דעם גרויסען".

„איין אלטער, א גרייז-גראהער, נאר מיט אזוינע גרויסע און קלארע אויגען, אז איך האב גאר קיין פחד נישט געהאט צוצוגעהן —

„צוגעקומען, דערגרייך איך איהם שוין נישט צו די קנעכיל, פונדעסטוועגען רייס איך ארונטער דעם קאפ, און קוק איהם גלייך אין די אויגען אריין.

שמייכעלט ער.

פאלט מיר איין צו פרעגען, ווי אלט ער איז, לויט דער גריים...

זאגט ער: פין דעם קען מען נישט וויסען... ער וואקסט ארויף און וואקסט אראב. ער נעהמט צו און נעהמט אב. ווי די לבנה... נאר געבוירען איז ער גלייך מיט דער צייט...

וואונדער איך מיך און פרעג: ווי לאנג ער רעכענט אזוי צו לעבען?

ענטפערט ער:

— אזוי לאנג, ווי די צייט! מיר זענען א צווילינג!

— און פון וואנען, פרעג איך, קומסט דו?

— פון גאר נישט, גלייך מיט אלעם...

— און וואו אהין געהסט דו?

— צו גאר אדער גאר נישט, אויך גלייך מיט אלעם.

זאג איך:

— דו מוזט זיין שרעקליך קלוג און געלערנט, אז איך פערשטעה נישט קיין איינציגס פון דיינע ווערטער! אפשר קאנסטו מיר זאגען, ווי עס הייסט דאס, וואס איך זוך?

ענטפערט ער:

— וואס עס ווערט געזוכט, האט קיין נאמען נישט... ערשט דערנאך, אז מען געפינט, בעקומט עס א נאמען.

— און איך וועל געפינען ?
— אויב דו וועסט געהן ...
— אויף וועלכען וועג ?
— אַלץ איינס. אַז מען געהט געפינט מען. אויף אַלע וועגען —

„געה איך ...“

„און אין אַ צייט אַרום האָב איך דאָס קינד געטראָפען“.

„גאָר אַ קליינס. נישט אָבצומאָלען, ווי קליין. אָבער נישט שען. איינגעשרומפען, געל. אין די איינגעלעך ברענט עפּיס. אַמאָל פלאַמט עס אויף ווילד, אַמאָל טליעט עס, ווי אין אַש ... די שטים הייזעריג; אַמאָל שאַרף ווי אַ מעסער.

דערשרעק איך מיך:

— ווער ביסטו ?
— „פינגעריל“.
— אַ נאָמען ?
— דאָס פינגעריל פון מעשה׳לע !

ווער איך שוין בייז:

— דו זאָגסט נישט אמת ! דאָס „פינגעריל“ פון מעשה׳לע איז שען. עס שטראַהלט, און עס בלאָנקעט זיך נישט אַרום צו־פוס אין די וועלדער ... עס וויעגט זיך אין דער לופט, אויף זילבערן אָדער גאָלדען שפינוועבס וויעגט זיך עס, אָדער אין די גערטען, אין בעכער פון רויזען און ליליען ...

— אַזוי דערצעהלט איהר ! איהר קאָנט קיינמאָל קיין ריינעם אמת נישט דערצעהלען ... אָך בין דאָס אמת׳ע „פינגעריל“, דער אמת׳ער טעם פון לעבען, דער ריח פון לעבען, דאָס, וואָס דו זוכסט, וואָס דער גרויסער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט געפינען, אויב דו וועסט געהן... און אויף אַלע וועגען.

— דו קענסט דעם גרויסען ?
— איך בין זיין לייבליכער ברודער ... נאָר דער עלטערער ! אונזער מאַמע, דאָס מעשה׳לע, האָט מיך געבוירען

פאַר דער צייט! און שטאַרבען וועל איך פאַר דאָס נאָך דער צייט... איך בין — צער...

— ניין! — פרוב איך מיך נאָך שפּאַרען — דער גרויסער האָט געזאָגט, אז דאָס, וואָס איך זוך, האָט קיין נאָמען נישט ———

— איך בין טאַקע דער צער אָהן א נאָמען...

ווי להכעיס, האָט זיך מיר פלוצלונג פאַר הונגער דער קאָפּ פערדרעהט. און האָב שוין מעהר נישט געהערט.

אַ פער׳חלש׳טען האָט מיך צומאָרגען געפונען דער קברן און קוים אָבגעמינטערט. טהרה־וואַסער אויף מיר געגאָסען...